STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08017

YIDISHE KINDER BEYS

S. Yefroikin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן יעפֿרויקין יודל מאַרק

ייִדישע קינדער ב

ליִיענבוך פֿאַרן צווייטן לערניאָר

פֿערטע איבערגעאַרבעטע אויפֿלאַגע מיט קאָנטראָלירטן וואָקאַבולאַר

אַרויסגעגעבן פֿון
בילדונגס־אָפּטיילונג פֿון אַרבעטער־רינג
ניו־יאָרק, 1961

S. EFRON (Yefroikin) YUDEL MARK

YIDDISHE KINDER

(JEWISH CHILDREN)

Copyright 1961
by the
Educational Dept.
of the
Workmen's Circle

אילוסטראַציעס פון: לאה פּאָרט, הערשל דאַנילעוויטש,
שירלי קנאָרינג און אַנדערע.

ערשטע אויפלאַגע, 1955 — געדרוקט אין 5000 עקזעמפּליאַרן
צווייטע אויפלאַגע, 1956 — געדרוקט אין 2000 עקזעמפּליאַרן
דריטע אויפלאַגע, 1960 — געדרוקט אין 2000 עקזעמפּליאַרן
פערטע אויפלאַגע, 1961 — געדרוקט אין 5000 עקזעמפּליאַרן

Printed in U. S. A.

יידישע קינדער
ב
גוטע
קינדער

צום נײַעם לערניאָר



עס איז שוין דער זומער,
דער הייסער אַוועק.
עס זײַנען געבליבן
נאָך עטלעכע טעג.

איז נעמט, קינדער, גיכער
די ביכער אַרויס,
די העפֿטן, די בלײַערס —
דער זומער איז אויס!

געשפּילט זיך, געלאָפֿן,
געאַרבעט, גערוט, —
איצט לאָמיר זיך לערנען,
לערנען זיך גוט.

לערניאָר, דאָס	school year	געלאָפֿן	ran
געבליבן	remained	איז אויס	is over
עטלעכע	a few		

אַרעלע קען אַלץ

אַרעלע לערנט זיך אין אַ ייִדישער שול. ער ווייסט שוין אַז ווען מע קומט אַרײַן אין דער פֿרי, זאָגט מען: „גוט מאָרגן".

ער ווייסט אויך אַז ווען מע קומט אַרײַן אין אָוונט, זאָגט מען: „גוטן אָוונט".

ער געדענקט אויך גוט אַז ווען עס איז שבת, זאָגט מען: „גוט שבת".

ער ווייסט אויך אַז ווען עס איז יום־טובֿ, זאָגט מען: „גוט יום־טובֿ".

איין מאָל קומט אַרעלע צו גאַסט צום זיידן. ער קומט אַרײַן און וויל ווײַזן דעם זיידן וואָס ער קען. זאָגט ער מיט איין מאָל און גיך: „גוט מאָרגן, גוטן אָוונט, גוט שבת און גוט יום־טובֿ".

דער זיידע האָט געלאַכט.

מע זאָגט — זאָגט מען	שבת — יום־טובֿ

פֿראַגעס:

1. וואָס זאָגט מען, ווען עס איז שבת?
2. וואָס זאָגט מען, ווען עס איז יום־טובֿ?
3. וואָס זאָגט מען, ווען עס איז אָוונט?
4. וואָס זאָגט מען, ווען עס איז אין דער פֿרי?

אַלץ	everything	קומען צו גאַסט	to visit
אָוונט, דער	evening	מיט איין מאָל	all at once
אין אָוונט	in the evening		

אונטער יאַנקעלעס וויגעלע

אונטער יאַנקעלעס וויגעלע
שטייט אַ קלאָר־ווײַס ציגעלע.
דאָס ציגעלע איז געפֿאָרן האַנדלען —
ראָזינקעס מיט מאַנדלען.

דאָס איז די בעסטע סחורה.
יאַנקעלע וועט לערנען תּורה!
תּורה וועט ער לערנען,
בריוולעך וועט ער שרײַבן,
אַ גוטער ייִד וועט ער פֿאַרבלײַבן!

אונטער	under	ראָזינקעס	raisins
וויגל, וויגעלע, דאָס	cradle	מאַנדלען	almonds
ציגעלע, דאָס	little goat	סחורה	(skhoyre) merchandise
האַנדלען	to trade		

ניט צעקריגט זיך

אַמאָל איז געווען אַ ברודער מיט אַ שוועסטער — בערעלע און פֿריידעלע. זיי האָבן אַלע מאָל געלעבט בשלום. איין מאָל זאָגט בערעלע צו פֿריידעלען:

— „פֿריידעלע! איך האָב געהערט אַז עס זײַנען דאָ קינדער וואָס לעבן ניט בשלום. לאָמיר זיך אויך אַ ביסעלע צעקריגן".

זאָגט פֿריידעלע: — „איך ווייס ניט ווי מע טוט דאָס".

זאָגט בערעלע: — „איך ווייס! איך וועל נעמען דאָס בוך וואָס דער טאַטע האָט אונדז ביידן געגעבן און איך וועל זאָגן: 'דאָס איז מײַן בוך'! זאָלסטו זאָגן: 'דאָס איז ניט דײַן בוך, עס איז מײַן בוך'. אַזוי וועלן מיר זיך צעקריגן".

זאָגט פֿריידעלע: — „גוט!"

נעמט בערעלע דאָס בוך און שרײַט אויס: — „זאָלסט וויסן אַז דאָס איז מײַן בוך".

טראַכט פֿריידעלע אַ מינוט. זי שמייכלט און זאָגט: — „אויב עס איז דײַן בוך — נעם עס".

און אַזוי האָבן דער ברודער און די שוועסטער זיך ניט צעקריגט. זיי האָבן ווײַטער געלעבט בשלום.

ער גיט — ער האָט געגעבן	לעבן בשלום

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט בערעלע געזאָגט צו פֿריידעלען?
2. וואָס האָט פֿריידעלע געזאָגט?
3. וועמען(whom) האָט דער טאַטע געגעבן דאָס בוך?
4. וואָס האָט בערעלע געזאָגט וועגן בוך?
5. וואָס האָט פֿריידעלע אים (him) געענטפֿערט?
6. האָבן די קינדער זיך צעקריגט?

to have an argument (a fight)	צעקריגן זיך
(besholem) in peace	בשלום
to live in peace	לעבן בשלום
how	ווי
if	אויב
this way, that's why	אַזוי



לשנה טובה תכתבֿו

לשנה טובה תכתבֿו,
אַלע, אַלע וואו איר זײַט!
לשנה טובה תכתבֿו,
סײַ פֿון נאָענט, סײַ פֿון ווײַט!

לשנה טובה תכתבֿו (Leyshono toyvo tikoseyvu) may a happy year be inscribed for you
נאָענט near

מיִען זיך to try (hard), to make an effort
לשנה טובה (leshone toyve) a happy year

לשנה טובה

לשנה טובה, פֿאָטער,
לשנה טובה, מוטער,
איך וועל זיך זייער מיִען
צו זײַן אַ זון אַ גוטער.

לשנה טובה, באָבע,
לשנה טובה, זיידע,
איך וועל זיך זייער מיִען
פֿאַרשאַפֿן פֿרייד אײַך ביידן.

לשנה־טובה(לע) New Year greeting card
וואונטש, דער the wish

ווינטשן to wish
גליקלעך happy
זאָרגן to worry

אַ גוט יאָר!

— ליבע טאַטע־מאַמע,
נאַט אײַך אַ מתנה:
אַ שיין לשנה־טובֿהלע,
אַ וואונטש צו ראָש־השנה.

אַ גוט יאָר ווינטשן מיר,
אַ גליקלעך און צופֿרידן,
אײַך און יעדן גוטן פֿרײַנד,
און אַלע, אַלע ייִדן!

ייִדן

איינס און צוויי, און דרײַ און פֿיר,
וואָס מיר זײַנען — זײַנען מיר,
אָבער ייִדן זײַנען מיר!
איינס און צוויי, און דרײַ און פֿיר.

פֿינף און זעקס, און זיבן, אַכט,
ניט געזאָרגט און נאָר געלאַכט!
שטענדיק פֿריילעך, נאָר געלאַכט —
פֿינף און זעקס, און זיבן, אַכט.

נײַן און צען, און עלף, און צוועלף,
ייִד, דעם ייִדן שטענדיק העלף!
טו אים גוטס, דײַן ברודער העלף!
נײַן און צען, און עלף, און צוועלף.

גוטע מענטשן

אַמאָל זײַנען צוויי מענטשן געקומען צו אַ ריכטער. האָט אײנער געזאָגט:

— „איך האָב געקויפֿט בײַ דעם מענטשן אַן אַלט הויז. ווען איך האָב דאָס הויז פֿאַרריכט, האָב איך אין אַ וואַנט געפֿונען אַ סך גאָלד. וויל איך דעם מענטשן געבן זײַן גאָלד, וויל ער ניט נעמען".

האָט דער צווייטער געזאָגט: — „איך האָב פֿאַרקויפֿט דאָס הויז און אַלץ וואָס איז אין הויז. פֿאַרקויפֿט איז פֿאַר־קויפֿט. עס איז ניט מײַן גאָלד, איך וויל עס ניט".

האָט דער ריכטער געזאָגט: — „אַ סך מענטשן זײַנען שוין געקומען צו מיר, אָבער קײנער האָט ניט גערעדט ווי איר. איר זײַט בײדע גוטע מענטשן".

דער ריכטער האָט געטראַכט אַ מינוט. — „האָסטו אַ זון?" — פֿרעגט ער אײנעם. — „יאָ". — „האָסטו אַ טאָכ־טער?" — פֿרעגט ער דעם צווייטן. — „יאָ".

— „זעט אַז דער זון און די טאָכטער זאָלן חתונה האָבן און גיט זײ דאָס גאָלד", — האָט דער ריכטער געזאָגט.

אַ סך	חתונה האָבן	קויפֿן — פֿאַרקויפֿן

פֿראַגעס:

1. וואָס האָט דער ריכטער געזאָגט?
2. איז דער ריכטער געווען אַ קלוגער?
3. וואָס האָט געזאָגט דער מענטש וואָס האָט געקויפֿט דאָס הויז?
4. וואָס האָט געזאָגט דער מענטש וואָס האָט פֿאַרקויפֿט דאָס הויז?
5. זײַנען בײדע מענטשן געווען גוטע מענטשן?

ריכטער	judge	דער זון	the son
פֿאַרריכטן	to repair	די טאָכטער	the daughter
פֿאַרקויפֿן	to sell	חתונה האָבן	(khasene) to marry, to get married
(האָב געפֿונען)	found		



איך בין אַ ייִדיש ייִנגעלע

איך בין אַ ייִדיש ייִנגעלע,
דאָס קענט איר זען אַליין.
אָבער ייִדיש, זעט איר,
קען איך ניט פֿאַרשטיין.

שיקט מען מיך אין שול —
גיי איך, לויף איך גערן,
ווײַל אין שול ייִדיש
לערן איך און לערן.

יעדן טאָג אַ טראָפּעלע,
יעדן טאָג אַ ביסל,
און נאָך אַ ביסל, —
און נאָך אַ ביסל —
ווערט אַ פֿולע שיסל.

שיקן	to send
גערן	gladly
טראָפּעלע	a small drop

פֿאַר יום־כּיפּור

עס איז אַמאָל געווען אַ גוטער מאַן. ער האָט געגעבן אַ סך צדקה. ווען עס איז געקומען דער טאָג פֿאַר יום־כּיפּור, האָט דער גוטער מאַן געזאָגט צו זײַן זון:

— „נעם דאָס געלט וואָס איך גיב דיר און גיי אַרײַן צו אונדזער שכן. לייג דאָס געלט שטיל אַוועק אין זײַן הויז.

ליג עס אַזוי אַוועק, ער זאָל ניט זען און גיי אַרויס״.

דער זון איז גיך געקומען צוריק מיט דעם געלט און האָט געזאָגט:

— „טאַטע, איך האָב דאָס געלט ניט געלאָזן בײַ אונדזער שכן. ווען איך בין אַרײַן צו אים אין הויז, האָב איך געזען אויפֿן טיש גוטע זאַכן״.

— „דאַרף מען אונדזער שכן געבן נאָך מער געלט!״ — האָט דער גוטער מאַן געזאָגט.

— „פֿאַרוואָס?״ — האָט דער יִנגל געפֿרעגט.

האָט דער גוטער מאַן געזאָגט:

— „אונדזער שכן איז אַמאָל געווען רײַך. ער האָט געלעבט רײַך. ער האָט געהאַט אַ סך געלט. איך ווייס אַז איצט איז ער אָרעם. ער האָט ניט קיין געלט. נאַ דיר נאָך געלט. גיי אַרײַן צו אונדזער שכן און ליג עס שטיל אַוועק, ער זאָל ניט זען ווער עס העלפֿט אים.

געדענק! הײַנט איז דער טאָג פֿאַר יום־כּיפּור, הײַנט איז דער טאָג פֿון געבן צדקה.

שטענדיק זאָלסטו געבן וויפֿל דער צווייטער דאַרף.
שטענדיק זאָלסטו געבן מער וויפֿל דו קענסט.
געדענק עס דײַן גאַנץ לעבן!״

יום־כּיפּור	צדקה	שכן	צדקה געבן און ווי אַ ייִד לעבן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט דער טאַטע געזאָגט דעם זון?
2. האָט דער יִנגל געלאָזן דאָס געלט בײַם שכן?
3. וואָס האָט דער זון געזען (saw) בײַם שכן?
4. פֿאַרוואָס האָט דער גוטער מאַן געזאָגט אַז מע דאַרף געבן נאָך מער געלט?
5. וואָס האָט דער טאַטע געזאָגט דעם זון וועגן געבן צדקה?
6. ווען איז דער טאָג פֿון געבן צדקה?

יום־כּיפּור	Yomkiper	געלאָזן	left
פֿאַר	before	שכן	(shokhn) neighbor
צדקה	(tsdoke) charity	אָרעם	poor
געבן	to give	רײַך	rich
געגעבן	gave		

אַ סוכּהלע

אַ סוכּהלע אַ קלייניִנקע,
אַ סוכּהלע אַ שייניִנקע
האָב איך מיר געמאַכט,
האָב איך מיר געמאַכט.
איך האָב מיט מײַנע הענטעלעך
אויסגעפּוצט די ווענטעלעך,
און געדעקט דעם דאַך
מיט אַ ביסל סכך.

איך האָב מיט מײַנע הענטעלעך
אויסגעפּוצט די ווענטעלעך,
אַלץ אַליין געמאַכט,
אַלץ אַליין געמאַכט.

סוכּה	אויסגעפּוצט	סכך

סוכּה (suke) succah
סכך (skhakh) branches and leaves covering the succah
דאַך, דער roof
דעקן to cover
אויסגעפּוצט decorated

איך העלף בויען אַ סוכּה

אונדזער הויז האָט אַ גרויסן הויף. פֿאַר סוכּות נעמט זיך דער זיידע בויען אַ סוכּה אויפֿן הויף. דער זיידע אַרבעט און איך העלף. מיר מאַכן אַ שיינע סוכּה.

די סוכּה איז שוין פֿאַרטיק. איצט פּוצן מיר אויס די סוכּה. איך ברענג בילדער פֿאַר דער סוכּה. עס איז אַ גרויסע פֿרייד צו זען ווי שיין עס איז די סוכּה.

עס איז געקומען דער יום־טובֿ סוכּות. מיר אַלע זיצן אין סוכּה. עס זײַנען דאָ דער טאַטע און די מאַמע, דער זיידע און די באָבע און איך. אַלע זײַנען צופֿרידן.

— „אַ שיינע סוכּה“, — זאָגט דער טאַטע.

— „און ווי שיין זי איז אויסגעפּוצט!“ — זאָגט די מאַמע.

דער זיידע שמייכלט. ער שמייכלט און ער זאָגט:

— „ווען ניט משהלע, וואָלט קיין סוכּה ניט געווען. ער האָט מיר געהאָלפֿן בויען די סוכּה. ער האָט מיר געהאָלפֿן אויספּוצן די סוכּה!“

אַלע זאָגן אַז איך בין אַ קלוג קינד. מײַן פֿרייד איז גרויס. איך זיץ און שווײַג.

סוכּה	סוכּות	משהלע

פ ר אַ ג ע ס :

1. ווי הייסט דער ייִנגל וואָס האָט געהאָלפֿן בויען די סוכּה ?
2. וואו בויט דער זיידע די סוכּה ?
3. וואָס טוען משהלע און דער זיידע, ווען די סוכּה איז שוין פֿאַרטיק ?
4. ווער זיצט אין סוכּה ?
5. וואָס זאָגט דער זיידע, ווען אַלע זיצן אין סוכּה ?
6. וואָס זאָגט משהלע ?

בויען	to build	נעמען זיך	to start
(האָט) געהאָלפֿן	helped	הויף, דער	backyard

אַ סוכּות-ליד

אַ סוכּהלע זיך אויפֿגעבויט,
פֿיר ווענט, אַ טיר, אַ דאַך.
איך האָב געדעקט דאָס סוכּהלע
מיט פֿרישן גרינעם סכך.

טיש און שטולן זײַנען דאָ,
דער טיש מיט ווײַס פֿאַרשפּרייט ;
חלה — פֿריש געבאַקענע
האָט מאַמע צוגעגרייט.

די ווענט באַפּוצט מיט בילדעלעך,
פֿענצטער — קליינע צוויי.
אויף פֿאָדעם הענגען ווײַנטרויבן
און פֿרוכטן אַלערליי.

די מאַמע, אין דעם שיינעם קלייד
און מיט אַ גוט געזיכט,
דעקט שטיל די ליבע אויגן צו
און בענטשט די יום-טובֿ-ליכט.

סוכּות — סוכּה	סכך	חלה	יום-טובֿ-ליכט

צוגרייטן	to prepare	פֿרוכט	fruit
פֿריש	fresh	ווײַנטרויבן	grapes
געבאַקן	baked	געזיכט, דאָס	face
הענגען	to hang; are hanging	אַלערליי	of all kinds
באַפּוצן	to trim, to decorate	פֿאַרשפּרייט	spread
בענטשן	to bless		

שׂמחת־תּורה

שׂמחת־תּורה
זי איז דאָך
אַ גרויסע פֿרייד,
די בעסטע סחורה.

אַ שיינע תּורה
מיט קלוגע רייד.
תּורה איז ליכט,
און ליכט איז לעבן.

וואויל איז דעם
וואָס לערנט תּורה,
העכער, קינדער, הייבט די פֿאָן,
זאָל זי אייביק שוועבן.

שׂמחת־תּורה	(Simkhes-toyre)	הייבן	to lift, to raise
רייד	talk	אייביק	forever
וואויל איז	fortunate is, good for...	שוועבן	to float on air

ניט איך! ניט איך!

דער לערער האָט דערציילט די מעשׂה פֿון חומש, ווי גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט. אַלע קינדער האָבן זיך צו־געהערט, אָבער לייבעלע האָט זיך ניט צוגעהערט. ער האָט געשטערט די קינדער צו הערן די מעשׂה.

— „לערער, מע שטערט מיר, מע שטערט מיר! מע לאָזט מיך ניט זיך צוהערן", — האָט איין קינד געזאָגט.

— „ווער טוט עס?" — האָט דער לערער געפֿרעגט.

— „ניט איך! ניט איך!" — האָט לייבעלע אויסגע־רופֿן.

— „לערער, מע שטערט מיר ווידער און מע לאָזט מיך ניט זיך צוהערן", — האָט אַן אַנדער קינד געזאָגט.

— „ווער טוט עס?" — האָט דער לערער ווידער געפֿרעגט.

— „ניט איך! ניט איך!" — האָט לייבעלע אויסגע־רופֿן.

נאָך דעם האָט דער לערער געפֿרעגט: — „ווער האָט באַשאַפֿן די וועלט?"

— „ניט איך! ניט איך!" — האָט לייבעלע ווידער אויסגערופֿן.

די קינדער האָבן געלאַכט.

מעשה	חומש	האָט באַשאַפֿן	שטערן

פֿראַגעס:

1. וואָס האָט דער לערער דערציילט?
2. ווער האָט געשטערט די קינדער זיך צוהערן?
3. וואָס האָט לייבעלע אויסגערופֿן די גאַנצע צײַט?
4. פֿאַרוואָס האָבן די קינדער געלאַכט?

גאָט God
באַשאַפֿן to create
צוהערן זיך to listen carefully
שטערן to disturb
אויסרופֿן to call out

קומט דער ליבער זומער

קומט דער ליבער זומער,
שפּילן מיר אין זאַמד.
וואו ס'איז אונדזער וואוינונג —
דאָרט איז אונדזער לאַנד.

רויטע קאַרשן רײַסן מיר,
גרינע לאָזן מיר שטיין;
גוטע קינדער נעמען מיר,
שלעכטע לאָזן מיר גיין.

זאַמד sand
וואוינונג residence; home
קאַרשן cherries
רײַסן to pick

דער פֿוקס און די פֿיש

אַ פֿוקס איז אַמאָל געקומען צו אַ טײַך, זעט ער ווי די פֿיש שווימען אין וואַסער. זיי שווימען פֿון איין אָרט צום אַנדערן. זיי רוען ניט. זיי שווימען גיך. זיי לויפֿן!

— „וואָס לויפֿט איר אַזוי?" — פֿרעגט דער פֿוקס.

האָבן די פֿיש געענטפֿערט:

— „מיר קענען ניט בלײַבן אויף איין אָרט. מיר שווימען גיך, מיר לויפֿן, די נעצן זאָלן אונדז ניט כאַפּן. אויב מיר וועלן זײַן אויף איין אָרט, וועלן די נעצן אונדז קענען כאַפּן".

זאָגט צו זיי דער פֿוקס: — „קומט אַרויס פֿון וואַסער! קומט צו מיר, וועט איר ניט דאַרפֿן מורא האָבן פֿאַר די נעצן".

ענטפֿערן אים די פֿיש: — „מע זאָגט אַז דו ביסט קלוג, אָבער דו ביסט אַ גרויסער נאַר. אויב מיר האָבן מורא אין וואַסער, וואָס איז אונדזער לעבן, וועלן מיר דאָך געוויס שטאַרבן אויף דער ערד".

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס האָט דער פֿוקס געזען אין טײַך?
2. וואָס האָט דער פֿוקס געפֿרעגט די פֿיש?
3. וואָס האָבן די פֿיש דערציילט וועגן די נעצן?
4. וואָס האָבן די פֿיש געענטפֿערט דעם פֿוקס?

פֿוקס, דער	fox	מורא האָבן	to be afraid
טײַך, דער	river	שטאַרבן	to die
נעצן	nets	געוויס	certainly
כאַפּן	to catch	ערד, די	earth

פֿאַרן שפּיגל

אַמאָל איז אַ קליין מיידעלע געשטאַנען פֿאַר אַ שפּיגל מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. האָט די מאַמע געפֿרעגט:

— „פֿאַרוואָס שטייסטו פֿאַרן שפּיגל מיט פֿאַרמאַכטע אויגן?"

האָט דאָס מיידעלע געענטפֿערט:

— איך ווייס שוין ווי איך זע אויס, ווען איך בין וואַך. איצט וויל איך זען ווי איך זע אויס, ווען איך שלאָף".

שפּיגל, דער	mirror
פֿאַרמאַכט	closed
וואַך	awake

די וועווערקע און דער וואָלף

אַ וועווערקע שפּרינגט פֿון בוים צו בוים און פֿאַלט אַראָפּ אויף אַ וואָלף וואָס ליגט און שלאָפֿט. דער וואָלף כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף. ער שפּרינגט אויף און כאַפּט די וועווערקע.

בעט זיך די וועווערקע בײַם וואָלף: — „לאָז מיך לעבן, לאָז מיך לעבן!"

זאָגט דער וואָלף צו איר: — „גוט, איך וועל דיך לאָזן לעבן, נאָר זאָג מיר: פֿאַרוואָס זײַט איר, וועווערקעס, אַזוי פֿריילעך? מיר איז שטענדיק אַזוי אומעטיק, און איר, וועווערקעס, שפּרינגט און שפּילט זיך שטענדיק".

ענטפֿערט אים די וועווערקע: — „לאָז מיך אָפּ, וועל איך דיר זאָגן".

דער וואָלף האָט אָפּגעלאָזט די וועווערקע. זי איז אַרויף אויפֿן בוים און געזאָגט דעם וואָלף: — „דיר איז אומעטיק, ווײַל דו ביסט אַ שלעכטער. אונדז איז פֿריילעך, ווײַל מיר זײַנען גוטע".

לאָזט אָפּ	כאַפּט זיך אויף	שפּרינגט אויף

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. פֿאַרוואָס זײַנען די וועווערקעס פֿריילעך?
2. פֿאַרוואָס איז דער וואָלף אַן אומעטיקער?
3. ווי אַזוי האָט דער וואָלף געכאַפּט די וועווערקע?
4. וואָס האָט די וועווערקע געבעטן?
5. וואָס האָט דער וואָלף געפֿרעגט?
6. וואָס האָט די וועווערקע געענטפֿערט?

to let go	אָפּלאָזן	squirrel	וועווערקע, די
down	אַראָפּ	wolf	וואָלף, דער
to wake up	אויפֿכאַפּן זיך	tree	בוים, דער

דאָס שיפּעלע

ברעטלעך קויף איך מיר פֿאַר געלט,
שלאָג איך זיי צוזאַמען.
מאַך איך מיר אַ שיפּעלע
צו פֿאָרן איבער ימען.

לאָז איך זיך אין וועג אַרײַן,
אין וועג אַרײַן אין ווײַטן.
שפּרייט איך מיר אַ זעגל אויס,
אַ לאַנגן און אַ ברייטן.

שפּרייט איך מיר אַ זעגל אויס,
בלאָזט אַ ווינט אַ לינדער,
ווינט, דו ווינט, מײַן שיפֿל טראָג,
טראָג עס נאָר געשווינדער!

דער ים	דער זעגל	די שיף	דאָס שיפּעלע

שיף, די	ship
שיפּעלע, דאָס	little ship, boat
ברעטל, דאָס	little board
צוזאַמענשלאָגן	to hammer together
ים (ימען)	(yam) sea(s)
לאָזן זיך אין וועג אַרײַן	to set out, to depart
וועג, דער	route
זעגל, דער	sail
אויסשפּרייטן	to spread
ברייט	wide, broad
בלאָזן	to blow
ווינט, דער	wind
לינד	mild
געשווינד	fast

קאָלומבוס און ייִדן

— „לאָמיר פֿאָרן צוריק!" — האָבן געשריִען די מענטשן אויף קאָלומבוסעס שיפֿן.

— „מיר פֿאָרן און מיר פֿאָרן — און מיר זעען נאָר וואַסער. מיר וועלן צו אַ לאַנד ניט קומען. לאָמיר פֿאָרן צוריק!"

קאָלומבוס האָט ניט געוואָלט פֿאָרן צוריק. ער האָט געגלייבט אַז ער וועט קומען מיטן ים קיין אינדיע.

די מענטשן אויף די שיפֿן האָבן יעדן טאָג געשריִען העכער: — „לאָמיר פֿאָרן צוריק!"

אויף די דרײַ שיפֿן זײַנען געווען ייִדן. זיי האָבן ניט דערציילט אַז זיי זײַנען ייִדן. ווען זיי דערציילן אַז זיי זײַנען ייִדן, לאָזט מען זיי ניט פֿאָרן אויף די שיפֿן.

ייִדן האָבן געזוכט אַ נײַ לאַנד, וואו זיי זאָלן קענען לעבן פֿרײַ. זיי האָבן געוואָלט אַז קאָלומבוס זאָל פֿאָרן ווײַטער און ווײַטער.

די ייִדן האָבן זיך געבעטן בײַ די מענטשן אויף די שיפֿן:

— „וואַרט נאָך צוויי טעג! וואַרט נאָך דרײַ טעג!"

— „גוט, נאָך דרײַ טעג וועלן מיר וואַרטן", — האָבן די מענטשן געזאָגט.

עס איז אַוועק אַ טאָג, און קיין לאַנד האָט מען נאָך ניט געזען. עס איז אַוועק נאָך אַ טאָג, און מען האָט נאָך אַלץ ניט געזען קיין לאַנד. אויפֿן דריטן טאָג האָט איין מענטש געזען לאַנד. — „איך זע לאַנד!" — האָט ער אויסגערופֿן.

אַלע אויף די שיפֿן האָבן זיך געפֿרייט. נאָך מער האָבן זיך געפֿרייט קאָלומבוס און די ייִדן. קאָלומבוס האָט געגלייבט אַז ער האָט געפֿונען אַ נײַעם וועג קיין אינדיע. די ייִדן האָבן געהאָפֿט אַז דאָס איז אַ נײַ לאַנד, וואו זיי וועלן קענען לעבן פֿרײַ.

קיין נײַעם וועג קיין אינדיע האָט קאָלומבוס ניט געפֿונען. ער האָט געפֿונען אַ נײַ לאַנד, אַ זייער גרויס לאַנד. אין דעם נײַעם גרויסן לאַנד לעבן ייִדן פֿרײַ.

געוואָלט	געגלייבט	געהאָפט	געפונען

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס האָט קאָלומבוס געוואָלט געפינען?
2. וואָס האָבן די ייִדן אויף קאָלומבוסעס שיפן געוואָלט געפינען?
3. פאַרוואָס האָבן די ייִדן אויף קאָלומבוסעס שיפן ניט געזאָגט אַז זיי זײַנען ייִדן?
4. פאַרוואָס האָבן די מענטשן אויף די שיפן געוואָלט פאָרן צוריק?
5. וואָס האָט קאָלומבוס און די ייִדן זיי געבעטן?
6. וואָס איז געווען אויפן דריטן טאָג?

wanted	געוואָלט	to find	געפינען
to wait	וואַרטן	yelled, shouted	געשריִען
third	דריטער	free	פֿרײַ
to hope	האָפן	to believe	גלייבן

דאָס קלוגע מיידעלע

אײן מאָל איז אַ מאַן פֿון אַ ווײַט לאַנד געקומען קיין (to) ירושלים. זעט ער, אַ מיידעלע טראָגט אַ טעלער, און דער טעלער איז צוגעדעקט. האָט דער מאַן געפרעגט:

— „מיידעלע, וואָס טראָגסטו אין טעלער?"

האָט דאָס מיידעלע געענטפערט: — „איך טראָג וואָס די מאַמע האָט מיר געגעבן צו טראָגן".

— „אָבער וואָס איז דאָס, מיידעלע?" — האָט דער מאַן געפרעגט.

האָט דאָס מיידעלע געענטפערט: — „אויב די מאַמע וואָלט געוואָלט אַז אַלע זאָלן וויסן וואָס עס איז אין טעלער, וואָלט זי ניט געהייסן אים צודעקן".

דער מאַן האָט געשמייכלט און געזאָגט: — „קלוג זײַנען די מיידעלעך פֿון ירושלים".

ירושלים	וואָלט געוואָלט

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס האָט געזען דער מאַן וואָס איז געקומען קיין ירושלים?
2. וואָס האָט ער געפרעגט?
3. וואָס האָט דאָס מיידעלע געענטפערט?
4. פאַרוואָס האָט די מאַמע געהייסן צודעקן דעם טעלער?
5. וואָס האָט געזאָגט דער מאַן?

to know	וויסן	(Yerusholayim) Jerusalem	ירושלים
told (to do)	געהייסן	to cover	צודעקן
		would	וואָלט

אין דער פֿרי



דערצייל וואָס דו זעסט אויף די בילדער.

פּרישטיק

איין מאָל אין דער פֿרי גיט די מאַמע יאַנקעלען ברויט מיט פּוטער. זאָגט יאַנקעלע — „איך וויל ניט קיין ברויט מיט פּוטער, איך וויל פֿרישטיק!"

גיט אים די מאַמע אַן איי. זאָגט יאַנקעלע: — „איך וויל ניט קיין איי, גיב מיר פֿרישטיק".

גיט אים די מאַמע מילך. זאָגט יאַנקעלע: — „איך וויל ניט קיין מילך". גיט אים די מאַמע זיס געבעקס, חלה, אַן עפּל. נאָר יאַנקעלע שרייַט אַלץ:

— „איך וויל דאָס ניט! דאָס וויל איך ניט!"

— „וואָס ווילסטו?" — פֿרעגט די מאַמע — „דאָס טעלערל פֿון הימל?"

— „ניין" — ענטפֿערט יאַנקעלע — „איך וויל פֿרי־שטיק!"

וואָס ווילסטו?	דו ווילסט

פּוטער, די butter
איי, דאָס egg
מילך, די milk
דו ווילסט, ווילסטו you want

הימל, דער sky
טעלער, דער plate
דאָס טעלערל פֿון הימל the moon on a plate

באָבע, דערצייל מיר אַ מעשה!

— „באָבע, דערצייל מיר אַ מעשה!"

— „גוט, מײַן אייניקל, איך וועל דיר דערציילן: אַמאָל איז געווען אַ קליין פּייגעלע, האָט עס געהאַט שיינע, רויטע שיכעלעך"...

— „באָבע! ווי קען עס זײַן? האָט דען אַ פּייגעלע שיכעלעך?"

— „ביסט גערעכט, מײַן אייניקל. איך וועל אָנהייבן נאָכאַמאָל: אַמאָל איז געווען אַ פּייגעלע, האָט עס געטראָגן אַ שיין, ווײַס קליידעלע"...

— „באָבע, טראָגט אַ פּייגעלע אַ קליידעלע?"

— „דו ביסט גערעכט, מײַן אייניקל. איך וועל אָנהייבן נאָכאַמאָל: אַמאָל איז געווען אַ פּייגעלע, האָט עס געהאַט שיינע, ווײַסע ציינדעלעך"...

— „באָבע, האָסטו אַמאָל געזען בײַ אַ פּייגעלע ציינדעלעך?"

— „ביסט גערעכט, מײַן אייניקל. איך וועל אָנהייבן נאָכאַמאָל: אַמאָל איז געווען אַ פּייגעלע. האָט עס גערעדט און גערעדט און"...

— „באָבע, אַ פּייגעלע זינגט, אַ פּייגעלע רעדט דאָך ניט".

— „ביסט ניט גערעכט, מײַן אייניקל. איך האָב אַ פּייגעלע מיט רויטע שיכעלעך, מיט אַ ווײַס קליידעלע און מיט ווײַסע ציינדעלעך, און זי לאָזט ניט דערציילן אַ מעשה."

— „גערעכט, באָבע, גערעכט! איך היים דאָך פּיי-געלע!"

דו ביסט גערעכט	דאָס אייניקל	אַמאָל איז געווען

פּראַגעס:

1. ווי הייבט אָן די באָבע איר (her) מעשה?
2. וועגן וועמען דערציילט די באָבע?
3. און וואָס האָט פּייגעלע געטראָגט?
4. וואָס האָט געהאַט דער באָבעס פּייגעלע?

אייניקל, דאָס	grandchild	גערעכט	right
דען	then	ציינדעלעך	litle teeth
אָנהייבן	to begin, to start	געטראָגן	wore
נאָכאַמאָל	again		



באָבעניו

— זינג אונדז עפּעס באָבעניו,
זינג אונדז עפּעס, קרוין!
— איך האָב אײַך אַלע לידעלעך
אויסגעזונגען שוין!

— ניין, ניט אַלע, באָבעניו,
טו אונדז נאָר צוליב!
וועלן מיר דיך, באָבעניו,
האָבן זייער ליב!

טו מיר צוליב	ליב האָבן	באָבינקע

עפּעס — something
קרוין, די — crown

ניין — no
טו מיר צוליב — do it for my sake, do me a favor

זיידעניו

וואָס איז זיידע אַזוי גרוי ?
ווײַל אַ זיידע איז אַזוי !
וואָס גייט זיידע טריט בײַ טריט ?
ווײַל אַ זיידע אײַלט זיך ניט.
זיידע טוט די ברילן אָן,
ווײַל אַ זיידע דאַרף עס טאָן.
זיידע לערנט תּורה פֿיל,
ווײַל אַ זיידע קען און וויל.

זיך אײַלן	ברילן	תּורה

גרוי	gray	טוט אָן	puts on
אײַלן זיך	to hurry	טריט בײַ טריט	one step after another
ברילן	eye-glasses		



זיידע, רוף אים ניט אייניקל...

— „איך האָב נאָר איין אייניקל“, — האָט דער זיידע אַלע מאָל געזאָגט — „הערשעלע, דו ביסט מײַן טײַער אייניקל!“

הערשעלע האָט ליב געהאַט דעם זיידן און ער האָט ליב געהאַט צו הערן, ווי דער זיידע רופֿט אים: „מײַן טײַער אייניקל!“.

הערשעלעס מאַמע האָט געהאַט נאָך אַ קינד, אַ ייִנגל.

— „איך האָב איצט צוויי ייִנגלעך“, — האָט די מאַמע געזאָגט, — „אַ הערשעלען און אַ משהלען“.

הערשעלע האָט ליב זײַן ברודערל, דעם קליינעם משהלע.

דער זיידע איז געקומען. ווי אַלע מאָל האָט ער געקושט הערשעלען און געזאָגט — „הערשעלע, דו ביסט מײַן טײַער אייניקל!“

דער זיידע נעמט משהלען אויף די הענט און זאָגט:

— „משהלע, קליין משהלע, דו ביסט מײַן טײַער אייניקל!“

— „זיידע, רוף אים ניט אייניקל“, — זאָגט הערשעלע, — „רוף אים צווייניקל!“

רופֿן to call ברודער, דער brother נאָך אַ another

אַ ייִדיש מיידעלע

איך בין אַ ייִדיש מיידעלע,
דאַרף איך ייִדיש ריידן
ווי מײַן טאַטע־מאַמע רעדט
מיט מײַן באָבע־זיידן.

ייִדיש שרײַבן, ייִדיש לייענען
און אויף ייִדיש שפּילן;
ייִדיש לאַכן, ייִדיש וויינען,
און אויף ייִדיש פֿילן.

לאָמיר אַלע, קינדערלעך,
אין דער שול איצט גיין;
וועלן מיר דאָרטן לערנען,
ייִדיש צו פֿאַרשטיין.

ייִדיש שרײַבן, ייִדיש לייענען,
און אויף ייִדיש שפּילן;
ייִדיש לאַכן, ייִדיש וויינען,
און אויף ייִדיש פֿילן.

פֿילן	to feel
דאָרט, דאָרטן	there
ייִדיש	Jewish, Yiddish

פּערעלע מיט די באַלאָנען

פּערעלע איז געגאַנגען מיט דער מאַמען אין גאַס. האָבן זיי געזען — אַ מאַן פֿאַרקויפֿט גרויסע באַלאָנען.

— „קויף מיר דעם רויטן באַלאָן", — האָט פּערעלע געבעטן בײַ דער מאַמען.

די מאַמע האָט געקויפֿט פּערעלען דעם רויטן באַלאָן.

— „מאַמע, קויף מיר אויך דעם גרינעם באַלאָן!" — האָט פּערעלע זיך געבעטן.

די מאַמע האָט געקויפֿט פּערעלען דעם גרינעם באַלאָן.

— „מאַמע, קויף מיר דעם גרויסן געלן באַלאָן", — האָט פּערעלע ווידער געבעטן.

— „אָבער דו האָסט דאָך שוין צוויי באַלאָנען", — האָט די מאַמע געזאָגט.

האָט פּערעלע געזאָגט: — „מיר געפֿעלט ניט דער רויטער באַלאָן, מיר געפֿעלט ניט דער גרינער באַלאָן. מיר געפֿעלט נאָר דער געלער. קויף מיר, מאַמע!"

די מאַמע האָט געקויפֿט פּערעלען אויך דעם געלן באַ־לאָן.

פּערעלע הייבט אָן וויינען:

— „מאַמע, איך וויל דעם בלויען באַלאָן! מאַמע איך וויל"...

די מאַמע האָט ניט געוואָלט אַז פּערעלע זאָל וויינען. האָט די מאַמע איר געקויפֿט אַלע באַלאָנען.

איז געקומען אַ ווינט, און פּערעלען איז געוואָרן שווער צו האַלטן אַלע באַלאָנען. זי האָט געשריִען: — „מאַמע, מאַמע! דער ווינט טראָגט מיך אַוועק!"

— „לאָז אָפּ די באַלאָנען! לאָז אָפּ די באַלאָנען, וועט דער ווינט ניט קענען דיך אַוועקטראָגן", — האָט די מאַמע געזאָגט.

פּערעלע האָט אין שרעק אָפּגעלאָזט אַלע באַלאָנען און אומעטיק געקוקט ווי זיי הייבן זיך אויף הויך, הויך. זי נעמט דער מאַמעס האַנט און גייט ווײַטער שטיל מיט איר שפּאַצירן. זי ווייסט איצט אַז זי האָט געוואָלט צו פֿיל.

זיך בעטן	אַפּלאָזן	אַוועקגעטראָגן	מיר געפֿעלט

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס האָט פּערעלע געזען ?
2. וואָסערע באַלאָנען האָט די מאַמע געקויפֿט פּערעלען ?
3. פֿאַרוואָס איז פּערעלען געוואָרן שווער צו האַלטן די באַלאָנען ?
4. וואָס איז געוואָרן מיט פּערעלעס באַלאָנען ?
5. וואָס פֿאַרשטייט זי איצט ?

באַלאָן, דער baloon	געל yellow	האַלטן to hold
געפֿעלט מיר I like	שרעק fear	דיך you
בלוי blue	צו פֿיל too much	

אַ וויגליד

איַי־ליו, האַלט איַין דיַין צינגעלע,
גענוג שוין שריַיען דיר!
דו שלאָפֿסט נישט מער, מיַין ייִנגעלע,
נו, שאַ, נו קום צו מיר.
איך וועל זינגען דיר אַ לידעלע,
וועסט וואַקסן מיט דעם ליד.
וועסט אויסוואַקסן, קליין ייִדעלע,
אַ גרויסער, שיינער ייִד!

וויגליד, דאָס lullaby	גענוג enough
צינגעלע, דאָס little tongue	האַלט איַין keep, check, restrain
אויסוואַקסן to grow up	

אַן אָוונט אין דער היים

דערציייל וואָס דו זעסט אויף די בילדער.

איצט און שפּעטער

— „זע נאָר, ווי דו ביסט צעהיצט!
וואָס איז מיט דיר געשען?"
— „גאָרניט, מאַמע, איך בין איצט
ביי מאָטעלען געווען.

מיר האָבן גאָרניט ניט געטאָן —
געשפּילט אין פערדלעך בלויז;
נעמט זיין מאַמע און זי טרייבט
מיך גאָר אַרויס פון הויז!"



— „זאָלסט, מיין קינד, ניט גיין אַהין,
זי איז געווען גערעכט;
אין הויז אין פערדלעך זיך געשפּילט,
געווען צו ווילד און שלעכט".

— „אָבער איצט וועל איך זיין שטיל,
איך וויל דאָרט ווידער גיין;
מאַמע, ס'איז מיר אומעטיק,
איך קען ניט שפּילן זיך אַליין".

— „רו זיך אויס, וועסט שפּעטער גיין,
דו ביסט אַזוי צעהיצט".
— „כ'וויל שוין גיין צו מאָטעלען,
עס איז שוין שפּעטער איצט".

וואָס איז מיט דיר געשען?	ס'איז מיר אומעטיק

פ ר אַ ג ע ס:

1. פאַרוואָס איז דער יינגל צעהיצט?
2. וואָס האָט מאָטעלעס מאַמע געטאָן?
3. וואָס האָט דעם יינגלס מאַמע געזאָגט?
4. וואָס האָט דער יינגל געענטפערט?

צעהיצט	hot, excited	פערד	horse	טרייבן	to drive, to chase
געשען	happened	בלויז	just, only	אַהין	there
גאָרניט	nothing	געטאָן	did	ווילד	wild

אַליין — אָן דער לערערין

מיר זײַנען געקומען אין שול. די לערערין איז ניט געווען.
אויפֿן טאָוול אין אונדזער קלאַס איז געווען אָנגעשריבן אַזוי:

קינדער! מײַן מוטער איז קראַנק— איך וועל קומען שפּעטער. איך בעט די קינדער זיצן שטיל און שרײַבן פֿון ביכל.
אײַער לערערין

אַלע קינדער זײַנען געוואָרן אומעטיק. זיי האָבן גענומען די ביכלעך און די העפֿטן און געשריבן. קיינער האָט ניט געשטערט. אַלע זײַנען געווען שטיל.

פֿריידעלע הייבט זיך אויף פֿון אָרט און זאָגט צו די קינדער: — „זאָל יעדער קינד געבן אַ ביסעלע געלט. פֿאַר דעם געלט וועלן מיר קויפֿן בלומען פֿאַר דער לערערין".

האָבן אַלע קינדער געגעבן געלט.

פֿריידעלע און נאָך אַ מיידל זײַנען אַוועק אין קראָם פֿון בלומען. זיי האָבן געקויפֿט פֿאַר דעם גאַנצן געלט שיינע בלומען.

דער גאַנצער קלאַס האָט זיך געפֿרייט.

מיר האָבן די בלומען געשטעלט אין וואַסער. איצט זײַנען זיי בײַ דער לערערין אויפֿן טיש.

מיר האָבן אָנגעשריבן אַ בריוועלע און אַוועקגעלייגט דאָס בריוועלע צווישן די בלומען.

אין בריוועלע האָבן מיר געשריבן:

מיר האָבן געפֿאָלגט אונדזער לערערין. מיר האָבן די לערערין זייער ליב.

דער לערער — די לערערין	אוועקגעלייגט	אָנגעשריבן

פּ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס איז געווען אָנגעשריבן אויפֿן טאָוול?
2. וואָס האָבן די קינדער געטאָן?
3. וואָס האָט פֿריידעלע געזאָגט?
4. וואָס האָבן די קינדער געטאָן מיט די בלומען?
5. וואָס האָבן די קינדער געשריבן אין בריוועלע צו דער לערערין?

אַליין	alone	אויפֿהייבן זיך	to get up
לערערין, די	woman teacher	שטעלן	to put
מוטער, די	mother	צווישן	between, among
אָנגעשריבן	written, wrote	גענומען	took

דער נחת איז גרויס

האָב איך מיר אַ מיידעלע,
איז זי אַכט יאָר אַלט.
הערט זי נאָר אַ לידעלע —
זינגט זי עס מיר באַלד.

גייט זי שוין אין שול אַרײַן,
לערנט זיך שוין דאָרט.
קומט אַ גליקלעכע אַהיים,
געדענקט זי יעדער וואָרט.

קומען ווערטער ייִדישע
פֿון מויל בײַ איר אַרויס.
זיבן חנען האָבן זיי —
איז טאַטנס נחת גרויס.

חן — עס האָט חן	נחת — האָבן נחת

נחת	(nakhes) delight, joy, pride
חן	(kheyn) charm
עס האָט חן	it is charming

וואו זשע בין איך?

דער קליינער שימעלע פֿאַרגעסט שטענדיק, וואו ער לייגט אַוועק זײַנע זאַכן. ווען שימעלע שטייט אויף פֿון שלאָף, דאַרף ער זוכן זײַנע קליידער. ער געדענקט ניט וואו ער האָט זיי אַוועקגעלייגט. העלפֿט אים די מאַמע זיי געפֿינען.

אַז ער טוט שוין אָן די קליידער און די שיך, הייבט ער אָן זוכן די ביכער און די העפֿטן. ער זוכט און זוכט און קען ניט געפֿינען.

— „אוי וויי!" — שרײַט שימעלע — „וואו זײַנען מײַנע ביכער און העפֿטן?"

— „אָ, דו" — העלפֿט אים די שוועסטער — „דו האָסט דאָך אַליין אַוועקגעלייגט די ביכער און העפֿטן אויפֿן פֿענצ־טער אין דײַן צימער".

אַזוי קומט שימעלע שפּעט אין שול און דער לערער איז בייז.

וואָס טו איך, אַז איך זאָל מער ניט קומען שפּעט אין שול? — האָט שימעלע געטראַכט און געטראַכט.

טוט ער איין מאָל אָט אַזוי: בײַנאַכט, ווען ער לייגט זיך שלאָפֿן, נעמט ער אַ פּאַפּירל און שרײַבט אויף דעם:

מײַנע קליידער זײַנען אויפֿן שטול
די שיך זײַנען אונטערן שטול.
מײַן העפֿט איז אין בוך.
דאָס בוך איז אין טעקע — אונטערן
טיש. דער טיש איז אין מײַן צימער
— און איך אַליין בין אין בעט.

שימעלע לייגט אַוועק דאָס פּאַפּיר אונטערן קישן. ער שלאָפֿט אײַן. ווען ער שטייט אויף אין דער פֿרי פֿון שלאָף,

שפּרינגט ער אַראָפּ פֿון בעט, נעמט דאָס פּאַפּירל און לייענט מיט פֿרייד:

„מײַנע קליידער זײַנען אויפֿן שטול" — זיי זײַנען דאָ!

„די שיך זײַנען אונטערן שטול" — זיי זײַנען אויך דאָ!

„מײַן העפֿט איז אין בוך" — גוט!

„דאָס בוך איז אין טעקע" — גוט!

„די טעקע איז אונטערן טיש — יאָ, די טעקע איז אונטערן טיש!"

„דער טיש איז אין מײַן צימער" — אָט איז ער.

„און איך אַליין בין... אין בעט?"

שימעלע קוקט און קוקט אין בעט — ער איז ניטאָ. ער נעמט אַראָפּ די דעקע, דאָס קישן — ער איז אַלץ ניטאָ.

— „מאַמע, מאַמע!" — שרײַט שימעלע — „וואו זשע בין איך אַליין?"

אויפֿשטיין	אָנטאָן	אַוועקלייגן	געדענקען — פֿאַרגעסן

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. פֿאַרוואָס קומט שימעלע שפּעט אין שול?
2. ווער העלפֿט אים געפֿינען די קליידער און די שיך?
3. ווער העלפֿט אים געפֿינען די העפֿטן און די ביכער?
4. וואָס האָט ער געטאָן, אַז ער זאָל אַליין אַלץ געפֿינען?
5. האָט שימעלע געפֿונען אַלע זײַנע זאַכן?
6. וואו האָט שימעלע געזוכט זיך אַליין?

זשע	then, now
פֿאַרגעסן	to forget
אַוועקלייגן	to put away, to lay down
בייז	angry
אונטערן	under the
טעקע, די	briefcase
קישן, דאָס	pillow
דעקע, די	blanket
אײַנשלאָפֿן	to fall asleep



אַ טאָגבוך פֿון אַ פֿוילן ייִנגל

מאָנטיק. הײַנט בין איך ניט געגאַנגען אין שול. די ציין האָבן מיר וויי געטאָן.

דינסטיק. געקומען שפּעט אין שול. די מאַמע איז געווען קראַנק.

דאָנערשטיק. דער קאָפּ האָט מיר וויי געטאָן.

פֿרײַטיק. ניט געמאַכט די היימ־אַרבעט. איך האָב געדאַרפֿט היטן מײַן קליין ברודערל.

homework	היימאַרבעט	lazy	פֿויל
to watch	היטן	diary	טאָגבוך, דער

דערצייל וואָס דער ייִנגל האָט געטאָן

דער אוצר

אַמאָל איז געקומען אַן אַלטער מאַן אין אַ שטאָט און האָט דערציילט:

— „לעבן אײַער שטאָט איז דאָ אַ גרויסער אוצר. ווען איר אַלע וועט לעבן צווישן זיך בשלום, וועט איר דעם אוצר געפֿינען".

דער אַלטער מאַן איז אַוועק, און די מענטשן פֿון שטאָט האָבן געזאָגט איינער צום צווייטן:

— „מיר וועלן זײַן גוט, מיר וועלן לעבן בשלום. מיר וועלן זיך ניט קריגן — און מיר וועלן דעם אוצר געפֿינען".

— „דער אוצר איז געווים אויפֿן באַרג. לאָמיר אַרויף אויפֿן באַרג און זוכן דעם אוצר", — האָט איינער געזאָגט.

אַ צווייטער האָט געשריִען: — „דער אוצר איז געווים ניט ווײַט פֿון טײַך. לאָמיר גיין צום טײַך און זוכן דעם אוצר".

און אַן אַנדערער ווידער האָט געזאָגט: — „דער אוצר איז אין שטאָט, אין אַ הויף, אין איינעם פֿון די הויפֿן".

און די מענטשן פֿון שטאָט האָבן זיך געקריגט און גע־קריגט. זיי זײַנען געוואָרן בייז איינער אויפֿן צווייטן. זיי האָבן זיך צעקריגט.

עס זײַנען אַוועק יאָרן און יאָרן. און די מענטשן פֿון שטאָט האָבן דעם אוצר נאָך אַלץ ניט געפֿונען. זיי קריגן זיך נאָך אַלץ וואו דעם אוצר צו זוכן.

און דער אוצר זינקט אַלץ מער אין דער ערד אַרײַן.

זיך קריגן — לעבן בשלום	זוכן — געפֿינען	דער אוצר

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווער האָט דערציילט די מענטשן פֿון שטאָט וועגן דעם אוצר?
2. ווען וועלן די מענטשן פֿון שטאָט קענען געפֿינען דעם אוצר?
3. וואָס האָבן געזאָגט טייל (part of the) מענטשן?
4. וואָס האָבן די אַנדערע געזאָגט?
5. האָבן די מענטשן פֿון שטאָט געפֿונען דעם אוצר?
6. פֿאַרוואָס האָבן זיי דעם אוצר ניט געפֿונען?

אוצר, דער	(oytser) treasure	לעבן	near
שטאָט, די	town	קריגן זיך	to quarrel, to have an argument
באַרג, דער	mountain	זינקען	to sink

פּערעלע און סערעלע

פּערעלע: — „עס רעגנט דאָך, וואָס עפֿנסטו ניט דײַן שירעם?"

סערעלע: — „עס וועט ניט העלפֿן, מײַן שירעם האָט לעכער".

פּערעלע: — „טאָ וואָס האָסטו גענומען אַ שירעם מיט לעכער?"

סערעלע: — „איך האָב דען געוואוסט אַז עס וועט רעגענען?"

אַ לידעלע

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן
פֿון די קליינע קינדער וועגן.
ניט קיין סך און ניט קיין ביסל,
נאָר עס זאָל זײַן אַ פֿולע שיסל.

רעגן, דער	the rain	שירעם, דער	umbrella
עס רעגנט	it is raining	פֿון — וועגן	for the sake of

רעטעניש

דו ווייסט? דו האָסט אַ חבֿר,
איז ער זייער אַ טשיקאַווער:
אָט איז ער גרויס, אָט איז ער קליין,
קיינמאָל גייט ער ניט אַליין.
דו קענסט אים טרעטן מיט די פֿיס.
איצט זאָג מיר — ווער דאָס איז!

חבֿר	קיינמאָל	שאָטן	טרעטן

טשיקאַווער	strange, curious	טרעטן	to step over
קיינמאָל	never	שאָטן, דער	shadow



צום שלאָף

שלום־עליכם,
עליכם־שלום,
האָבן זאָלסטו
אַ זיסן חלום,

אַ גוטן חלום,
אַ גוטע וואָר,
זאָלסטו מיר האָבן
לאַנגע יאָר.

שלום־עליכם	(sholem-aleykhem) greeting (peace with you)	לאַנג	long
חלום	(kholem) dream	וואָר	reality

אַ טאָג אַזאַ

פֿאַרלאָרן די שפּיל
מיט די ייִנגלעך אין גאַס,
געקומען אָן ביכער
צום לערער אין קלאַס.
מיט קינדער געקריגט זיך,

אויף יעדן אין כּעס,
געקומען אַהיים
פֿאַרבלאָטיקט פֿון גאַס.
און עס שרײַט נאָך די מאַמע:
פֿאַרוואָס ביסטו נאַס?

פֿאַרלאָרן	lost	פֿאַרבלאָטיקט	muddy
אין כּעס	(inka'es) angry	נאַס	wet

בריוו

א) אַ בריוו דער מאַמען

ברײַנדעלע איז געוואָרן אַ בריווטרעגער. זי טוט אָן דעם ברודערס היטל, נעמט אין דער האַנט זײַן טעקע. ברײַנדעלע גייט אַרויס און קלאַפּט אין טיר.

— „ווער איז דאָרט?" — פֿרעגט די מאַמע.

— „עס איז איך, דער בריוו־טרעגער".

— „וואָס ווילט איר?"

— „איך האָב אַ בריוועלע פֿון אײַער מיידעלע ברײַנדע־לע".

די מאַמע עפֿנט די טיר און ברײַנדעלע גיט איר אַ פּאַפּירל.

— „דאָס איז דאָס בריווע־לע?"

— „יאָ".

— „עס איז דאָך גאָרניט אָנגעשריבן!"

— „איך קען ניט לייענען. גיט מיר דאָס בריוועלע, וועל איך אײַך זאָגן וואָס אין בריוועלע איז געשריבן".

— „גוט", — זאָגט די מאַמע, — „לאָמיר טאַקע הערן וואָס מײַן מיידעלע שרײַבט מיר".

ברײַנדעלע נעמט אין האַנט דאָס פּאַפּירל און זאָגט:

— „הערט, ליבע פֿרוי, אײַער מיידעלע שרײַבט אײַך אַזוי: 'ליבע מאַמע, איך האָב דיך ליב...' און — דאָס איז אַלץ".

— „דאָס איז דער גאַנצער בריוו?"

— „יאָ".

די מאַמע נעמט דאָס פּאַפּירל און גיט דעם טאַטן.

— „זע נאָר", — זאָגט זי, — „איך האָב באַקומען אַ בריוועלע פֿון ברײַנדעלען".

— „וואָס שרײַבט זי?"

— „זי שרײַבט אַז זי האָט מיך זייער ליב".

— „אַזוי", — זאָגט דער טאַטע, — „איך בין שוין ברוגז מיט איר".

— „פֿאַרוואָס?"

— „דיר שרײַבט זי בריוועלעך און מיר ניט".

זײַן ברוגז	ווערן ברוגז	מאַן — פֿרוי

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס איז ברײַנדעלע געוואָרן?
2. ווי האָט זיך ברײַנדעלע פֿאַרשטעלט (disguised herself) פֿאַר אַ בריוונטרעגער?
3. וואָס האָט די מאַמע געזאָגט, ווען ברײַנדעלע האָט איר געגעבן דאָס בריוועלע?
4. וואָס האָט ברײַנדעלע איר געענטפֿערט?
5. וואָס האָט ברײַנדעלע געלייענט פֿון פּאַפּירל?
6. וואָס האָט די מאַמע געזאָגט דעם טאַטן?
7. וואָס האָט דער טאַטע געזאָגט דער מאַמען?

בריוונטרעגער, דער	postman	ברוגז זײַן	(broygez) to be angry with
היטל, דאָס	cap	פֿרוי, די	woman
קלאַפּן	to knock		

ב) אַ בריוו דעם טאַטן

ברײַנדעלע הערט וואָס דער טאַטע זאָגט. זי לויפֿט ווי־דער אַרויס און קלאַפּט אין טיר.

— „ווער איז דאָרט?" — פֿרעגט דער טאַטע.

— „עס איז איך".

— „ווער זײַט איר?"

— „עס איז איך, דער בריוונטרעגער".

— „וואָס ווילט איר?"

— „איך האָב אַ בריוועלע פֿאַר ברײַנדעלעס טאַטן".

דער טאַטע הייבט זיך אויף. ער גייט צו צו דער טיר און ברײַנדעלע גיט אים אַ פּאַפּירל. דער טאַטע קוקט און קוקט און זעט אַז עס איז אַ ליידיק שטיקל פּאַפּיר.

— „דאָס איז דאָס בריוועלע?"

— „יאָ".

— „עס איז דאָך אַ ליידיק שטיקל פּאַפּיר!"

— „וואָס רעדט איר, ליבער מענטש?" — זאָגט ברײַנ־דעלע, — „איך קען ניט לייענען. גיט מיר דאָס בריוועלע, וועל איך אײַך זאָגן וואָס דאָרט איז געשריבן".

— „נו, גוט. לאָמיר הערן“, — זאָגט דער טאַטע.
ברײַנדעלע נעמט דאָס בריוועלע און הייבט אָן לייענען:
— „ליבער טאַטע, איך האָב דיך זייער ליב“...
— „נו?...“
— „דאָס איז דער גאַנצער בריוו“.
דער טאַטע נעמט דאָס פּאַפּירל און ווײַזט עס דער מאַמען.
— „איך האָב שוין אויך אַ בריוועלע“, — זאָגט ער אַ צופרידענער.

לויפט אַרוים — קומט אַרײַן	האָט געשריבן — האָט געלייענט

פּ ר אַ ג ע ס:
1. וואָס טוט איצט ברײַנדעלע?
2. וואָס האָט דער טאַטע געזאָגט, ווען ברײַנדעלע האָט אים געגעבן דאָס בריוועלע?
3. וואָס האָט ברײַנדעלע אים געענטפערט?
4. וואָס האָט ברײַנדעלע געלייענט פון דעםליידיקן שטיקל פּאַפּיר?
5. איז דער טאַטע געווען צופרידן?

ליידיק empty
שטיקל (small) piece
נו well

ג) אַ בריוו פון דער מאַמען

אַ ביסל שפּעטער טוט ברײַנדעלע אויס דאָס היטל, זי לייגט אַוועק די טעקע און גייט צו צו דער מאַמען:
— „מאַמע“, — זאָגט זי, — „האָסטו באַקומען אַ בריוועלע פון דײַן מיידעלע?“
— „יאָ“.
— „פאַרוואָס ענטפערסטו ניט?“
— „ס׳איז דען אַן אמת בריוועלע?“
— „יאָ“.
— „נו, גוט, איך וועל שוין ענטפערן“.
די מאַמע נעמט אַ ליידיק שטיקל פּאַפּיר און גיט איר.
— „דאָ האָסטו דעם ענטפער“.
— „ס׳איז קיין זאַך ניט אָנגעשריבן!“
— „גיי שוין, גיין“, — זאָגט די מאַמע — „דו קענסט

ניט לייענען. גיב מיר דאָס בריוועלע, וועל איך לייענען".

בריינדעלע גיט איר דאָס פּאַפּירעלע און די מאַמע לייענט:

— „מײַן ליב טעכטערל, איך האָב דיך פֿײַנט..."

— „איך וויל נישט", — זאָגט בריינדעלע, — „לייען אויף אַן אמת".

— „עס איז אַזוי אָנגעשריבן".

— „ניין, עס איז ניט אַזוי".

— „נו, גוט. מײַן ליב טעכטערל, איך האָב דיך ליב".

— „זייער ליב?"

— „זייער ליב".

אויסטאָן — אָנטאָן	דער אמת	אויף אַן אמת

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס טוט בריינדעלע, ווען זי איז שוין ניט קיין בריוו־טרעגער?
2. שרײַבט די מאַמע עפּעס אויף אַן אמת?
3. וואָס זאָגט בריינדעלע?
4. וואָס ענטפֿערט די מאַמע?
5. וואָס לייענט די מאַמע פֿון דעם ליידיקן שטיקל פּאַפּיר?
6. וואָס לייענט די מאַמע דאָס צווייטע מאָל (time)?

טוט אויס	takes off
טעכטערל	little daughter
גיי שוין, גיי	don't be silly

ד) אַ בריוו פֿון דעם טאַטן

— „איצט דאַרף דער טאַטע ענטפֿערן", — זאָגט בריינדעלע.

דער טאַטע נעמט אַ בלײַער און ער שרײַבט עפּעס אויף פּאַפּיר. ער שרײַבט אויף אַן אמת.

— „גוט. דאָ האָסטו אַן אמת בריוועלע", — זאָגט דער טאַטע און ער גיט בריינדעלען דאָס פּאַפּיר.

— „לייען", — זאָגט בריינדעלע.

— „ניין", — זאָגט דער טאַטע, — „באַהאַלט דאָס בריוועלע. ווען דו וועסט גיין אין שול און דו וועסט קענען לייענען, וועסטו מיר זאָגן וואָס דאָרט איז געשריבן. איך וועל דיר דערפֿאַר קויפֿן אַ שיינע מתּנה, זייער אַ שיינע זאַך".

בריינדעלע האָט דאָס בריוועלע באַהאַלטן. אַלע טאָג, ווען זי שטייט אויף, פֿרעגט זי:

— „מאַמע, איך בין שוין גרויס? ווען וועל איך גיין אין שול?"

איך וועל גיין — דו וועסט גיין	איך וועל שרײַבן — דו וועסט שרײַבן

פֿראַגעס:

1. וויל בריינדעלע אַ בריוו אויך פֿון טאַטן?
2. שרײַבט איר דער טאַטע אַ בריוועלע?
3. וואָס זאָגט איר דער טאַטע?
4. וואָס מיינט איר (do you think) האָט דער טאַטע געשריבן אין זײַן אמת בריוועלע?
5. וויל בריינדעלע וויסן וואָס דער טאַטע האָט געשריבן?

בלײַער, דער	pencil
באַהאַלטן	to hide, to keep

אַ בריוו וועגן אַ שירעם

אַ יינגל האָט אַמאָל אָנגעשריבן אַזאַ בריוו צו אַ פֿרײַנד:

„טײַערער פֿרײַנד! נעכטן בין איך בײַ דיר געווען צו גאַסט און האָב בײַ דיר פֿאַרגעסן מײַן שירעם. איך בעט דיך, דו זאָלסט אים מיר אָפּשיקן".

אויף דעם זעלביקן בריוו איז געווען צוגעשריבן:

„איך האָב איצט געזען, אַז דער שירעם שטייט בײַם פֿענצטער אין מײַן צימער. דערפֿאַר שרײַב איך דיר איצט אַז דו דאַרפֿסט אים ניט אָפּשיקן".

אָנגעשריבן — צוגעשריבן

אָפּשיקן	to send back
דער זעלביקער	the same
צושרײַבן	to add in writing

די שרײַבערין

ריוועלע קען שרײַבן
א, ב, און ג,
און מיט אַ רונדער ה
שרײַבט זי הויך אין הימל.

ווייס זי ווי צו שרײַבן,
ווייס זי ווי צו גראַמען,
שטעלט אותעלעך מיט אותעלעך
קלייניקע צוזאַמען.

שרײַבט זיידע מיט אַ ז
און באָבע מיט אַ ב,
און רעדעלע און ראָד
שרײַבט זי מיט אַ ר.

שרײַבט זי אָן אַ בריוועלע
דעם טאַטן און דער מאַמען
און שרײַבט זיך אונטער — ריוועלע.
האָט עס אַלע טעמען.

אות	אותעלעך	טעם	טעמען

עס האָט אַלע טעמען.	עס האָט אַלע חנען.

שרײַבערין, די — woman writer
רונד — round
ראָד, די — wheel
רעדעלע, דאָס — little wheel

צוזאַמען — together
אות, דער — (os) letter
טעם, דער — (tam) taste
אותעלעך — (oyselekh) little letters

צו דײַן געבורטסטאָג

צו דײַן געבורטסטאָג,
צו דײַן יום־טובֿ הײַנט
האָבן זיך פֿאַרזאַמלט
דײַנע גוטע פֿרײַנד.
הוראַ־הוראַ — מיר ווינטשן דיר,
הוראַ־הוראַ — מיר ווינטשן דיר,
הוראַ־הוראַ — מיר ווינטשן דיר געזונט.



מילך און בּרויט

עס, מײַן קינד, דאָס שטיקל בּרויט
און בּענטש די ערד וואָס גיט אונדז בּרויט.
טרינק, מײַן קינד, דאָס גלעזל מילך
און בּענטש די קו וואָס גיט אונדז מילך.
און בּענטש די האַנט וואָס גראָבּט די ערד,
און בּאַקט דאָס בּרויט און מעלקט די קו —
אַז קיינער זאָל ניט וויסן פֿון הונגער און פֿון נויט!



שלום־עליכם

שלום־עליכם, מלאָכים מײַנע,
שלום־עליכם, מלאָכים פֿײַנע!
שלום־עליכם, װײַב און קינד,
שבת איז שױן דאָ אַצינד.

שלום־עליכם, גוטע פֿרײַנד,
שבת, שבת איז דאָך הײַנט!
שלום־עליכם, זײדעס, באָבעס,
שלום־עליכם, ליבער שבת!



אַ מאַמע און זעקס זין

אַמאָל איז געווען אַן אַלטע מאַמע. האָט זי געהאַט זעקס זין. דער ערשטער זון האָט געהייסן זונטיק, דער צווייטער — מאָנטיק. דער דריטער זון האָט געהייסן דינסטיק, דער פערטער זון האָט געהייסן מיטוואָך, דער פינפטער זון האָט געהייסן דאָנערשטיק, דער זעקסטער זון האָט געהייסן פרייטיק.

זעקס טעג האָבן די זין געאַרבעט און דערנאָך זיינען זיי אַלע אַוועק צו דער מאַמען. די מאַמע זייערע האָט געהייסן שבת. זי איז שוין געווען אַן אַלטע און אַ גרויע. איר שיין, ווייס הויז איז געווען אויף אַ באַרג. לעבן דעם הויז זיינען געווען שיינע ביימער, און פייגעלעך האָבן אויף זיי געזונגען.

די אַלטע מאַמע שבת האָט געטראָגן ריינע, ווייסע קליידער, און אַ שיינע שאַל אויפן קאָפּ. ביי איר אין שטוב איז געווען ריין און שיין. אויפן טיש איז געווען אַ ווייסער טישטעך און ליכט האָבן געברענט. אין מיטן טיש זיינען געווען שיינע בלומען.

די זעקס זין האָבן זיך זייער געפרייט מיט זייער אַלטער, גוטער מאַמען. זיי זיינען אַלע געקומען צו איר. די מאַמע שבת האָט זיך געפרייט מיט אירע זעקס זין און זי האָט יעדן געפרעגט:

— „וואָס האָסטו געטאָן, זונטיק?"

— „איך האָב געאַרבעט אין פעלד", — האָט זונטיק געענטפערט.

— וואָס האָסטו געטאָן, מאָנטיק?" — „איך האָב געאַרבעט אין פאַבריק", — האָט מאָנטיק געענטפערט.

— „וואָס האָסטו געטאָן, דינסטיק?" — „איך האָב געבויט הייזער", — האָט דינסטיק געענטפערט.

— „וואָס האָסטו געטאָן, מיטוואָך?" — „איך האָב גענייט קליידער", — האָט מיטוואָך געענטפערט.

— „וואָס האָסטו געטאָן, דאָנערשטיק?" — „איך האָב געוואַשן און געראַמט", — האָט דאָנערשטיק געענטפערט.

— „וואָס האָסטו געטאָן, פּרײַטיק?" — „איך האָב געקאָכט", — האָט פּרײַטיק געענטפֿערט.

— „זייער גוט, מײַנע זין", — האָט די מאַמע שבת געזאָגט, — „איצט קומט עסן און טרינקען און איר וועט רוען אַ גאַנצן טאָג בײַ מיר".

די זין האָבן געגעסן און געטרונקען און גערוט. עס איז זיי געווען זייער פֿריילעך בײַ דער מאַמע שבת אויפֿן באַרג, אין דעם שיינעם, ווײַסן הויז.

דערנאָך זײַנען זיי אַלע אַוועק. די מאַמע שבת האָט אויף זיי ווידער געוואַרט גאַנצע זעקס טעג.

דער שבת	די וואָך	האָט געהייסן	אַרבעטן — רוען

פֿראַגעס:

1. וויפֿל זין האָט די מאַמע שבת?
2. ווי הייסט דער דריטער זון?
3. ווי הייסט דער פֿינפֿטער זון?
4. וואָס טוט יעדער זון?
5. וואָס טוען די זין, ווען זיי קומען צו דער מאַמען?
6. ווי זעט אויס די מאַמע שבת?

בויען — to build
געוואַשן — washed
קאָכן — to cook
פֿאַבריק, די — factory
טישטעך, דער — table-cloth
שאַל, די — shawl
ביימער — trees
דערנאָך — afterwards, thereafter

דער שבת קומט

שענער זיצן הײַנט די קינדער,
שענער זעט דאָס צימער אויס.
פֿון דעם אויסגעפּרעסטן טישטעך
שײַנט אַ ליכטיקייט אַרויס.

ווײַסע בלוזעס, ווײַסע העמדער,
קלאָר און ציכטיק דאָס געזיכט.
און אין אַלע, אַלע אויגן
ברענען ווײַסע שבת-ליכט.

ריין — ציכטיק — קלאָר

אויסגעפּרעסט — pressed
ליכטיקייט — brightness
בלוזע, די — blouse
העמד, דאָס — shirt
ציכטיק — clean
קלאָר — clear

וואָס טוט דער טאַטע

אַ ייִנגעלע איז געקומען צום ערשטן מאָל אין שול, און דער לערער האָט אים געפֿרעגט:

— „ווי הייסטו, ייִנגעלע?"

— „בערעלע".

— „ווי אַלט ביסטו?"

— „זיבן יאָר".

— „וואָס טוט דײַן טאַטע?"

— „מײַן טאַטע איז קראַנק".

— „ניין, ניט דאָס מיין איך. איך פֿרעג: וואָס טוט דײַן טאַטע?"

— „ער הוסט".

— „ניין, ניט דאָס מיין איך. איך וויל וויסן וואָס טוט דײַן טאַטע, ווען ער איז געזונט".

— „ווען ער איז געזונט, הוסט ער ניט".

— „נאַרעלע, דו פֿאַרשטייסט ניט וואָס מע רעדט צו דיר. זאָג מיר: וואָס טוט דײַן טאַטע, ווען ער איז ניט קראַנק, און ער הוסט ניט?"

— „ווען דער טאַטע איז ניט קראַנק און ער הוסט ניט, — טוט ער זיך אָן און גייט צו דער אַרבעט..."

to mean	מיינען
to cough	הוסטן

2



1

4

3

וואָס איז דאָ געשען? דערציילט.

איציקל וויל זײַן אַ גרויסער

א.

אַלע קלײנע קינדער ווילן זײַן גרויסע. איציקל אויך. אַז די מאַמע לאָזט אים נישט גײן אַלײן ווײַט פֿון שטוב, זאָגט איציקל:

— „מאַמע, ווען וועל איך שוין קענען גײן אומעטום אַלײן?"

— „ווען דו וועסט זײַן אַ גרויסער, מײַן קינד", — ענטפֿערט אים די מאַמע.

— „ווען זשע וועל איך שוין זײַן אַ גרויסער?" — פֿרעגט ער.

— „ווען דו וועסט אויסוואַקסן".

— „איך וויל שוין זײַן אַ גרויסער!" — זאָגט איציקל — „איך וויל גיך וואַקסן און ווערן גרויס ביזן סופֿיט".

***

איציקל זעצט זיך אויף אַ שטול און טראַכט: אַז ער וועט זײַן אַ גרויסער — וועט זײַן גוט. ער וועט קענען זײַן אויף ביז שפּעט בײַנאַכט.

— „עס דאַרף נאָך געדויערן אַ סך, איך זאָל ווערן אַ גרויסער?" — פֿרעגט איציקל.

— „אַז דו וועסט עסן אַלץ וואָס די מאַמע גיט דיר, וועט קײן סך ניט געדויערן", — ענטפֿערט אים די מאַמע.

— „וויפֿל נעכט דאַרף איך נאָך שלאָפֿן, אַז איך זאָל ווערן אַ גרויסער?"

— „די נאַכט און נאָך אַ נאַכט און נאָך אַ נאַכט", — שמײכלט די מאַמע.

— „אַזוי פֿיל נעכט! איך וויל נישט!" — זאָגט איציקל — „איך וויל שוין זײַן אַ גרויסער! אַלע קינדער זײַנען גרויסע, נאָר איך נישט. איך בין נאָך קײנמאָל ניט געווען קײן גרויסער!"

עס געדויערט לאַנג	איך בין נאָך קײנמאָל ניט געווען

פ ר אַ ג ע ס :

1. פֿאַרוואָס האָט איציקל געוואָלט זײַן אַ גרויסער ?
2. ווען וועט ער ווערן אַ גרויסער ?
3. וואָס האָט איציקל געפֿרעגט ?
4. וואָס האָט די מאַמע געענטפֿערט ?
5. וואָס איז נאָך איציקל קיינמאָל ניט געווען ?
6. מיינט איר אַז עס איז טאַקע גוט צו זײַן אַ גרויסער ?

אומעטום	everywhere	זײַן אויף	to be awake
סופֿיט, דער	ceiling	געדויערן	to take (much) time



ב

איין מאָל, בײַנאַכט, שלאָפֿט איציקל. דאַכט זיך אים אַז ער איז געוואָרן גרויס, זייער גרויס. ער טאַפּט אָן מיט דער האַנט דעם סופֿיט. דערפֿרייט ער זיך און לויפֿט אַרויס אויף דער גאַס. ער שרײַט:

— „קינדערלעך! זעט ווי גרויס איך בין".

קומען קינדער פֿון אַלע זײַטן. זיי קוקן אַלע אויף איציקלען.

— „אָ, ווי גרויס!"

— „ווי הויך ער איז!"

— „העכער ווי מײַן טאַטע!"

— „רײַס מיר אָפּ אַ צווײַגל פֿון בוים!" — בעט איין ייִנגעלע בײַ אים.

— „נעם אַראָפּ די פּילקע פֿון דאַך!" — בעט אַ צווייטער.

איציקל לאַכט, איציקל איז צופֿרידן. ער ציט אויס די האַנט און ער רײַסט אָפּ אַ צווײַגל פֿון העכסטן בוים אין גאַס. ער נעמט אַראָפּ פֿאַר אַ ייִנגל די פּילקע פֿון דאַך.

עס איז געוואָרן בײַנאַכט. איציקל גייט אַרײַן אין שטוב. ער טוט זיך אויס. ער וויל זיך לייגן אין בעטעלע אַרײַן — עס איז קליין דאָס בעטל! הייבט ער אָן שרײַען:

— „מאַמע! טאַטע! איך האָב ניט וואו צו שלאָפֿן. עס איז קליין דאָס בעטל!"

אַז די מאַמע מיטן טאַטן האָבן איציקלען אויפֿגעוועקט, האָבן זיי געזען אַז עס איז אמת: דאָס בעטל איז טאַקע קליין. איציקל קען ניט אויסצִיען די פֿיס, אָבער ניט דערפֿאַר ווײַל ער איז געוואָרן אַזוי גרויס, נאָר ווײַל ער ליגט אין דער ברייט פֿון בעטל.

טאַפּט אָן	רײַסט אָפּ	נעמט אַראָפּ	ציט אויס

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס האָט זיך איציקלען געדאַכט?
2. וואָס האָט אים איין ייִנגל געבעטן (asked to) טאָן?
3. וואָס האָט אים אַ צווייטער ייִנגל געבעטן טאָן?
4. איז איציקל געווען גליקלעך, ווען ער איז געווען אַ גרויסער?
5. פֿאַרוואָס האָט איציקל ניט געקענט אויסצִיען די פֿיס אין בעט?

דאַכט זיך אים — it seems to him
אָנטאַפּן — to touch; to feel
אָפּרײַסן — to tear off
לייגן זיך — to lie down
אויפֿוועקן — to wake up

זײַט, די — side
פּילקע, די — ball
אין דער ברייט — in the width (of)
אויסצִיען — to stretch (out)



אַ גוטע, זיסע נאַכט

צוגעדעקט די פּיסעלעך!
כ׳בּרענג דיר מאָרגן ניסעלעך,
פֿרישע ניסעלעך פֿון וואַלד,
זאָלסט, מײַן קינד, נאָר שלאָפֿן באַלד.

דרימלט אײַן מײַן קינדעלע פֿעסט.
קומען באַלד די ליבּע געסט.
קומען, קומען אָנגעפֿלויגן
מלאָכימלעך מיט זיסע אויגן.

די פֿליגעלעך פֿון לויטער גאָלד.
זיי האָבּן שטילע קינדער האָלט.
און זיי קומען צו באַהיטן,
צו באַהיטן און באַשיצן,
מיט חלומות שטילע, שיינע
ווי עס פּאַסט פֿאַר קינדער קליינע.

מאַך נאָר צו די אייגעלעך,
זיי פֿלי׳ען אָן ווי פֿייגעלעך.
הערסט, מײַן קינד, הערסט, מײַן קרוין?
די פֿליגעלעך זיי רוישן שוין!
שאַ, די אייגעלעך פֿאַרמאַכט.
האָבּ אַ גוטע, שטילע נאַכט.

באַהיטן	באַשיצן	חלומות	האָלט האָבּן

אײַנדרימלען	to fall asleep	האָלט האָבּן	to love
פֿעסט	firm	באַהיטן	to guard
קומען אָנגעפֿלויגן	come flying	באַשיצן	to protect
פֿליגל, דער	wing	עס פּאַסט	is fitting, it fits
לויטער	pure	רוישן	to make a noise, to rustle

די גוטע מאַמע

וואָס טוט די מאַמע ? דערצייל.

בערעלע און זײַן מוטער

אין שול, אויף דער גאַס, אין קראָם — אומעטום זעט בערעלע אַז מען גיט שטענדיק אַ צעטעלע צו באַצאָלן. ער הערט ווי דער פֿאָטער דערציילט אַז ער האָט געדאַרפֿט באַצאָלן אַ סך געלט. ווען ער גייט אין קראָם פֿאַר דער מוטער, גיט מען אים אַ צעטעלע צו באַצאָלן.

טראַכט בערעלע אַז ער וועט אויך געבן דער מוטער אַ צעטעלע און בעטן אַז זי זאָל אים באַצאָלן פֿאַר אַלץ וואָס ער טוט פֿאַר איר.

אויף מאָרגן האָט די מוטער געפֿונען אין קיך אויפֿן טיש אַזאַ צעטעלע:

די מוטער דאַרף באַצאָלן בערעלען:

פֿאַר גיין אין קראָם .... 15 סענט
פֿאַר אָפּשיקן אַ בריוו .... 10 סענט
פֿאַר טרינקען מילך .... 5 סענט
פֿאַר זײַן אַ גוטער ייִנגל .... 25 סענט
צוזאַמען 55 סענט

ווען בערעלע איז געקומען פֿון שול, האָט ער געפֿונען אויף זײַן טיש 55 סענט. אַ צופֿרידענער האָט ער דאָס געלט אַרײַנגעלייגט אין קעשענע.

אויף מאָרגן אין דער פֿרי געפֿינט בערעלע בײַ זײַנע קליידער אַזאַ צעטעלע:

בערעלע דאַרף באַצאָלן זײַן מוטער:

פֿאַר 10 גוטע יאָר ——— גאָרנישט
פֿאַר 10 יאָר עסן און טרינקען ——— גאָרנישט
פֿאַר אָפּהיטן אים ווען ער איז קראַנק ——— גאָרנישט
פֿאַר האָבן אַ גוטע ליבע מאַמע ——— גאָרנישט
צוזאַמען — גאָרנישט

בערעלע האָט געלייענט און געלייענט דאָס צעטעלע. אַ ביסל שפּעטער גייט ער צו צו דער מוטער. ער נעמט זי

אַרום, ער גיט איר אַ קוש און לייגט שטיל אַרײַן די 55 סענט דער מאַמען אין קעשענע.

באַצאָלן אַ סך געלט	גיט אַ קוש	נעמט אַרום

פ ר אַ ג ע ס :

1. פֿאַר וועלכע (which) זאַכן האָט בערעלע געוואָלט קריגן געלט פֿון דער מוטער?
2. וואָס האָט בערעלע געטאָן?
3. וואָס האָט בערעלעס מאַמע געטאָן?
4. דאַרף מען באַצאָלן מיט געלט פֿאַר אַלץ?
5. קען מען באַצאָלן פֿאַר ליב האָבן?

צעטל, צעטעלע	note	אַרײַנלייגן	to put in
באַצאָלן	to pay	קעשענע, די	pocket
אויף מאָרגן	the next day	אָפּהיטן	to take care of
פופציק	fifty	אַרומנעמען	to embrace

אַז די מאַמע איז געווען ניט געזונט

אַז די מאַמע איז געוואָרן ניט געזונט, איז געווען אומעטיק אין שטוב. די קינדער זײַנען געזעסן שטיל און זיך ניט געשפּילט.

דאָס פֿייגעלע אין שטײַגל האָט ניט געהאָט וואָס צו עסן. האָט עס ניט געזונגען.

דאָס הינטל, דאָס ווילדע, פֿריילעכע הינטל, איז געלעגן די גאַנצע צײַט אויף דער מאַמעס בעט און עס איז ניט אַראָפּ פֿון בעט.

די בלומען אויף די פֿענצטער האָבן אַראָפּגעלאָזט זייערע קעפּעלעך. קיינער האָט ניט געטראַכט צו באַגיסן זיי מיט וואַסער.

אַז די מאַמע איז געוואָרן ניט געזונט, איז דער זייגער אויף דער וואַנט געבליבן שטיין.

דער טאַטע איז שפּעט אַוועק צו דער אַרבעט און איז פֿרי געקומען אַהיים.

עס איז געקומען דער דאָקטער און האָט געזאָגט אַז די מאַמע איז קראַנק, ווײַל זי האָט געאַרבעט צו פֿיל.

מיטאָג האָבן מיר געגעסן בײַם פּעטער, אָבער קײנער איז ניט געװען צופֿרידן און קײנער איז ניט געװען פֿרײלעך.

אַז די מאַמע איז געװאָרן ניט געזונט, האָט קײנער ניט געקענט פֿירן די שטוב װי מע דאַרף.

דאָס קלײנע ריװעלע האָט גענומען ראַמען די שטוב. זי איז אָבער באַלד זײער מיד געװאָרן.

אויף מאָרגן, װען דער מאַמען איז אַ ביסל בעסער געװאָרן, איז זי אַראָפּ פֿון בעט. עס איז װידער פֿרײלעך געװאָרן אין שטוב. דאָס פֿײגעלע זינגט שױן. דאָס הינטל שפּרינגט שױן. דער זײגער קלינגט שױן. די בלומען הײבן אויף די קעפּלעך. דער טאַטע און די קינדער זײַנען גליקלעך. עס איז ליכטיק אין אַלע װינקעלעך.

געזעסן	געגעסן
ליכטיק אין אַלע װינקעלעך	
אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ	אױפֿהײבן דעם קאָפּ

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. װאָס האָבן די קינדער געטאָן, װען די מאַמע איז ניט געזונט געװען?
2. װאו האָבן זײ געגעסן מיטאָג?
3. װאָס האָט דער טאַטע געטאָן?
4. װאָס האָט ריװעלע געטאָן?
5. װאָס איז געװען מיטן הינטל?
6. האָבן די בלומען געפֿילט אַז די מאַמע איז קראַנק?
7. װאָס האָט דער דאָקטער געזאָגט?
8. און װאָס איז געװען, װען די מאַמע איז אַראָפּ פֿון בעט?

אױפֿהײבן	to raise, to lift	באַגיסן	to water
אַראָפּלאָזן	to bow, to let down	געזעסן	sat
מיטאָג, דער	lunch	געגעסן	ate
שטײַג, די	cage	געבליבן שטײן	stopped
װינקל, דער	corner	פֿירן די שטוב	to take care of the house
ליכטיק	bright, light		

האָט איר געזען אַ מאַמע?

גײט אַ ייִנגעלע אין גאַס מיט דער מאַמען. ער לױפֿט פֿאָרױס און פֿאַרלירט זײַן מאַמע.

גײט ער אַרום און זוכט זי. פֿרעגט ער בײַ אַלע מענטשן:

— „האָט איר געזען אַ מאַמע אָן אַ ייִנגעלע?"

גײט אַרום is walking around פֿאָרױס ahead

לייג איך מיר מײַן קעפּעלע

לייג איך מיר מײַן קעפּעלע
אויף מײַן מאַמעס בעטעלע.
גייט מײַן מאַמע פֿאַרבײַ,
נאָר זי לאַכט און קוועלט:

— שלאָף, מײַן טאָכטער קליינינקע,
אייגעלעך האָסטו שיינינקע.
שלאָף געזונטערהייט,
שלאָף געזונטערהייט!

לייג איך מיר מײַן קעפּעלע
אויף מײַן טאַטנס בעטעלע.
גייט מײַן טאַטע פֿאַרבײַ,
נאָר ער לאַכט און קוועלט:

— שלאָף, מײַן טאָכטער האַרציקע,
הערעלעך האָסטו שוואַרצינקע.
שלאָף געזונטערהייט,
שלאָף געזונטערהייט!

passes by גייט פֿאַרביי	in good health געזונטערהייט
to beam; to be delighted קוועלן	sweet; hearty האַרציק

אַז מען איז הונגעריק איז אַלץ געשמאַק

הערשעלע האָט אָפּגערוקט דעם טעלער מיט זופּ.
— „איך קען הײַנט ניט עסן די זופּ", — האָט ער געזאָגט, — „די זופּ איז ניט געשמאַק".
— „אויב דו ווילסט ניט, עס ניט", — האָט די מאַמע געזאָגט.
— „איך קען אויך דאָס פֿלייש ניט עסן", — האָט הערשעלע געזאָגט, ווען אַלע האָבן געגעסן פֿלייש.
— „פֿאַרוואָס?" — האָט די מאַמע געפֿרעגט.

— „היינט איז דאָס פֿלייש ניט געשמאַק", — האָט הערשעלע געענטפֿערט.

— „נו, אויב דו ווילסט ניט עסן, דאַרפֿסטו ניט עסן", — האָט אים די מאַמע געזאָגט.

**

הערשעלע איז אַרוים אין גאַס זיך שפּילן מיט די חברים. אַ צוויי שעה שפּעטער איז הערשעלע אַריין אין שטוב.

— „האָסטו עפּעס צו עסן?" — האָט ער געפֿרעגט די מאַמע.

— „איך האָב זופּ. פֿאַרזוך די זופּ. אויב עס איז געשמאַק, קענסטו עס עסן".

הערשעלע האָט פֿאַרזוכט די זופּ און געזאָגט:

— „עס איז זייער גוטע זופּ, אָט די זופּ איז זייער געשמאַק". — און הערשעלע האָט אויפֿגעגעסן אַ פֿולן טעלער זופּ.

— „האָסטו נאָך וואָס מיר צו געבן, מאַמע?" — האָט ער געפֿרעגט.

— „איך האָב אויך פֿלייש, פֿאַרזוך דאָס פֿלייש. אויב עס איז געשמאַק, קענסטו עס עסן".

— „אָט דאָס איז פֿלייש! אָט דאָס איז געשמאַק!" — האָט הערשעלע געזאָגט און געגעסן דאָס פֿלייש.

**

די מאַמע האָט געלאַכט.

— „וואָס לאַכסטו, מאַמע?" — האָט הערשעלע געפֿרעגט.

— „איך לאַך, הערשעלע", — האָט די מאַמע געזאָגט, — „ווײַל די זופּ איז געווען די זעלביקע זופּ וואָס דו האָסט פֿריִער געזאָגט אַז זי איז ניט געשמאַק, און דאָס פֿלייש איז געווען דאָס זעלביקע פֿלייש, וואָס דו האָסט פֿריִער געזאָגט אַז עס איז ניט געשמאַק.

— „פֿאַרוואָס איז עס איצט אָבער געווען געשמאַק?" — האָט הערשעלע געפֿרעגט.

די מאַמע האָט געזאָגט:

— „איצט ביסטו הונגעריק. אַז מען איז ניט הונגעריק, איז קיין זאַך ניט געשמאַק, און אַז מען איז הונגעריק — איז אַלץ געשמאַק".

דאָס זעלביקע פֿלייש	די זעלביקע זופּ	שעה	חבֿרים

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס האָט הערשעלע געזאָגט וועגן דער זופּ?
2. וואָס האָט ער געזאָגט וועגן דעם פֿלייש?
3. האָט די מאַמע געהייסן הערשעלען, ער זאָל עסן?
4. הייסט מען אײַך עסן?
5. פֿאַרוואָס האָט די מאַמע שפּעטער געלאַכט?

הונגעריק	hungry	זופּ, די	soup	שעה, די	(sho) hour
געשמאַק	tasty	פֿלייש, דאָס	meat	פֿאַרזוכן	to taste
אָפּרוקן	to push away	איך וויל	I want	אויפֿגעגעסן	ate

דער בעסטער מאַלצײַט

דער גרויסער געלערנטער הילל, האָט אַמאָל געזאָגט צו זײַן ווײַב:

— „גרייט צו אַ גוטן מאַלצײַט. מיר וועלן הײַנט אין אונזט האָבן זייער אַ ליבן גאַסט. ער וועט עסן בײַ אונדז".

ווען הילל איז אין אָוונט געקומען אַהיים מיטן גאַסט, איז דער מאַלצײַט נאָך ניט געווען פֿאַרטיק. האָט הילל גערעדט מיטן גאַסט, ביז דאָס עסן איז פֿאַרטיק געוואָרן. הילל און דער גאַסט האָבן געגעסן זופּ, וואָס די ווײַב האָט ערשט איצט געקאָכט, און ברויט, וואָס זי האָט ערשט איצט געבאַקן.

נאָכן עסן האָט הילל געפֿרעגט:

— „זאָג מיר נאָר, מײַן טײַערע, פֿאַרוואָס איז דאָס עסן פֿאַרטיק געוואָרן אַזוי שפּעט?"

האָט היללס ווײַב דערציילט:

— „דער מאַלצײַט איז שוין געווען פֿאַרטיק, און עס איז געווען אַ גוטער און אַ רײַכער מאַלצײַט, מיט פֿיש און מיט פֿלייש. ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט, איז אין שטוב אַרײַן אַ מאַן און מיר דערציילט:

ער האָט הײַנט חתונה געהאַט; ער איז אָבער זייער אָרעם און האָט ניט קיין מאַלצײַט פֿאַר זײַן פֿרוי. ער וויל זײַן יונגער פֿרוי געבן כאָטש דעם ערשטן מאַלצײַט זייער אַ גוטן.

האָב איך גענומען אַלץ וואָס איז גרייט געווען און

אויך דאָס גאַנצע ברויט און געגעבן דעם מאַן. פֿאַר אײַך האָב איך געקאָכט אַן אַנדער מאָלצײַט".

האָט הילל געשמייכלט און געזאָגט:

— „איך האָב באַלד געוואוסט, מײַן טײַערע, אַז עס איז עפּעס געשען מיטן עסן, וואָס דו האָסט צוגעגרייט פֿאַר אונדז. מיר האָבן טאַקע געגעסן שפּעט און דער מאָלצײַט איז געווען אָרעם. אָבער פֿאַר מײַן גאַסט און פֿאַר מיר איז עס געווען דער בעסטער מאָלצײַט וואָס מיר האָבן געגעסן אין אונדזער לעבן".

אַלט — יונג	אָרעם — רײַך	דער געלערנטער

פֿראַגעס:

1. וואָס איז געשען מיטן גוטן מאָלצײַט וואָס היללס ווײַב האָט צוגעגרייט?
2. וואָס האָט איר געזאָגט דער מאַן וואָס האָט ערשט איצט חתונה געהאַט?
3. וואָס האָט היללס ווײַב צוגעגרייט?
4. וואָס האָט זי שפּעטער געגעבן דעם מאַן און דעם גאַסט?
5. איז הילל געווען אין כּעס, ווען ער איז געקומען מיטן גאַסט און דער מאָלצײַט איז ניט געווען פֿאַרטיק?
6. דער מאָלצײַט איז געווען אַן אָרעמער און שפּעט אין אָוונט. פֿאַרוואָס איז ער פֿאַר היללן געווען דער בעסטער?

מאָלצײַט, דער	meal	לעבן, דאָס	life
גרויס	great	ערשט איצט	only now
געלערנטער, דער	scholar	כאָטש	at least
הילל	Hillel	יונג	young

די זון און די לבֿנה

ווען גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט, האָט ער געמאַכט די זון, זי זאָל שײַנען בײַטאָג, און די לבֿנה, זי זאָל שײַנען בײַנאַכט.

און די זון און די לבֿנה זײַנען ביידע געווען גלײַך. זיי זײַנען ביידע געווען גלײַך גרויס און ביידע האָבן געהאַט דאָס זעלביקע ליכט.

די זון איז געווען צופֿרידן, אָבער די לבֿנה האָט געזאָגט צו גאָט:

— „עס איז ניט גוט, וואָס דו האָסט מיך באַשאַפֿן גלײַך מיט דער זון. מענטשן וועלן ניט וויסן ווער עס איז די זון און ווער עס איז די לבֿנה. און איך וויל, מע זאָל וויסן אַז איך בין די לבֿנה".

האָט גאָט געזאָגט:

— „דו ביסט גערעכט. מע דאַרף וויסן ווער עס איז די זון און ווער עס איז די לבֿנה. דעריבער וועסטו ווערן קלענער און האָבן ווייניקער ליכט".

און אַזוי איז געוואָרן. איצט איז די לבֿנה אַן אומעטיקע און אַ בלאַסע. זי שעמט זיך און באַהאַלט זיך אָפֿט הינטער די וואָלקנס.

גרעסער — קלענער	ווייניקער	גלײַך גרויס	לבֿנה

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווער איז איצט גרעסער: די זון אָדער די לבֿנה?
2. ווען זײַנען די זון און די לבֿנה געווען גלײַך?
3. וואָס האָט די לבֿנה געזאָגט צו גאָט?
4. וואָס האָט גאָט געטאָן?
5. פֿאַרוואָס איז די לבֿנה אַ בלאַסע און אַן אומעטיקע?

לבֿנה (levone) moon
ליכט, דאָס light
וואָלקן, דער cloud
ווייניקער less
קלענער smaller

בלאַס pale
שעמען זיך to be ashamed
הינטער behind
אָפֿט often

אַזוי פֿירט זיך די וועלט

א

ווען גאָט האָט באַשאַפֿן אָדמען, האָט אָדם דערזען די וועלט אַרום זיך. דער ערשטער מענטש האָט געקוקט און געקוקט אויף דער וועלט. ער האָט זיך זייער געפֿרייט: אַ שיינע וועלט! ווי ליכטיק עס איז, ווי וואַרעם עס איז!

עס איז געקומען אָוונט. עס איז געוואָרן וויניקער וואַרעם. און אָט זעט אָדם — די זון גייט אונטער. עס ווערט פֿינצטער.

האָט אָדם זיך געשראָקן. עס ווערט פֿינצטער און עס ווערט קאַלט. די וועלט גייט אונטער! ער האָט זיך געשראָקן אַ גאַנצע נאַכט.

עס איז ווידער געוואָרן טאָג. די זון גייט אויף. עס ווערט ווידער ליכטיק. עס ווערט ווידער וואַרעם.

האָט אָדם געטראַכט: אַזוי פֿירט זיך די וועלט. נאָך טאָג קומט נאַכט. נאָך נאַכט קומט ווידער טאָג.

גייט אויף	גייט אונטער	ליכטיק — פֿינצטער

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. איז געווען ליכטיק און וואַרעם, ווען גאָט האָט באַשאַפֿן אָדמען?
2. האָט אָדם זיך געפֿרייט מיט דער וועלט?
3. פֿאַרוואָס האָט אָדם זיך געשראָקן?
4. ווען האָט אָדם זיך מער ניט געשראָקן?
5. וואָס האָט אָדם פֿאַרשטאַנען (understood)?

פֿירט זיך די וועלט	that's the way the world goes	גייט אויף	is rising
אָדם	(Odem) Adam	זיך געשראָקן	was afraid
גייט אונטער	is setting; perishes	פֿינצטער	dark
		אַרום	around

בּ

עס איז געווען זומער. אָדם פֿרייט זיך מיט דער וועלט: עס איז ליכטיק, עס איז וואַרעם! אָדם איז געווען גליקלעך.

אָבער עס איז אַוועק דער זומער. עס איז שוין באַלד אַוועק דער האַרבסט. די טעג זײַנען קורצע און זיי ווערן



אַלץ קירצער. די נעכט זײַנען לאַנגע און זיי ווערן אַלץ לענ־גער. עס איז קאַלט. עס ווערט אַלץ קעלטער. עס איז שוין ווינטער און עס איז זייער, זייער קאַלט.

האָט אָדם זיך געשראָקן. ער האָט געטראַכט: די וועלט גייט אונטער! האָט אָדם געלעבט אין שרעק אַ סך טעג.

דערנאָך האָט אָדם געזען: די טעג ווערן לענגער, די נעכט ווערן קירצער. עס איז געקומען דער פֿרילינג. עס איז ווידער געוואָרן וואַרעמער. האָט אָדם זיך געפֿרייט און ער האָט געזאָגט:

— „איצט זע איך אַז די וועלט פֿירט זיך אַזוי: נאָך זומער — קומט האַרבסט, נאָך האַרבסט קומט ווינטער, אָבער נאָך ווינטער קומט פֿרילינג און דערנאָך איז ווידער זומער! אַ שיינע וועלט, אַ גוטע וועלט!"

פֿרילינג, זומער, האַרבסט, ווינטער	קירצער — לענגער

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. ווען האָט אָדם זיך געפֿרייט מיט דער וועלט?
2. וואָס האָט אָדם געזען, ווען עס איז געקומען דער האַרבסט?
3. פֿאַרוואָס האָט אָדם זיך געשראָקן?
4. ווען האָט אָדם זיך מער ניט געשראָקן?
5. וואָס האָט אָדם פֿאַרשטאַנען?
6. ווי לערנט זיך דער מענטש?

האַרבסט, דער — autumn
קורץ — short
קירצער — shorter
קעלטער — colder

האַרבסט

גרוי דער הימל, ס'גייט אַ רעגן
אויף די גאַסן, אויף די וועגן.

ס'פֿאַלן בלעטער ברוינע, געלע,
בלעטער טונקעלע און העלע.

ס'גייט אַ רעגן אַזאַ קאַלטער.
טראָפּ, טראָפּ, טראָפּ — אויף שויבן פֿאַלט ער.

זיצט היינט, קינדער, אין די שטיבער,
ביז דער רעגן וועט אַריבער.

גרוי	ברוין	העל	טונקל	געל

גרוי	gray
ברוין	brown
העל	bright
טונקל	dark
בלעטער	leaves
שויב, די	window pane
אַריבער	over



קין און הבל

קין און הבל זײַנען געווען אָדמס זין. קין האָט ליב געהאַט זיך צו קריגן און הבל איז געווען אַ שטילער און געוואָלט לעבן בשלום מיט זײַן ברודער. איין מאָל זאָגט קין צו הבלען:

— „איך וויל זיך אויך נישט קריגן, לאָמיר זיך צע־טיילן די וועלט און לאָמיר לעבן בשלום".

— „אויב דו ווילסט אַזוי, זאָל זײַן אַזוי", — האָט געזאָגט הבל.

— „אָבער איך וויל נעמען די גאַנצע ערד", — האָט געזאָגט קין.

— „גוט" — האָט געזאָגט הבל, — „אָבער מיר לאָז די שאָף. איך נעם די שאָף".

קין האָט געזאָגט: — „גוט".

און זיי האָבן זיך צעטיילט די וועלט.

איין מאָל האָט קין געאַרבעט אין פֿעלד. זעט ער — זײַן ברודער הבל פּיטערט שאָף. לויפֿט ער צו צו אים און שרײַט:

— „די ערד איז מײַנע! פֿאַרוואָס פּיטערסטו דײַנע שאָף אויף מײַן ערד?"

האָט הבל געזאָגט:

— „פֿאַרוואָס טראָגסטו קליידער פֿון וואָל, וואָס קומט פֿון מײַנע שאָף?"

אָבער קין האָט ניט געהערט און ווײַטער געשריִען:

— „אַראָפּ פֿון מײַן ערד!"

און הבל האָט געשריִען: — „טו אויס מײַנע קליי־דער!"

האָבן זיי זיך געקריגט און געקריגט. דערנאָך האָט קין געשלאָגן זײַן ברודער, און ער האָט אים געטייט.

פּיטערן שאָף	באַאַרבעטן די ערד	זיך צעטיילן

פֿראַגעס:

1. ווער האָט ליב געהאַט זיך צו קריגן?
2. ווער האָט געוואָלט לעבן בשלום?
3. וואָס האָט איין מאָל קין געזאָגט הבֿלען?
4. ווי האָבן די ברידער זיך צעטיילט די וועלט?
5. וואָס האָט קין געזאָגט וועגן הבֿלס שאָף?
6. וואָס האָט הבֿל געזאָגט וועגן קינס קליידער?
7. האָט הבֿל געקענט אַראָפּ פֿון דער ערד?

קין	(Ka-yin) Cain	פֿיטערן	to graze; to feed
הבֿל	(Hevl) Abel	וואָל, די	wool
צעטיילן זיך	to divide, to share	געשלאָגן	hit
שאָף	sheep	טייטן	to kill, to murder

אַ רעטעניש אין גראַמען

איך בין דאָ אין אויג, אין אויער,
אויבן, אונטן — אומעטום.
שטענדיק שטיי איך דאָרט בײַם טויער
און איך שווײַג, ווײַל איך בין שטום.

דו ביסט דאָ אין אויג אין אויער,
אויבן, אונטן — אומעטום.
שטענדיק שטייסטו דאָרט בײַם טויער
און דו שווײַגסט, ווײַל דו ביסט שטום —

ווײַל אַ שטומער אַלף ביסטו
און דעם וואָרט אַן אָנהייב גיסטו!
ביסט אויך דאָ אין איך און אין,
ווי ס'איז ריכטיק לויטן דין,
ווי עס פּאַסט זיך און ס'איז גוט —
פֿאַר אַ וואָו און פֿאַר אַ יוד.

אויער, דער	ear
אויבן	above
אונטן	below
טויער, דער	gate
שטום	mute, dumb
אָנהייב, דער	beginning
ריכטיק	right
לויטן דין	according to the law

פֿאַרוואָס קומט דער ת צום סוף פֿון אַלף־בית

א

עס איז געווען זומער. די קינדער זײַנען ניט געגאַנגען אין שול. די ביכער זײַנען געלעגן און קיינער האָט זיי ניט געעפֿנט. קיינער האָט ניט געלערנט פֿון די ביכער.

זײַנען די אותיות פֿון אַלף־בית אַרויס פֿון די ביכער. די אותיות זײַנען אַוועק אין די פֿעלדער, בײַ טײַכן, אונטער ביימער. די אותיות האָבן זיך געבאָדן אין טײַכן. זיי האָבן זיך געשפּילט אונטער ביימער.

ביז דער אַלף האָט זיך דערמאָנט: אָט הייבט מען ווידער אָן לערנען אין שול. די קינדער וועלן ווידער נעמען די ביכער אין די הענט. זיי וועלן זיי עפֿענען און דאַרפֿן לייענען — און אַלע אותיות זײַנען אַוועק!

האָט דער אַלף גענומען רופֿן:

בּ, ב, ג, ד, ה, ו, ז, ח, ט, י, כּ, כ, ד,
ל, מ, ם, נ, ן, ס, ע, פּ, פֿ, ף, צ, ץ,
ק, ר, שׁ, שׂ, תּ, ת.

קומט צוריק! קומט צוריק!

אַלע אותיות האָבן געהערט ווי דער אַלף רופֿט. אַלע אותיות זײַנען אַוועק פֿון די פֿעלדער און טײַכן. זיי זײַנען גיך געקומען צוריק. די אותיות זײַנען אַרײַן אין די ביכער אויף די ריכטיקע ערטער.

געגאַנגען	געלעגן	געקומען	גענומען

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס איז געשען מיט די ביכער, ווען דער זומער איז געקומען?
2. זײַנען די אותיות געבליבן אין די ביכער?
3. וואָס האָבן די אותיות געטאָן?
4. ווער האָט זיך דערמאָנט אַז מע הייבט באַלד ווידער אָן לערנען אין שול?
5. וואָס האָט דער אַלף געטאָן?
6. ווייסט איר ווי עס גייען די אותיות אין אַלף־בית?

אַלף־בית	(alefbeyz) Jewish alphabet	ערטער	places
סוף, דער	(sof) end	געבאָדן זיך	swam; took a bath
געגאַנגען	went	דערמאָנען זיך	remember
געלעגן	lay (around)	גענומען	started to, began

אַלע אותיות האָבּן דערהערט ווי דער אַלף רופֿט זיי. אַלע אותיות זײַנען אַרײַן אין די בּיכער פֿון די קינדער. נאָר דער ת האָט ניט געהערט. נאָר דער ת איז ניט געקומען צוריק.

פֿאַרוואָס האָט דער ת ניט געהערט? אפֿשר איז ער געווען צו ווײַט אַוועק. אפֿשר האָט ער זיך געבּאָדן אָדער געווען הויך אויף אַ בּוים. אפֿשר האָט ער טאַקע געהערט, אָבּער ער האָט ניט געוואָלט אַזוי גיך קומען צוריק. אַלע אותיות זײַנען געווען אויף די ריכטיקע ערטער — נאָר דער ת ניט.

דער אַלף האָט גענומען אויסרופֿן:

— „בּ"? — „איך בּין דאָ", — האָט בּ געענטפֿערט.

— „בֿ"? — „איך בּין דאָ", — האָט בֿ געזאָגט.

— „ג"? — „איך בּין דאָ", — האָט ג געשריִען.

— „ד"? — „איך בּין דאָ", — האָט ד אויסגערופֿן.

— „ה"? — „איך בּין דאָ" — האָט ה געענטפֿערט.

און אַזוי מיט אַלע אותיות. בּיז דער אַלף איז געקומען צום ת.

— „ת? ת?" — האָט דער אַלף צוויי מאָל גערופֿן. אָבּער דער ת איז ניט געווען.

— „,,זאָל זײַן אָן דעם ת!" — האָבּן געזאָגט דער ף און דער ץ.

— „אָבּער עס מוזן זײַן אַלע אותיות!" — האָבּן גע־שריִען פּ און כ און ך.

— „איך דאַרף מײַן חבֿר", — האָט געוויינט דער תּ וואָס זעט אויס ווי דער ת. ער האָט נאָר אַ פּינטעלע.

— „די קינדער דאַרפֿן דעם ת" — האָט געזאָגט דער קלוגער ח, וואָס זעט אויס אַ בּיסל ווי דער ת — „אָן דעם ת וועלן די קינדער האָבּן נאָר איין מתּנה. אָבּער זיי וועלן ניט האָבּן קיין צוויי אָדער מער מתּנו..."

— „אָן דעם ת, קען ניט זײַן קיין שבּ...", — האָבּן אויסגערופֿן דער בּ און דער שין.

— „ת! ת! קום אַהער!" — האָבּן אַלע אותיות גע־שריִען.

דער ת הערט שוין. ער לויפֿט אין שרעק און שלעפּט א פֿיסל. אַלע אותיות זעען ווי ער קומט, ווי ער שלעפּט זײַן פֿיסל.

— „גיכער, גיכער קום אַרײַן!" — שרײַט צו אים זײַן חבֿר, דער תּ.

אָבער ווײַל דער ת איז געקומען אַזוי שפּעט, האָבן אַלע אותיות געזאָגט:

— „פֿון איצט אָן וועסטו זײַן דער לעצטער".

און אַזוי איז טאַקע געבליבן. דער אַלף איז געוואָרן אויף אַלע מאָל דער ערשטער, ווײַל ער האָט דער ערשטער זיך דערמאָנט — מע דאַרף קומען צוריק אין די ביכער פֿון די קינדער. און דער ת שטייט דער לעצטער און שלעפּט זײַן פֿיסל.

מתּנות	חלות	חתונה	שבת	אמת

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. פֿאַרוואָס איז דער ת ניט געקומען, ווען דער אַלף האָט גערופֿן?
2. וואָס האָבן געזאָגט דער ף און דער ץ?
3. וואָס האָבן געזאָגט כּ, כ, און ך?
4. וואָס האָט געזאָגט דער קלוגער ח?
5. וואָסערע (וואָס פֿאַר אַ) אותיות האָבן פּינטעלעך?
6. וואָסערע ווערטער דאַרפֿן דעם ת?

אַהער	here	אפֿשר	(efsher) maybe
שלעפּן	to drag	פּינטעלע, דאָס	dot
פֿון איצט אָן	from now on	פֿיסל, דאָס	little foot, little leg



צוויי ברידער

אַמאָל האָט געלעבט אַ רײַכער ייִד. דער ייִד האָט געהאַט צוויי זין. און דער ייִד האָט ליב געהאַט נאָר דעם עלטערן זון. דעם ייִנגערן זון האָט דער פֿאָטער ניט ליב געהאַט, ווײַל דער פֿאָטער האָט געטראַכט, אַז דער ייִנגערער זון איז אַ פֿוילער.

איין מאָל זאָגט דער פֿאָטער צו דער מוטער:

— „אַלץ וואָס איך האָב וועל איך געבן דעם עלטערן זון. דעם ייִנגערן וועל איך גאָרניט געבן, ווײַל ער איז אַ פֿוילער".

ווען די מוטער האָט דאָס געהערט, איז זי געזעסן אַ גאַנצן טאָג און האָט געוויינט. זי האָט דעם ייִנגערן זון אויך ליב געהאַט.

אויף מאָרגן איז די פֿרוי אַוועק צום רבֿ. זי האָט דעם רבֿ דערציילט וואָס איר מאַן האָט געזאָגט. און זי האָט געפֿרעגט:

— „וואָס זאָל איך טאָן מיטן ייִנגערן זון?"

דער רבֿ האָט געענטפֿערט:

— „גיי אַהיים און דערצייל דײַן ייִנגערן זון וואָס דער פֿאָטער האָט געזאָגט. דו וועסט זען אַז אים וועט אויך זײַן גוט".

די מוטער האָט געפֿאָלגט דעם רבֿ. דער ייִנגערער זון האָט איצט געוואוסט אַז ער וועט קיין זאַך ניט קריגן פֿון פֿאָטער. איז ער אַוועק צו אַ בעל־מלאכה זיך לערנען אַ פֿאַך.

דער ייִנגערער זון איז איצט ניט געווען פֿויל. ער האָט שווער געאַרבעט און האָט גוט געלערנט זײַן פֿאַך. ער איז געוואָרן אַ גוטער בעל־מלאכה. פֿרײַנד האָבן אים געגעבן אַרבעט. ער האָט געהאַט פֿון וואָס צו לעבן און ער איז געווען צופֿרידן.

דער עלטערער זון האָט געוואוסט אַז דער פֿאָטער וועט אים געבן אַלץ וואָס ער האָט. ער איז געוואָרן פֿויל. ער האָט זיך ניט געלערנט און ער האָט ניט געאַרבעט.

נאָך זײַן פֿאָטערס טויט האָט ער געהאַט אַ סך געלט. אָבער ער האָט קיין פֿאַך ניט געהאַט. האָט דער עלטערער

זון געגעסן פֿון דעם געלט פֿון זײַן פֿאָטער, ביז ער האָט שוין גאָר קיין געלט מער ניט געהאַט.
און דער עלטערער זון איז געבליבן אָרעם.

רבֿ	בעל־מלאכה	פֿאַך	עלטער — ייִנגער

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. פֿאַרוואָס האָט דער פֿאָטער ניט געוואָלט עפּעס געבן דעם ייִנגערן זון ?
2. וואָס האָט די מוטער געטאָן ?
3. וואָס האָט דער רבֿ געזאָגט ?
4. וואָס האָט געטאָן דער ייִנגערער זון ?
5. איז ער טאַקע געווען אַ פֿוילער ?
6 וואָס איז געוואָרן מיט דעם עלטערן זון ?
7. האָט דער פֿאָטער גוט געטאָן ?

טאָן	to do	פֿאַך, דער	trade
עלטערער	older	בעל־מלאכה	(balmelokhe) skilled worker
ייִנגערער	younger	טויט, דער	death
רבֿ, דער	(rov) rabbi		

פֿאַרוואָס האָט דער אײזל לאַנגע אויערן?

דער ערשטער מענטש אויף דער וועלט איז געווען אָדם. אָדם האָט געגעבן נעמען אַלע חיות פֿון דער וועלט.

— „גערענק, דו הייסט לײב“, — האָט ער געזאָגט דעם לײב.

— „איך הײס לײב“, — האָט דער לײב אים נאָכגעזאָגט.

— „גערענק, דו הייסט בער“, — האָט אָדם געזאָגט דעם בער, און דער בער האָט נאָכגעזאָגט: — „איך הײס בער“.

— „גערענק, דו הייסט מאַלפּע“, — האָט אָדם געזאָגט דער מאַלפּע. און די מאַלפּע האָט נאָכגעזאָגט: — „איך הײס מאַלפּע“.

— „גערענק, דו הייסט פֿערד“. — דאָס פֿערד האָט נאָכגעזאָגט: — „איך הײס פֿערד“.

— „גערענק, דו הייסט אײזל“, — האָט אָדם געזאָגט צום אײזל. אָבער דער אײזל האָט ניט נאָכגעזאָגט. ער האָט געזען גראָז לעבן זיך. האָט ער געגעסן דאָס גראָז.

אויף מאָרגן האָט אָדם גערופֿן אַלע חיות און זיי געפֿרעגט ווי זיי הייסן.

— „איך הייס לייב", — האָט געענטפֿערט דער לייב.

— „איך הייס בער", — האָט געזאָגט דער בער.

— „איך הייס מאַלפּע", — האָט געזאָגט די מאַלפּע.

— „איך הייס פֿערד", — האָט דאָס פֿערד געזאָגט.

— „און ווי הייסטו?" — האָט אָדם געפֿרעגט דעם אייזל.

— „איך הייס... איך הייס..." — און דער אייזל האָט ניט געדענקט ווי ער הייסט.

— „אייזל! געדענק אַז דו הייסט אייזל!" — איז אָדם געוואָרן אין כּעס און האָט אַ ציִ געטאָן דעם אייזל פֿאַר די אויערן. אָדם איז געווען זייער אַ שטאַרקער, שטאַרקער פֿון אַלע מענטשן נאָך אים. פֿון דעם צי זײַנען בײַ דעם אייזל די אויערן געוואָרן לאַנג. אַזוי איז דער אייזל שוין געבליבן מיט לאַנגע אויערן.

געדענקען	חיה — חיות	איך הייס	אין כּעס

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. ווער האָט געגעבן נעמען אַלע חיות?
2. וואָסערע נעמען פֿון חיות ווייסטו?
3. פֿאַרוואָס האָט דער אייזל ניט געדענקט זײַן נאָמען?
4. וואָס האָט אָדם געטאָן דעם אייזל?

אייזל, דער	donkey	גראָז, דאָס	grass
נעמען	names	אַ ציִ געטאָן	pulled
חיה, די	(khaye) animal	שטאַרק	strong
חיות	(khayes) animals	נאָכזאָגן	to repeat

פֿאַרוואָס האָט דאָס שעפּעלע וואָל?

דאָס שעפּעלע איז געקומען צו גאָט און האָט געזאָגט:

— „אויף דײַן וועלט זײַנען דאָ אַ סך בייזע חיות. זיי האָבן שאַרפֿע ציין, לאַנגע נעגל, גרויסע הערנער. וואָס זאָל איך טאָן? ווי קען איך זיך שיצן?"

האָט גאָט געזאָגט: — „איך וועל דיר געבן שאַרפֿע ציין און דו וועסט קענען בײַסן מיט זיי".

— „פֿאַסן דען פֿאַר מיר שאַרפֿע ציין?" — האָט דאָס שעפֿעלע געפֿרעגט, — „איך וויל קיינעם ניט בײַסן".

— „וועל איך דיר געבן לאַנגע נעגל", — האָט גאָט געזאָגט, — „און דו וועסט קענען רײַסן מיט זיי".

— „פֿאַסן דען פֿאַר מיר לאַנגע נעגל?" — האָט ווידער געפֿרעגט דאָס שעפֿעלע, — „איך וויל קיינעם ניט רײַסן".

— „איך וועל דיר געבן גרויסע הערנער אויפֿן שטערן", — האָט גאָט געזאָגט, — „און דו וועסט קענען שטעכן מיט זיי".

— „פֿאַסן דען פֿאַר מיר הערנער?" — האָט דאָס שעפֿעלע ווידער געפֿרעגט, — „איך וויל קיינעם ניט שטעכן".

האָט גאָט געזאָגט: — „דו ביסט אַ גוט שעפֿעלע. דו ווילסט קיינעם ניט בײַסן, קיינעם ניט רײַסן, קיינעם ניט שטעכן. גיב איך דיר אַ זייער שיינע מתּנה: ווייכע, וואַרעמע וואָל. און דער מענטש וועט דיך שוין שיצן פֿון אַלע בייזע חיות".

דאָס שעפֿעלע איז אַוועק זייער צופֿרידן.

און אַזוי איז ביז הײַנט. דער מענטש שיצט דאָס שעפֿעלע, און דאָס שעפֿעלע גיט דעם מענטשן וואָל.

עס פֿאַסט — עס פֿאַסט ניט	צאָן — ציין	נאָגל — נעגל

פֿ ר אַ ג ע ם :

1. וואָס האָט דאָס שעפֿעלע געזאָגט, ווען עס איז געקומען צו גאָט?
2. וואָס האָט גאָט געוואָלט געבן דעם שעפֿעלע?
3. פֿאַרוואָס האָט דאָס שעפֿעלע ניט געוואָלט קיין שאַרפֿע ציין?
4. פֿאַרוואָס האָט דאָס שעפֿעלע ניט געוואָלט קיין לאַנגע נעגל?
5. פֿאַרוואָס האָט דאָס שעפֿעלע ניט געוואָלט קיין גרויסע הערנער?
6. וואָס האָט גאָט געגעבן דעם שעפֿעלע?

שעפֿעלע, דאָס	little sheep	שיצן זיך	to protect oneself
שאַרף	sharp	בײַסן	to bite
נעגל	nails	רײַסן	to tear
הערנער	horns	שטעכן	to stab, to stick
ווייך	soft	שטערן, דער	forhead

פֿאַרוואָס עסט מען אינדיק טענקסגיווינג?

א

די ערשטע פּיאָנירן דאָ אין לאַנד האָבן זייער שווער געאַרבעט. זיי האָבן געאַקערט די ערד וואו מע האָט פֿריִער קיינמאָל ניט געאַקערט.

די פּיאָנירן האָבן אויך געדאַרפֿט שווער אַרבעטן בײַם זייען תּבֿואה, דערנאָך בײַם שנײַדן תּבֿואה. עס איז געווען אַ שווער לעבן.

אַ ביסל שפּעטער איז שוין ניט געווען אַזוי שווער. מע האָט שוין געהאַט תּבֿואה. דער הויף איז שוין ניט געווען ליידיק. דערנאָך איז געוואָרן נאָך בעסער.

עס זײַנען שוין געווען אין הויף אַ האָן מיט הינער. עס איז אויך געווען אַ גאַנדז און אַ קאַטשקע. עס האָט שפּאַצירט אין הויף אַן אינדיק. דער אינדיק איז געווען אַ גרויסער, אַ פֿעטער און אַ פֿוילער.

אַלע אין הויף האָבן געלעבט גוט צווישן זיך. די קאַטשקע און די גאַנדז זײַנען גאָר געווען גוטע פֿרײַנד. זיי האָבן די גאַנצע צײַט זיך דערציילט מעשׂיות און האָבן געלאַכט. דער האָן איז געגאַנגען מיט די הינער. ער האָט זיי געלערנט ווי צו געפֿינען קערנער.

אַלע אין הויף זײַנען געווען צופֿרידן. אַלע האָבן געלעבט בשלום. נאָר דער אינדיק איז אַלע מאָל געווען אַליין. ער איז געווען בייז אויף אַלעמען.

אינדיק	גאַנדז	קאַטשקע	האָן	הינער

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. ווי האָבן געלעבט די ערשטע פּיאָנירן דאָ אין לאַנד?
2. ווען איז זיי געוואָרן בעסער?
3. ווער איז געווען אין הויף?
4. ווער האָט געלעבט גוט צווישן זיך?



אינדיק, דער	turkey	אַקערן	to plow
האָן, דער	rooster	זייען	to sow
גאַנדז, די	goose	שנײַדן	to cut
קאַטשקע, די	duck	תּבֿואה	(tvu'e) grain
הינער	hens, chickens	קערנער	seeds
פּיאָניר, דער	pioneer		

בּ

דער אינדיק האָט שפּאַצירט אין הויף בײַז און אָנגעבלאָזן.

די קאַטשקע און די גאַנדז זײַנען געקומען צו אים און געוואָלט מיט אים רײדן, אים דערציילן אַ מעשׂה. אָבער דער אינדיק האָט זיך נאָך מער אָנגעבלאָזן און האָט געשריִען:

— „אַוועק פון מיר! איר זײַט ניט גלײַך צו מיר! איך בין דער איינציקער אַמעריקאַנער דאָ אין הויף. איר אַלע זײַט געקומען פון יענער זײַט ים. איך בין דער איינציקער וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע. נאָר איך האָב רעכט דאָ צו זײַן!"

אַזוי האָט דער אינדיק אויך געענטפערט דעם האָן מיט די הינער, ווען זיי האָבן געוואָלט ריידן מיט אים.

עס איז געקומען דער טאָג, ווען די פּיאָנירן האָבן מער ניט געדאַרפט אַרבעטן אין פעלד. די גאַנצע אַרבעט איז שוין געווען געענדיקט. האָבן די פּיאָנירן געזאָגט: — „מיר וועלן מאַכן אַ גרויסן יום־טובֿ!"

איז מען אַרויס אין הויף צו זען, וואָס זאָל מען אויסבראָטן צו דעם נײַעם שיינעם יום־טוב.

— „אָט די הון", — האָט געזאָגט איינער פון די פּיאָנירן.

— „נעמט ניט די הון!" — האָט גענומען שרײַען דער האָן, — „זי איז מײַן פרײַנד, נעמט בעסער מיך!"

— „וועלן מיר נעמען דעם האָן און אים אויסבראָטן", — האָט געזאָגט אַן אַנדער פּיאָניר.

— „נעמט ניט דעם האָן!" — האָבן גענומען שרײַען אַלע הינער, — „ער איז גוט צו אונדז".

און ווען מע האָט געוואָלט נעמען די קאַטשקע, האָט די גאַנדז געזאָגט: — „נעמט ניט די קאַטשקע, נעמט בעסער מיך! די קאַטשקע איז מײַן בעסטער פרײַנד!"

און די זעלביקע זאַך האָט די קאַטשקע געזאָגט וועגן דער גאַנדז. אָבער דער אינדיק האָט זיך אָנגעבלאָזן און האָט געשריִען:

— „נעמט זיי, נעמט זיי אַלעמען! בראָט זיי אויס. זיי זײַנען דאָ פֿרעמדע. זיי זײַנען דאָ ניט געבוירן געוואָרן. זיי קומען פֿון יענער זײַט ים. איך, נאָר איך בין דער איינציקער אַמעריקאַנער!"

— „אויב אַזוי", — האָבן די פּיאָנירן געזאָגט, — „דאַרף מען דיך טאַקע אויסבראָטן צו אונדזער אַמעריקאַנער יום־טוב".

און אַזוי פֿירט מען זיך טאַקע פֿון יענעם ערשטן טענקס־גיווינג: מע בראָט אויס אַן אינדיק צו דעם שיינעם אַמעריקאַנער יום־טובֿ.

געבוירן געוואָרן	איינציקער	דאָס רעכט	פֿרעמד

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס האָט דער אינדיק ניט געוואָלט ריידן מיט די אַנדערע פֿון הויף?
2. פֿאַרוואָס האָט מען ניט גענומען דעם האָן אויף צו בראָטן צו דעם יום־טובֿ?
3. פֿאַרוואָס האָט מען ניט גענומען די קאַטשקע אויף צו בראָטן צו דעם יום־טובֿ?
4. וואָס האָט געזאָגט דער אינדיק?
5. פֿאַרוואָס האָבן די פּיאָנירן גענומען דעם אינדיק?

הון, די	hen	ענדיקן	to finish
אָנגעבלאָזן	touchy, sore	יענע	the others
איינציק	only	פֿרעמד	alien
אַמעריקאַנער	American	רעכט, דאָס	the right
געבוירן	born	אויסבראָטן	to roast, to broil



צוויי שיכעלעך

אַז ייִנגעלע ליגט אין זײַן בעט ניט געזונט,
קוקן די ווענט מיט באַדויער.
שטייען צוויי שיכעלעך אונטערן בעט,
שיכעלעך פֿולע מיט טרויער.

קאַלטע און עלנטע שטייען זיי דאָרט,
שווײַגן און קוקן פֿאַרדריסלעך.
וואַרטן צוויי שיכעלעך אונטערן בעט
אויף ייִנגעלעס וואַרעמע פֿיסלעך.

זאָגט שיכעלע רעכטס צו דעם שיכעלע לינקס:
— „איך בענק נאָך דעם ייִנגעלע זיסן,
אַט זאָל ער נאָר אויפֿשטיין געזונט פֿון זײַן בעט,
איך וועל אים מיט ליבשאַפֿט באַגריסן".

זאָגט שיכעלע לינקס צו דעם שיכעלע רעכטס:
— „אַט זאָל ער נאָר בעסער זיך פֿילן,
איך שווער דיר: איך וועל אים שוין קיינמאָל ניט מער
דאָס פֿיסעלע לאָזן פֿאַרקילן".

אַז ייִנגעלע ליגט אין זײַן בעט ניט געזונט,
קוקן די ווענט מיט באַדויער,
שטייען צוויי שיכעלעך אונטערן בעט,
שיכעלעך פֿולע מיט טרויער.

איך פֿיל זיך גוט (שלעכט)	רעכטס — לינקס	שווערן



באַדויער	pity
טרויער, דער	sorrow
עלנט	lonely
פֿאַרדריסלעך	aggravating
רעכטס	right
לינקס	left
ליבשאַפֿט, די	love
זיך פֿילן	to feel
פֿאַרקילן	to catch cold
שווערן	to swear

דער עפּל

א

די מאַמע האָט געבראַכט פֿון קראָם אַ גרויסן, רויטן עפּל.

— „זע, גיטל, וואָס פֿאַר אַן עפּל!" — האָט זי געזאָגט צו איר טאָכטער וואָס איז געזעסן און האָט גענייט, — „נעם דעם עפּל און עס אים אויף".

גיטל האָט שוין געוואָלט עסן דעם עפּל. זי האָט אָבער זיך באַלד דערמאָנט אין יאַנקעלען, איר יינגערן ברודערל.

יאַנקעלע האָט נעכטן פֿאַרדינט בײַ איר אַן עפּל. ער האָט איר צוויי מאָל געפֿאָלגט. ער איז געגאַנגען פֿאַר איר קויפֿן נאָדל און פֿאָדעם און שפּעטער האָט ער איר געבראַכט אַ בוך.

— „זאָל דער עפּל זײַן פֿאַר אים!" — האָט זי געטראַכט.

אַז יאַנקעלע איז געקומען פֿון שול, האָט גיטל אים געגעבן דעם עפּל. יאַנקעלע האָט געהאַלטן דעם עפּל אין קעשענע. ער וועט אים עסן שפּעטער.

די מאַמע האָט געשיקט מיט יאַנקעלען מיטאָג צום טאַטן. דער טאַטע האָט געאַרבעט אין אַן אַנדער גאַס.

ווען דער טאַטע האָט געגעסן, טראַכט יאַנקעלע: — דער טאַטע אַרבעט, פֿאַרדינט פֿאַר אַלעמען. דאַרף ער קריגן דעם גרויסן עפּל.

נעמט יאַנקעלע אַרויס דעם עפּל פֿון קעשענע, גיט עס דעם טאַטן און זאָגט:

— „נאַ, טאַטע, די מאַמע האָט דיר געשיקט אַן עפּל אויך!"

— „ווילסט אַ שטיקל?" — פֿרעגט דער טאַטע.

— „ניין, איך בין זאַט", — ענטפֿערט יאַנקעלע.

דער טאַטע קוקט אויף יאַנקעלען, שמייכלט און באַהאַלט דעם עפּל אין קעשענע.

איך ברענג — איך האָב געבראַכט	איך גיב — איך האָב געגעבן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט די מאַמע געבראַכט פֿון קראָם?
2. וועמען האָט די מאַמע געגעבן דעם עפּל?
3. ווי אַזוי איז דער עפּל געקומען צום זון?
4. ווי אַזוי איז דער עפּל געקומען צום פֿאָטער?

געבראַכט brought
איר her; you
פֿאַרדינען to earn
זאַט full, sated

ב

אין אָונט, ווען דער טאַטע קומט אַהיים, נעמט ער אַרויס דעם עפּל און זאָגט דער מאַמען:

— „נאַ, נעם און פֿאַרזוך, מיר האָט זיך היינט ניט געוואָלט".

— „וואו האָסטו גענומען אַזאַ גרויסן עפּל?" — האָט די מאַמע געפֿרעגט, — „זע, גיטל, אַזאַ עפּל ווי איך האָב דיר היינט געגעבן!"

קוקט גיטל אויף יאַנקעלען, יאַנקעלע — אויפֿן טאַטן, דער טאַטע אויף יאַנקעלען. און אַלע נעמען דערציילן ווי אַזוי דער עפּל איז געגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט. זיי דערציילן און לאַכן.

— „אַ וואונדער־עפּל!" — האָט דער טאַטע געזאָגט.

— „אַ וואונדער־עפּל ביי וואונדער־קינדער ווי מיינע", — האָט די מאַמע זיך געפֿרייט. און זי האָט גענומען אַ מעסער, צעשניטן דעם גרויסן עפּל אויף פֿיר טיילן. אַלע האָבן געגעסן דעם עפּל. אַלע האָבן געגעסן דעם עפּל און זיינען געווען גליקלעך.

איך נעם — איך האָב גענומען	איך עס — איך האָב געגעסן

פֿראַגעס:

1. ווי אַזוי איז דער עפּל ווידער געקומען צו דער מוטער?
2. ווער האָט געגעסן דעם עפּל?
3. פֿאַרוואָס זיינען אַלע געווען גליקלעך?
4. איז דער גרויסער עפּל געווען אַ וואונדער־עפּל אָדער די גאַנצע משפּחה איז געווען אַ וואונדער־משפּחה?

מיר האָט זיך ניט געוואָלט I did not feel like
וואונדער wonder
מעסער, דאָס knife
צעשניטן cut
טיילן to part, to divide

שבת אין מדבר

אַ פֿרומער ייִד איז געגאַנגען אין מדבר מיט אַ קאַראַוואַן. דער קאַראַוואַן איז געגאַנגען אַ גאַנצע וואָך.

ווען עס איז געקומען פֿרײַטיק אין אָוונט, האָט דער פֿרומער ייִד ניט געוואָלט ווײַטער גיין. ער האָט געזאָגט צו די מענטשן פֿון קאַראַוואַן:

— „עס קומט שבת. שבת גיי איך ניט ווײַטער. שבת מוז איך רוען. איך בעט אײַך, לאָמיר דאָ בלײַבן איין טאָג, דערנאָך וועלן מיר ווײַטער גיין".

אָבער די מענטשן פֿון קאַראַוואַן האָבן ניט געוואָלט בלײַבן אַ גאַנצן טאָג אויף איין אָרט. האָבן זיי געלאָזט דעם פֿרומען ייִד אַליין אין מדבר און זיי זײַנען אַלע אַוועק.

דער פֿרומער ייִד בלײַבט אַליין אין מדבר. די זון גייט אונטער. עס ווערט פֿינצטער. מע הערט דאָס ברומען פֿון ווילדע חיות. מיטאַמאָל לויפֿט צו אַ גרויסער לייב גאָר נאָענט צו דעם פֿרומען ייִד. דער לייב לייגט זיך אַוועק לעבן דעם ייִד.

— „גאָט האָט מיר געשיקט אַ היטער", — האָט דער ייִד געטראַכט און זיך געפֿרייט. דעם גאַנצן שבת איז דער לייב געלעגן לעבן דעם פֿרומען ייִד. די זון גייט ווידער אונטער. דער לייב שטעלט זיך אויף. ער איז געשטאַנען און אויף עפּעס געוואַרט.

— „גאָט האָט מיר געשיקט אַ וואונדער-פֿערד", — האָט דער ייִד געטראַכט. ער האָט זיך געזעצט אויפֿן לייב. און דער לייב איז גיך געלאָפֿן, ביז ער האָט געבראַכט דעם ייִד צום קאַראַוואַן וואָס איז געווען ווײַט אַוועק.

מדבר	חיות	איז געשטאַנען	זיך אויפֿגעשטעלט

פֿראַגעס:

1. וואָס האָט דער פֿרומער ייִד געבעטן די מענטשן פֿון קאַראַוואַן?
2. האָבן די מענטשן פֿון קאַראַוואַן געטאָן וואָס דער ייִד האָט זיי געבעטן?
3. וואָס איז געשען, ווען דער ייִד איז געבליבן אַליין אין מדבר?
4. וואָס איז געשען, ווען דער שבת איז אַוועק?

מדבר	(midber) desert	געשטאַנען	stood
קאַראַוואַן, דער	caravan	אויפֿשטעלן זיך	to stand up
היטער, דער	the guard	ברומען	to growl, to roar
פֿרום	pious	מיטאַמאָל	all of a sudden

חנוכה־שפּיל

— גוט יום־טובֿ אײַך, קינדער,
מיר קומען פֿאַרשטעלט:
אַ דריידל, אַ ליכטל
און חנוכּה־געלט.

— איך בין אַ דריידל,
כ'פֿאַרשפּיל און געווין
מיט נון און מיט גימל,
מיט היי און מיט שין.

— איך בין אַ ליכטל,
געצונדן, צעהעלט,
באַלײַכט איך די ייִדן
די פֿינצטערע וועלט!

— כ'בין חנוכּה־געלט,
הייב אָן קלײַבן פֿון הײַנט,
פֿאַר ניצלעכע זאַכן,
מתּנות פֿאַר פֿרײַנד.

— גוט יום־טובֿ אײַך, קינדער,
מיר קומען פֿאַרשטעלט:
אַ דריידל, אַ ליכטל
און חנוכּה־געלט.

יום־טובֿ	מתּנות	פֿאַרשטעלט	געווינען — פֿאַרשפּילן

קלײַבן	to collect
פֿאַרשפּילן	to lose
געווינען	to win
געצונדן	lit
באַלײַכטן	to shed light on
צעהעלט	brightened
ניצלעך	useful



דריידעלע

דריידעלע, דריידעלע,
דריידל פֿון בלײַ;
דריי זיך, באַוועג זיך
פֿלינקער און פֿרײַ,
דערצייל אונדז דײַן מעשׂה,
דערצייל אויף דאָס נײַ.

דערצייל פֿון אַ זיג,
דערצייל פֿון אַ נס,
ווי אַ קליין קריגעלע בוימל
האָט געברענט אַכט מעת־לעת.

דערצייל פֿון אַמאָל,
דערצייל אויף דאָס נײַ;
דריידעלע, דריידעלע,
דריידל פֿון בלײַ.

נס	אויף דאָס נײַ	זיך דרייען

דרייען זיך — to spin; to turn
באַוועגן זיך — to move
פֿלינק — fast
אויף דאָס נײַ — anew, again
זיג, דער — victory

נס, דער — (nes) miracle
קריגל, דאָס — (little) jug
בוימל, דער — olive oil
מעת־לעת, דער — (mesle's) 24 hours, day and night together

אַ מעשׂה מיט אַ חנוכּה־דריידל

א

יאָסעלעס זיידע האָט געבראַכט יאָסעלען אַ דריידל. אָבער יאָסעלע האָט ניט געוואוסט ווי צו דרייען דאָס חנוכּה־דריידל. האָט דער זיידע געוויזן יאָסעלען ווי אַזוי מע דרייט דאָס דריידל. ער האָט געדרייט דאָס דריידל און געזונגען אַזאַ לידעלע:

דריידעלע, דריידעלע, דריי זיך,
יאָסעלע, יאָסעלע, פֿריי זיך.
דער טאַטע וועט געבן חנוכּה־געלט,
די מאַמע וועט באַקן לאַטקעס אַ וועלט.

און דאָס דריידעלע האָט זיך געדרייט און געדרייט, און יאָסעלע האָט זיך געפֿרייט און געפֿרייט.

אָבער דאָס דריידל איז מיד געוואָרן. דאָס דריידל איז געפֿאַלן און האָט זיך מער ניט געדרייט.

האָט יאָסעלע גענומען דאָס דריידל און אַ דריי געגעבן, ער האָט שטאַרק אַ דריי געגעבן מיט צוויי פֿינגער. האָט זיך דאָס דריידל זייער לאַנג געדרייט, ביז עס איז אַראָפּ פֿון טיש אויפֿן דיל — און זיך אַלץ ווײַטער געדרייט.

די טיר איז געווען אָפֿן, דאָס דריידל איז אַרויס אין גאַס און האָט זיך אַלץ געדרייט און געדרייט. יאָסעלע איז געלאָפֿן נאָכן דריידל, ביז דאָס דריידל איז געבליבן שטיין בײַ אַ קליין הײַזל.

האָט יאָסעלע פֿאַרשטאַנען אַז דאָס דריידל וויל אַרײַן אין דעם הײַזל. האָט יאָסעלע געקלאַפּט אין טיר און גע־רופֿן:

— „ווער איז דאָ אין הויז —
זאָל באַלד אַרויס!"

הויז — הײַזל — הײַזער
איך פֿאַרשטיי — איך האָב פֿאַרשטאַנען

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווער האָט געגעבן יאָסעלען אַ דריידל?
2. וואָסער לידעלע האָט דער זיידע געזונגען?
3. וואָס איז געשען מיטן דריידל, ווען יאָסעלע האָט עס שטאַרק אַ דריי געטאָן?
4. וואו האָט דאָס דריידל זיך אָפּגעשטעלט?
5. וואָס האָט יאָסעלע געטאָן?

showed	געוויזן
a lot (of)	אַ וועלט
the floor	דיל, דער
understood	פֿאַרשטאַנען
little house	הײַזל, דאָס

ב

פֿון הײַזל איז אַרויס אַ ייִנגל, אַזוי ווי יאָסעלע. אָבער יענער ייִנגל איז געווען אַן אָרעמער, אין אַלטע קליידער און אַ הונגעריקער.

האָט דער אָרעמער ייִנגל גענומען דאָס דריידל און האָט געזאָגט:

— „אָ, אַ דריידל איז געקומען צו מיר!"

אָבער יאָסעלע האָט געזאָגט:

— „עס איז מײַן חנוכּה־דריידל, מײַן זיידע האָט עס מיר געבראַכט".

האָט דער אָרעמער ייִנגל אים געזאָגט:

— „איך וויל אויך האָבן אַ חנוכּה־דריידל".

— „זאָל דיר דײַן זיידע קויפֿן אַ חנוכּה־דריידל".

— „איך האָב ניט קיין זיידן. מײַן זיידע איז געשטאָרבן".

— „זאָל דיר דײַן טאַטע ברענגען אַ חנוכּה־דריידל".

— „איך האָב ניט קיין טאַטן. מײַן טאַטע איז אויך געשטאָרבן".

— „זאָל דיר דײַן מאַמע ברענגען אַ חנוכּה־דריידל".

— „מײַן מאַמע איז אַן אָרעמע, זי איז אַוועק אַרבעטן".

— „ווען סטו קיין לאַטקעס אויך ניט האָבן ?" — האָט יאָסעלע געפֿרעגט, — „וועסטו ניט עסן קיין לאַטקעס ?"

דער אָרעמער ייִנגל האָט געשוויגן. האָט יאָסעלע געזאָגט :

— „ווייסטו וואָס ? קום צו מיר אַהיים !"

דער אָרעמער ייִנגל האָט געטראַכט און האָט געשוויגן.

איך ברענג — איך האָב געבראַכט	אַלט — נײַ

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. ווער איז אַרויס פֿון הײַזל ?
2. וואָס האָט דער אָרעמער ייִנגל געזאָגט ?
3. וואָס האָט יאָסעלע געזאָגט דעם ייִנגל וועגן דעם דריידל ?
4. פֿאַרוואָס האָט דער אָרעמער ייִנגל ניט קיין דריידל ?
5. האָט דער אָרעמער ייִנגל געהאַט לאַטקעס צו עסן ?

died געשטאָרבן
kept silent געשוויגן

ג

האָט יאָסעלע ווײַטער גערעדט :

— „קום טאַקע צו מיר אַהיים. מײַן מאַמע וועט דיר געבן לאַטקעס. מיר בײדע וועלן זיך שפּילן אין חנוכּה־דריידל. דו וועסט זײַן מײַן חבֿר".

דער אָרעמער ייִנגל האָט זיך זייער געפֿרייט. ער איז געגאַנגען מיט יאָסעלען און איז געקומען צו יאָסעלען אַהיים.

יאָסעלע האָט דערציילט אין דער היים וואָס עס איז געשען מיטן דריידל און מיט אים. דער זיידע האָט געגעבן יאָסעלען אַ קניפּ אין בעקל און האָט געזאָגט :

— „ביסט אַ גוט ייִנגעלע, יאָסעלע !"

די מאַמע האָט געגעבן הייסע לאַטקעס יאָסעלען און דעם ייִנגל פֿון דעם אָרעמען הײַזל.

יאָסעלע איז געוואָרן חבֿר מיטן אָרעמען ייִנגל. פֿון דע־

מאָלט אָן האָבן בײדע ייִנגלעך זיך געשפּילט אינאײנעם. וואָס יאָסעלע האָט געהאַט — האָט ער אויך געגעבן זײַן חבֿר.

זײַן חבֿרס מאַמע האָט זיך זײער געפֿרײט. אַלע זײַנען געווען צופֿרידן.

איך גיב — איך האָב געגעבן	אַ קניפּ אין בעקל

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס האָט יאָסעלע געזאָגט דעם אָרעמען ייִנגל ?
2. וואָס האָט יאָסעלע דערצײלט אין דער הײם ?
3. איז דער זײדע געווען צופֿרידן מיט יאָסעלען ?
4. זײַנען יאָסעלע און דער אָרעמער ייִנגל געוואָרן חבֿרים ?

קניפּ, דער	the pinch
בעקל, דאָס	(little) cheek
פֿון דעמאָלט אָן	since then

אַ ייִדיש הויז

דער טאַטע האָט אין לעמפּעלע
געצונדן ליכטלעך אַכט,
די מאַמע האָט פֿון קיך אַרויס
די לאַטקעלעך געבראַכט.

די קינדער האָבן לאַכנדיק
די דרײדלעך פֿלינק געדרײט,
און ס'האָט דער יום־טובֿ חנוכּה
געבראַכט אַזוי פֿיל פֿרײד.

לאָמפּ, דער	lamp
לעמפּעלע, דאָס	little lamp



חנוכּה אין תּל־אָבֿיבֿ

א

די נאַציס האָבן געטייט זייער, זייער אַ סך ייִדן, מיליאָ־נען ייִדן. ניט קיין סך ייִדן האָבן זיך געראַטעוועט פֿון די נאַציס. לייבעלעס טאַטע און מאַמע האָבן זיך יאָ געראַטע־וועט. אַזוי האָבן זיי דערציילט לייבעלען, ווען ער איז נאָך געווען זייער אַ קליינער.

לייבעלע, זײַן טאַטע און מאַמע האָבן געוואַרט אַ לאַנגע צײַט, ביז זיי האָבן געקענט פֿאָרן קיין ישׂראל. אָבער איצט קענען זיי שוין פֿאָרן. דער טאַטע און די מאַמע זײַנען צו־פֿרידן און לייבעלע איז גליקלעך. ער האָט זייער ליב צו פֿאָרן. ער האָט זייער ליב צו זען שיינע און נײַע זאַכן. אויפֿן וועג האָט לייבעלע געזען אַ סך נײַע זאַכן.

זיי זײַנען געפֿאָרן אויף אַ שיף. אויף דער שיף איז געווען פֿריילעך. די מענטשן אויף דער שיף האָבן זיך געשפּילט מיט לייבעלען. זיי האָבן געלערנט לייבעלען זינגען נײַע לידער. זיי האָבן זיך געפֿרייט מיט לייבעלען.

די שיף האָט געבראַכט לייבעלען קיין ישׂראל. לייבע־לע איז געווען זיבן יאָר אַלט, ווען ער איז געקומען קיין ישׂראל.

תּל־אָבֿיבֿ	ישׂראל	ראַטעווען זיך	געפֿאָרן

פֿראַגעס:

1. האָבן אַ סך ייִדן זיך געראַטעוועט פֿון די נאַציס?
2. האָבן לייבעלע און זײַן טאַטע־מאַמע געדאַרפֿט וואַרטן, ביז זיי האָבן געקענט פֿאָרן קיין ישׂראל?
3. האָט לייבעלע ליב געהאַט צו פֿאָרן?
4. האָבן די מענטשן אויף דער שיף זיך געפֿרייט מיט לייבעלען?

תּל־אָבֿיבֿ	(Telovi'v) Tel-Aviv
נאַציס	Nazis
ראַטעווען זיך	to escape, to save oneself
געפֿאָרן	rode, went
ישׂראל	(Yisro'el) Israel

בּ

לייבל האָט איצט געוואוינט אין דער שטאָט תּל־אָבֿיבֿ. ער האָט נאָר איין וואָך געוואוינט אין דעם נײַעם לאַנד, און עס איז געקומען דער יום־טובֿ חנוכּה. אַזאַ שיינער יום־טובֿ האָט נאָך לייבל קיינמאָל נישט געזען. מע האָט בײַם ים געשטעלט זייער, זייער אַ גרויסן און הויכן חנוכּה־לאָמפּ. מע האָט דעם גרויסן און הויכן חנוכּה־לאָמפּ געקענט זען זייער ווײַט.

אָבער נאָך שענער איז געווען צו זען די טויזנטער, טויזנטער קינדער ווי זיי גייען מיט ליכט, מיט פֿאַרביקע ליכט אין די הענט. זיי גייען אין די גאַסן און זיי זינגען.

לייבל איז אַרײַן צווישן די קינדער וואָס זײַנען געגאַנגען. די ליכט האָבן געפֿינקלט. די אויגן האָבן געפֿינקלט. אַלע זײַנען געווען פֿריילעך און אַלע האָבן געזונגען. אַלע האָבן געזונגען דאָס שיינע ליד: עם ישׂראל חי! עם ישׂראל חי!

לייבלס טאַטע־מאַמע האָבן אים געזאָגט:

— „דו זעסט, לייבל, עם ישׂראל חי — דאָס ייִדישע פֿאָלק לעבט!"

זיי גייען — זיי זײַנען געגאַנגען	
עם ישׂראל חי	דאָס פֿאָלק

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. ווי הייסט די שטאָט וואו לייבעלע האָט געוואוינט?
2. וואָסער יום־טובֿ איז געקומען?
3. וואָס האָט לייבעלע געזען בײַם ים?
4. וואָס האָט לייבעלע געזען אויף די גאַסן פֿון תּל־אָבֿיבֿ?
5. וואָס האָבן די קינדער געהאַט אין די הענט?
6. וואָס באַטײַטן (mean) די ווערטער: עם ישׂראל חי?

וואוינען	to live, to reside
טויזנט	thousand
פֿאַרביק	colorful
שטעלן	to put, to erect
פֿאָלק, דאָס	people
פֿינקלען	to glitter; to sparkle
עם ישׂראל חי	(am Yisroel khay) the Jewish people are alive; long live the Jewish people

יהודה המכבי



יהודה המכבי,
דו העלד פֿון אַמאָל,
האָסט צעשלאָגן די שׂונאים,
די שׂונאים אָן צאָל.

דו האָסט אונדז באַפֿרײַט
פֿון שׂונאס מאַכט.
צינדן מיר ליכטעלעך,
ליכטעלעך אַכט.

(Hamakhbi, Hamakabi) Maccabee	המכבי	to smash; to beat up	צעשלאָגן
hero	העלד, דער	number	צאָל, די
(sonim) enemies	שׂונאים	to liberate; to free	באַפֿרײַען
(soyne) enemy	שׂונא	the might	מאַכט, די

אַ מעשׂה מיט צוויי ציגן

אין ירושלים האָט געלעבט זייער אַן ערלעכער מאַן. איין מאָל האָט ער געפֿונען לעבן זײַן שטוב אַ קערבל מיט צוויי הינער. טראַכט ער: עמעצער האָט דאָס קערבל פֿאַרגעסן.

האָט דער ערלעכער מאַן גענומען די הינער און האָט זיי געהאַלטן בײַ זיך. ער האָט געגעבן די הינער צו עסן און די הינער האָבן געלייגט אייער.

— „עס ניט די אייער, פֿאַרקויף ניט די אייער!" — האָט דער ערלעכער מאַן געזאָגט צו זײַן ווײַב, — „געדענק, אַז די הינער זײַנען ניט דײַנע!"

פֿון די אייער זײַנען אַרויס אַ סך הינדעלעך. די ווײַב איז ניט געווען צופֿרידן, ווײַל זי האָט געהאַט אַ סך אַרבעט אַרום די הינער און הינדעלעך. האָט דער ערלעכער מאַן פֿאַרקויפֿט די הינער און די הינדעלעך און פֿאַר דעם געלט געקויפֿט צוויי ציגן. די ציגן האָט מען ווידער געגעבן צו עסן.

— „געדענק, די ציגן זײַנען ניט אונדזערע!" — האָט

ער געזאָגט זײַן ווײַב — „ווען עס וועט קומען דער מאַן וואָס האָט פֿאַרלאָרן די הינער, וועלן מיר אים אָפּגעבן די ציגן״.

אַזוי איז טאַקע געווען. איין מאָל איז געקומען אַ מאַן און האָט געזאָגט: — „אָט דאָ האָב איך אַמאָל פֿאַרגעסן אַ קערבל מיט צוויי הינער״.

האָט דער ערלעכער מאַן פֿאַר די צוויי פֿאַרגעסענע הינער אָפּגעגעבן צוויי ציגן.

פֿאַרלירן — פֿאַרלאָרן	פֿאַרגעסן	הון — הינער

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס האָט געפֿונען דער ערלעכער מאַן פֿון ירושלים?
2. פֿאַרוואָס האָט ער ניט געגעסן די אייער פֿון די הינער?
3. פֿאַרוואָס האָט דער ערלעכער מאַן געקויפֿט ציגן?
4. האָט ער גענומען געלט פֿאַרן געבן עסן די הינער און דערנאָך די ציגן?

ערלעך	honest
קערבל, דאָס	small basket
עמעצער	somebody
אייער	eggs
לייגן אייער	to lay eggs
הינדעלעך	young hens
פֿאַרלאָרן	lost
אָפּגעבן	to return, to give away

קען מען מאַכן, אַלע זאָלן זײַן צופֿרידן?

אַ מאַן איז געגאַנגען אין שטאָט פֿאַרקויפֿן זײַן אייזל. מיט אים איז געווען זײַן קליינער זון. דער מאַן האָט געפֿירט דעם אייזל און דער קליינער זון איז נאָכגעגאַנגען. טרעפֿן זיי איינעם און ער זאָגט:

— „וואָס גייט איר אַלע צו פֿוס? איינער פֿון אײַך קען דאָך רײַטן אויפֿן אייזל!״

האָט דער מאַן זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן אייזל און דער קליינער זון איז נאָכגעלאָפֿן.

טרעפֿן זיי אַ צווייטן און יענער זאָגט:

— „ניט שיין, ניט שיין! אַ גרויסער, שטאַרקער מאַן רײַט אויפֿן אייזל און ער לאָזט זײַן זון נאָכלויפֿן״.

איז דער טאַטע אַראָפּ פֿון אייזל און האָט אויפֿן אייזל אַוועקגעזעצט דעם זון, און אַליין איז ער נאָכגעגאַנגען.

טרעפֿן זיי אַ דריטן און יענער זאָגט:

— „ניט שיין, ניט שיין! אַ קליין ייִנגל מיט פֿלינקע פֿיס רײַט אויף אַן אייזל און לאָזט זײַן אַלטן פֿאָטער גיין צו פֿוס".

דער פֿאָטער און דער זון האָבן בײדע זיך אַוועקגעזעצט רײַטן אויפֿן אייזל. טרעפֿן זיי אַ פֿערטן און יענער זאָגט:

— „ניט שיין, ניט שיין! בײדע רײַט איר אויף אַ קליין אייזעלע! האָט איר קיין רחמנות ניט?"

דער פֿאָטער און דער זון זײַנען אַראָפּ פֿון אייזל און זיי האָבן געטראַכט: ווי קען מען מאַכן אַז אַלע זאָלן זײַן צופֿרידן? האָבן זיי בײדע גענומען דעם אייזל אויף די פּלייצעס און אים געטראָגן אין שטאָט אַרײַן.

רחמנות	נאָכגיין — נאָכגעגאַנגען	טראָגן — געטראָגן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט דער מאַן געוואָלט טאָן מיטן אייזל?
2. וואָס האָט געזאָגט דער ערשטער מענטש וואָס האָט געזען דעם מאַן, דעם ייִנגל און דעם אייזל?
3. וואָס האָט געזאָגט דער צווייטער מענטש וואָס האָט זיי געזען?
4. וואָס האָט געזאָגט דער דריטער מענטש וואָס האָט זיי געזען?
5. וואָס האָט געזאָגט דער פֿערטער מענטש וואָס האָט זיי געזען?
6. וואָס האָבן דער פֿאָטער און דער זון דערנאָך געטאָן?
7. קען מען מאַכן אַז אַלע זאָלן זײַן צופֿרידן?

to lead	פֿירן
to meet	טרעפֿן
to follow	נאָכגיין
to sit down	אַוועקזעצן זיך
to ride	רײַטן
(rakhmo'nes) a pity	רחמנות
shoulder	פּלייצע, די
on foot	צו פֿוס



לעמעד גייט עפּעס קויפֿן

א

די מאַמע האָט געשיקט לעמעדן אין קראָם עפּעס קויפֿן. זי האָט אים געגעבן אַ דאָלאַר און האָט געזאָגט:

— „געדענק, זאָלסט ניט פֿאַרלירן דעם דאָלאַר וואָס איך גיב דיר".

— „איך וועל ניט פֿאַרלירן, מאַמע", — האָט לעמעד איר געזאָגט, — „וואָס מיינסטו, איך בין אַ נאַר?"

כּדי ניט צו פֿאַרלירן דעם דאָלאַר, האָט לעמעד ניט געלייגט אים אין קעשענע אַרײַן. ער האָט געהאַלטן דעם דאָלאַר אין האַנט.

לעמעד גייט אין קראָם. ער האַלט דעם דאָלאַר אין האַנט. ער קוקט אויף אים און טראַכט: אַז איך וועל קוקן אויפֿן דאָלאַר, וועל איך אים ניט פֿאַרלירן.

עס ווערט אַ שטאַרקער ווינט. דער ווינט טוט אַ כאַפּ דעם דאָלאַר פֿון לעמעדס האַנט. דער ווינט הייבט דעם דאָלאַר הויך־הויך און טראָגט אים ווײַט־ווײַט אַוועק.

וואָס האָט לעמעד געקענט טאָן? ער איז געקומען

אַהיים און האָט דערציילט דער מאַמען אַז דער ווינט האָט בײַ אים צוגענומען דעם דאָלאַר.

די מאַמע האָט געגעבן לעמעכן אַן אַנדער דאָלאַר און געזאָגט:

— „היט דעם דאָלאַר. לייג דעם דאָלאַר אַרײַן אין קעשענע און גיב אים קיינעם ניט אָפּ".

כּדי	אַן אַנדער דאָלאַר	האַלטן — געהאַלטן

פּ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס האָט די מאַמע געגעבן לעמעכן?
2. וואָס האָט זי אים געזאָגט?
3. וואָס האָט לעמעך געענטפערט?
4. וואו האָט לעמעך געהאַלטן דעם דאָלאַר?
5. וואָס איז געשען מיטן דאָלאַר?

כּדי	(kedey) in order
צונעמען	to take away
געהאַלטן	kept, held
דאָלאַר, דער	dollar

ב

לעמעך גייט ווידער אין קראָם. ער קומט אַרײַן און בעט וואָס די מאַמע דאַרף האָבן.

דער קרעמער גיט אים אַלע זאַכן און בעט בײַ אים געלט. אָבער לעמעך זאָגט:

— „די מאַמע האָט געהייסן קיינעם ניט געבן דאָס געלט!"

קוקט אויף אים דער קרעמער און זאָגט:

— „אַז דו וועסט מיר ניט געבן קיין געלט, וועל איך בײַ דיר צונעמען די זאַכן וואָס איך האָב דיר געגעבן".

זאָגט לעמעך:

— „איך קענט צונעמען, אָבער דאָס געלט וועל איך אײַך ניט געבן. די מאַמע האָט געהייסן, איך זאָל קיינעם דאָס געלט ניט געבן".

פֿרעגט אים דער קרעמער:

— „ווי הייסטו, ייִנגעלע?"

— „איך הייס לעמעך".

— „עס פּאַסט דיר דער נאָמען", — זאָגט דער קרע־מער און ער לאַכט.

קומט לעמעך אַהיים. פֿרעגט אים די מאַמע:

— „נו, וואו זײַנען די זאַכן וואָס דו האָסט געקויפֿט?"

דערציילט איר לעמעך:

— „דער קרעמער האָט געבעטן געלט. אָבער דו האָסט געזאָגט, אַז דעם דאָלאַר זאָל איך קיינעם ניט געבן. האָב איך אים ניט געגעבן. האָט דער קרעמער צוגענומען די זאַכן וואָס איך האָב געקויפֿט פֿאַר דיר".

האָט די מאַמע געשריִען:

— „לעמעך, לעמעך! איך האָב ניט געמיינט דעם קרעמער, נאָר אַ מענטשן פֿון גאַס, וואָס דו קענסט אים ניט און דו ווייסט אים ניט. דער קרעמער גיט דיר זאַכן — דאַרפֿסטו אים באַצאָלן".

— „איצט וועל איך שוין וויסן", — האָט לעמעך גע־זאָגט, — „שיק מיך ווידער אין קראָם".

אָבער די מאַמע איז שוין בעסער אַליין אַוועק אין קראָם קויפֿן וואָס זי דאַרף.

צונעמען — צוגענומען	וויסן — געוואוסט	בעטן — געבעטן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט לעמעך געבראַכט פֿון קראָם?
2. פֿאַרוואָס האָט דער קרעמער צוגענומען פֿון לעמעכן די זאַכן?
3. פֿאַרוואָס האָט לעמעך ניט געגעבן קיין געלט דעם קרעמער?
4. ווייסט לעמעך וואָס דאָס הייסט קויפֿן?

קרעמער, דער	storekeeper
קענען	to know
באַצאָלן	to pay
געבעטן	asked for



אַ מעשׂה מיט אַ חומש

א

אַמאָל האָט געלעבט אַ ייִד וואָס האָט קיין קינדער ניט געהאַט. האָט ער און זײַן ווײַב געבעטן גאָט, זיי זאָלן כאָטש האָבן איין זון, כאָטש אַן איינציק קינד.

ווען דער ייִד איז שוין געווען אַלט, האָט די ווײַב אים געבוירן אַ ייִנגעלע. דער ייִד האָט זיך זייער געפֿרייט מיט זײַן קינד.

ווען דאָס קינד איז אַלט געוואָרן דרײַ יאָר, האָט דער ייִד אָנגעהויבן מיט זײַן זון צו לערנען לייענען. ווען דער ייִנגל איז אַלט געוואָרן פֿינף יאָר, האָט ער אָנגעהויבן צו לערנען חומש. דער ייִנגל האָט זייער ליב געהאַט צו לערנען חומש. ער האָט געקענט חומש בעסער ווי אַלע זײַנע חבֿרים.

איין מאָל גייט דער ייִנגל אין גאַס. ער גייט זיך לערנען. ער האַלט אין האַנט דעם חומש. רײַט אַ פֿרעמדער רײַטער. גיט דער רײַטער אַ כאַפּ דעם ייִנגל מיטן חומש און פֿירט אים אַוועק.

טאַטע־מאַמע האָבן אומעטום געזוכט זייער קינד. זיי האָבן געזוכט און געזוכט און אים ניט געקענט געפֿינען. טאַטע־מאַמע האָבן געוויינט און געוויינט. זיי האָבן פֿאַר־לאָרן זייער איינציק קינד.

דער רײַטער וואָס האָט געכאַפּט דעם ייִנגל האָט אים אַוועקגעגעבן צו אַ רײַכן מאַן. דער רײַכער מאַן האָט קיין קינדער ניט געהאַט. ער האָט געזען אַז דער ייִנגל איז זייער קלוג. האָט ער געזאָגט:

— „איך וועל דעם ייִנגל האַלטן בײַ זיך ווי אַן אייגן קינד".

דער רײַכער מאַן האָט דעם ייִנגל געגעבן עסן און קליי־דער. אָבער דעם חומש האָט ער פֿון אים צוגענומען. דער מאַן האָט דעם ייִנגלס חומש אַוועקגעלייגט צווישן זײַנע אַנ־דערע ביכער.

דער ייִנגל האָט ניט געוואָלט זיך טרייסטן מיטן גוטן

לעבן בײַם רײַכן מאַן. ער האָט געבענקט נאָך טאַטע־מאַמע און שטענדיק געבעטן גאָט:

— „ברענג מיך צוריק צו מײַן טאַטן און צו מײַן מאַמען“.

דער ייִנגל האָט אויך געבענקט נאָך זײַן חומש וואָס מע האָט צוגענומען פֿון אים.

צונעמען — צוגענומען	געזוכט — געפֿונען

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט דער ייִד געבעטן גאָט?
2. ווען איז בײַ אים געבוירן געוואָרן אַ ייִנגעלע?
3. ווען האָט דער ייִנגל אָנגעהויבן (started) לערנען לייענען?
4. ווען האָט ער אָנגעהויבן לערנען חומש?
5. וואָס איז געשען מיטן ייִנגל?
6. וואו האָט דער ייִנגל געלעבט?
7. וואָס איז געשען מיטן חומש?

חומש, דער	(khumesh) Humash, Bible
רײַטער, דער	horseman, rider
אייגן	own
טרייסטן זיך	to console oneself

ב

דער קיניג פֿון לאַנד איז קראַנק געוואָרן. די דאָקטוירים האָבן ניט געוואוסט ווי אים צו היילן. האָט דער קיניג געהייסן:

זאָלן אַלע זוכן צווישן זײַערע ביכער. אפֿשר וועט מען געפֿינען אַ בוך וואו עס איז פֿאַרשריבן ווי צו היילן דעם קיניגס קראַנקייט.

דער רײַכער מאַן האָט געהאַט אַ סך ביכער. האָט ער אויך געזוכט צווישן זײַנע ביכער. האָט ער דערזען דעם חומש. ער האָט ניט געקענט לייענען אָט דאָס בוך. ער האָט ניט געוואוסט וואָס דאָס איז פֿאַר אַ בוך. האָט ער געטראַכט:

אפֿשר איז אין דעם בוך פֿאַרשריבן ווי צו היילן דעם קיניגס קראַנקייט.

דער רײַכער מאַן האָט דעם חומש געבראַכט דעם קיניג. די דאָקטוירים האָבן גענומען דעם חומש אין האַנט. אָבער זיי האָבן ניט געקענט לייענען פֿון חומש.

אַלע קלוגע מענטשן בײַם קיניג האָבן גענומען דעם חומש אין האַנט. אָבער קײנער האָט ניט געקענט לײענען פֿון דעם חומש.

האָט אײן קלוגער מאַן געזאָגט:

— „דאָס איז אַ ייִדיש בוך. מע דאַרף געפֿינען אַ ייִדן און ברענגען אים צום קיניג. דער ייִד װעט קענען לײענען פֿון דעם בוך. אפֿשר איז דאָ פֿאַרשריבן װי צו הײלן דעם קיניגס קראַנקײט".

אָבער אין דעם לאַנד זײַנען קײן ייִדן ניט געװען.

דער רײַכער מאַן האָט געװאָלט אַז דער קיניג זאָל װערן געזונט. האָט ער געזאָגט:

— „בײַ מיר איז דאָ אַ ייִדיש ייִנגעלע. קען זײַן אַז ער קען לײענען אָט דאָס בוך".

— „ברענג מיר גלײַך דײַן ייִדיש ייִנגעלע!" — האָט דער קיניג געהײסן.

שרײַבן — געשריבן	דאָקטער — דאָקטוירים	הײלן

פ ר אַ ג ע ס:

1. װאָס איז געשען מיט דעם קיניג פֿון לאַנד?
2. פֿאַרװאָס האָט מען געהײסן זוכן ביכער?
3. װאָס האָט דער רײַכער מאַן געפֿונען צװישן זײַנע ביכער?
4. האָבן די דאָקטוירים געקענט לײענען פֿון חומש?
5. האָבן די אַנדערע קלוגע מענטשן בײַם קיניג געקענט לײענען פֿון חומש?
6. װאָס האָט געזאָגט אײנער פֿון די קלוגע מענטשן?
7. װאָס האָט געזאָגט דער רײַכער מאַן?
8. װאָס האָט דער קיניג געהײסן?

sickness	קראַנקײט, די	king	קיניג, דער
saw	דערזען	doctors	דאָקטוירים
written down; recorded	פֿאַרשריבן	to cure	הײלן

ג

מע האָט דעם ייִנגל געבראַכט פֿאַרן קיניג. מע האָט אים געגעבן דעם חומש.

— „עס איז דאָך מײַן חומש!" — האָט דער ייִנגל אויסגעשריִען און האָט אָנגעהויבן װײנען.

— „פֿאַרװאָס װײנסטו, ייִנגעלע?" — האָט דער קיניג

געפֿרעגט.

האָט דער יינגל אויפֿגעהערט וויינען און האָט דער־ציילט:

— „דאָס איז מײַן חומש. ווען איך בין אַלט געוואָרן פֿינף יאָר, האָט מײַן טאַטע מיר געקויפֿט אָט דעם חומש צו לערנען פֿון אים. פֿון דעם חומש האָב איך געלערנט. איך האָב זייער ליב געהאַט צו לערנען חומש".

— „ווי קומסטו אין דעם לאַנד?" — האָט דער קיניג ווײַטער געפֿרעגט.

און דער יינגל האָט ווײַטער דערציילט:

— „איך בין געגאַנגען זיך לערנען. האָט אַ רײַטער מיך אַ כאַפּ געטאָן. ער האָט מיך אַוועקגעפֿירט. ער האָט מיך געגעבן צו דעם רײַכן מאַן. דער רײַכער מאַן איז גוט צו מיר. אָבער איך בענק נאָך מײַן טאַטן און נאָך מײַן מאַ־מען".

— „איך וויל וויסן, וואָס עס איז געשריבן אין חומש. לייען מיר!" — האָט דער קיניג געזאָגט.

און דער יינגל האָט געלייענט דעם חומש. ער האָט דערקלערט אַלע ווערטער. דער קיניג און אַלע מענטשן אַרום דעם קיניג האָבן געהערט.

און ווען דער קיניג האָט געהערט וואָס עס איז געשריבן אין חומש, איז אים געוואָרן אַלץ בעסער און בעסער. ביז ער איז געזונט געוואָרן.

— „זאָג מיר, קלוג קינד, ווי זאָל איך דיר באַצאָלן פֿאַרן היילן מיך?"

— „איך וויל קיין זאַך ניט", — האָט דער יינגל געזאָגט — „זאָל דער קיניג מיך שיקן צוריק צו טאַטע־מאַמע".

דער קיניג האָט געהייסן ברענגען דעם יינגל צוריק צו טאַטע־מאַמע.

האָבן טאַטע־מאַמע אַ שמחה געמאַכט,
האָבן אַלע ייִדן געפֿרייט זיך, געלאַכט.
אויף דער שמחה האָט מען געטאַנצט און געזונגען,
מיט דער מעשׂה דער שיינער די וועלט האָט געקלונגען.

אָנהייבן — אויפֿהערן	שרײַען — געשריִען	שמחה

די וועלט קלינגט מיט דעם

פֿראַגעס:

1. וואָס איז געשען ווען דער ייִנגל איז געקומען צום קיניג?
2. וואָס האָט דער ייִנגל דערציילט דעם קיניג?
3. וואָס האָט דער קיניג געהייסן טאָן דעם ייִנגל?
4. וואָס איז געשען, ווען דער ייִנגל האָט געלייענט דעם חומש?
5. וואָס האָט דער ייִנגל געבעטן?
6. מיט וואָס ענדיקט זיך די מעשׂה?

אויסשרײַען	to cry out, to exclaim		
אויפֿהערן	to cease	שמחה	(simkhe) party, joy
דערקלערן	to explain	געקלונגען	rung
די וועלט האָט געקלונגען	was spread far and wide		

שניי, שניי

שניי, שניי, ווײַסער שניי!
כ'האָב אויף דיר אַ יאָר געוואַרט.
קום זשע הײַנט און מיך דערפֿריי,
זײַ נישט אַזוי אײַנגעשפּאַרט!

כ'האָב אַ שליטן אָנגעגרייט,
הענטשקעס וואַרעמע אַ פּאָר,
פֿאַל אויף גאַסן, פֿאַל אויף פּלויט,
פֿאַל אויף מײַנע בלאָנדע האָר!

האָט דער שניי זיך צוגעהערט,
איז געקומען הײַנט בײַנאַכט.
אין דער פֿרי איז ווײַס די ערד,
ווײַס דער בוים און ווײַס דער דאַך.

דערפֿרייען	אָנגרייטן	הענטשקעס

אײַנגעשפּאַרט	stubborn	פּאָר	pair
אָנגרייטן	to prepare	פּלויט	fence
הענטשקעס	gloves	בלאָנד	blond

טראַכט צו אַ מעשׂה צו דעם בילד.

דערציילט אַ מעשׂה: מיר מאַכן אַ שניי־מענטש.

ווער קען צוטראַכטן אַ מעשׂה צו דעם בילד?



שניי־טײַבעלעך

שניי און שניי און שנייעלעך,
פּיצינקעלעך, טײַבעלעך,
פֿליִען, פֿליִען, זעצן זיך
אויף דער גאַרער וועלט.

ווערט די וועלט אַ ווײַסינקע,
פֿול באַזעצט מיט טײַבעלעך,
שניי און שניי און שנייעלעך,
פֿרישינקע ווי קעלט.

גיי איך — שפּרינגען טײַבעלעך,
לויף איך — פֿליִען טײַבעלעך.
שניי און שניי און שנייעלעך —
מיך פֿאַרדרייען זיי.

אוי, אַ שאָד צו רירן זיי!
אוי, אַ שאָד צעטרײַבן זיי!
שטיי איך בעסער, ריר זיך נישט,
ס'טוט מיר האַרציק וויי.

ווײַסינקע	גוטינקע	זיסינקע	פֿרישינקע

טײַבעלע, דאָס	little dove	פֿאַרדרייען	to tangle
פּיצעלע, פּיצינקע	very small piece (thing)	אַ שאָד	a loss, it's a pity
גאַרע וועלט	the whole world	רירן	to touch
באַזעצט	occupied	רירן זיך	to move
קעלט, די	the cold	האַרציק	hearty; sincerely

מע טאָר ניט צעטרעטן דעם שניי

עס איז געווען אַ שטאָט וואו אַלע זײַנען געווען נאַרישע מענטשן. די שטאָט האָט געהייסן כעלעם.

די כעלעמער האָבן זייער ליב געהאַט דעם ווינטער, ווײַל ווינטער פֿאַלט אַ שניי. דער שניי דעקט צו די הײַזער און די גאַסן. ווערן די גאַסן און די הײַזער ריין, ווײַס — און גאַנץ כעלעם ווערט זייער שיין.

די כעלעמער האָבן דעם גאַנצן האַרבסט געוואַרט אויפֿן ווינטער און אויפֿן ערשטן שניי. זיי האָבן געוואַרט און געוואַרט, ביז דער שניי איז געקומען.

אַ ווײַסער, ריינער שניי האָט באַדעקט די גאַסן פֿון כעלעם. און די גאַסן זײַנען געוואָרן ריין און קלאָר ווי זילבער. די כעלעמער זײַנען געווען זייער צופֿרידן. עס איז זיי געווען אַ שאָד צו צעטרעטן דעם ווײַסן שניי מיט די פֿיס. האָבן די כעלעמער זיך אַוועקגעזעצט און גענומען טראַכטן וואָס זאָל מען טאָן, מע זאָל דעם שניי ניט דאַרפֿן צעטרעטן מיט די פֿיס.

זיבן שעה און זיבן מינוט האָבן זיי געטראַכט, און געטראַכט, ביז זיי האָבן באַשלאָסן: זאָל איינער גיין איבער די גאַסן און אויסרופֿן:

— „קיינער טאָר ניט אַרויס פֿון שטוב!"

האָט איינער אַ כעלעמער געזאָגט:

— „אָבער דער וואָס וועט גיין איבער די גאַסן וועט דאָך צעטרעטן דעם שניי".

וואָס טוט מען? האָבן כעלעמער ווידער געטראַכט זיבן שעה און זיבן מינוט, ביז מע האָט באַשלאָסן:

— „דער וואָס וועט אויסרופֿן אַז מען טאָר ניט אַרויס פֿון שטוב — זאָל אויך ניט גיין! פֿיר מענטשן זאָלן אים טראָגן".

מע טאָר ניט	דו טאָרסט ניט	עס איז אַ שאָד

פֿראַגעס:

1. ווי האָט געהייסן די שטאָט מיט די נאַרישע מענטשן?
2. פֿאַרוואָס האָבן די כעלעמער אַזוי ליב געהאַט דעם ווײַסן שניי?
3. וואָס האָבן זיי באַשלאָסן?
4. וואָס האָט געזאָגט איינער פֿון די כעלעמער?
5. וואָס האָבן זיי דערנאָך באַשלאָסן?
6. האָט איר געהערט נאָך מעשׂיות וועגן כעלעמער?

decided	באַשלאָסן	to trample	צעטרעטן
it's forbidden	מע טאָר ניט	foolish	נאַריש
		to cover	באַדעקן

פֿאַרשעם ניט דײַן חבֿר

יאָסעלע האָט זיך זייער גוט געלערנט. ער איז געווען גוט און קלוג. ער איז אָבער געווען אַ הינקעדיקער. ווען ער איז געווען אַ קליין קינד איז ער געווען זייער קראַנק. ער איז געזונט געוואָרן, אָבער געבליבן אַ הינקעדיקער. אין שול האָבן די קינדער ליב געהאַט יאָסעלען, ווײַל ער האָט אַלע מאָל געהאָלפֿן זײַנע חבֿרים.

אין שול איז אָנגעקומען אַ נײַער ייִנגל. ער האָט געהייסן שלמה. ער איז געווען העכער און שטאַרקער פֿון אַלעמען. איז ער געוואָרן דער אָנפֿירער בײַ אַלע שפּילן. איין מאָל זײַנען די קינדער אַרויס זיך שפּילן אין הויף. יאָסעלע האָט זיך געשפּילט מיט אַלע חבֿרים. אָבער שלמה, דער נײַער ייִנגל, האָט געזאָגט יאָסעלען:

— „דו גיי אַוועק, דו קענסט זיך מיט אונדז ניט שפּילן, דו קענסט ניט לויפֿן".

יאָסעלעס אַלטער חבֿר לייבל האָט געזאָגט:

— „אַלע מאָל שפּילט זיך יאָסעלע מיט אונדז. לאָז אים זיך שפּילן מיט אונדז".

אָבער שלמה האָט געשריִען:

— „ניין, ער דאַרף זיך ניט שפּילן מיט אונדז. ער וועט אונדז שטערן אין דער שפּיל".

יאָסעלע האָט אָנגעהויבן וויינען. אַ ביסל שפּעטער איז געקומען דער לערער און האָט געפֿרעגט:

— „יאָסעלע, פֿאַרוואָס וויינסטו?"

האָט אים יאָסעלע ניט געענטפֿערט. אָבער לייבל האָט געזאָגט:

— „שלמה לאָזט אים ניט זיך שפּילן מיט אונדז".

— „פֿאַרוואָס?" — האָט דער לערער געפֿרעגט.

קיינער האָט ניט געענטפֿערט, אָבער דער לערער האָט פֿאַרשטאַנען. ער האָט צוגערופֿן שלמהן און געזאָגט:

— „פֿאַרשעמען אַ חבֿר איז אַ גרויסע זינד".

שלמה האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער איז צוגעגאַנגען צו יאָסעלען, אים געגעבן די האַנט און אים געזאָגט:

— „זײַ מיר מוחל, יאָסעלע".

שלמה און יאָסעלע זײַנען געוואָרן זייער גוטע חבֿרים. יאָסעלע האָט ווידער זיך געשפּילט מיט אַלע קינדער, ווי פֿריִער.

חבֿר — חבֿרים	מוחל זײַן	זינד	שלמה

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי אַזוי איז יאָסעלע געוואָרן אַ הינקעדיקער?
2. ווער איז געווען שלמה?
3. וואָס האָט שלמה געטאָן?
4. וואָס האָט לייבעלע געזאָגט?
5. פֿאַרוואָס האָט יאָסעלע געוויינט?
6. וואָס האָט דער לערער געזאָגט שלמהן?
7. וואָס האָט שלמה געטאָן?
8. מיינט איר אַז יאָסעלע האָט מוחל געווען שלמהן?

פֿאַרשעמען	to offend, to hurt
הינקעדיק	lame
שלמה	(Shloyme) Solomon
אָנקומען	to arrive; to enter
צורופֿן	to call over
מוחל זײַן	(moykhel) to forgive
אָנפֿירער, דער	leader
זינד, די	sin

דער דימענט

אין ארץ־ישׂראל האָט געלעבט זייער אַ גרויסער געלערנטער וואָס האָט געהייסן שמעון. ער האָט געהאַט אַ סך תּלמידים. ער איז אָבער געווען אָרעם. האָט ער געקליבן און געקליבן געלט, ביז ער האָט זיך געקענט קויפֿן אַן אייזל צו רײַטן, ער זאָל ניט דאַרפֿן אַלע מאָל גיין צו פֿוס.

ווען רבי שמעון האָט געקויפֿט דעם אייזל, האָבן זײַנע תּלמידים גענומען טאָפּן דעם אייזל. איינער פֿון די תּלמידים האָט אויסגערופֿן מיט גרויס פֿרייד:

— „רבי! צווישן די האָר פֿון אייזל האָב איך געפֿונען אָט דעם דימענט. זעט וואָס פֿאַר אַ גרויסער דימענט!"

און אַלע אַנדערע תּלמידים האָבן געזאָגט:

— „דאָס האָט גאָט געשיקט אַ מתּנה דעם רבין, ער זאָל מער ניט זײַן אָרעם".

רבי שמעון האָט גענומען דעם דימענט אין די הענט אַרײַן, אים באַקוקט און האָט געזאָגט:

— „דער דימענט איז ניט מײַנער! איך האָב געקויפֿט אַן אייזל, אָבער ניט קיין דימענט. גייט און טראָגט אַוועק דעם דימענט צום מענטשן, וואָס בײַ אים האָב איך געקויפֿט דעם אייזל. דער דימענט איז זײַנער!"

— „אָבער דער וואָס האָט פֿאַרקויפֿט דעם אייזל האָט דאָך ניט געוואוסט וועגן דימענט. דאָס האָט גאָט אײַך געשיקט דעם דימענט!" — האָבן די תּלמידים געזאָגט.

האָט דער רבי שמעון געענטפֿערט:

— „דעם דימענט האָב איך ניט געקויפֿט. געהערט ער ניט מיר. ער געהערט דעם וואָס האָט מיר דעם אייזל פֿאַרקויפֿט. ברענגט אים דעם דימענט".

די תּלמידים האָבן געטאָן וואָס זייער רבי האָט זיי געהייסן.

תּלמיד — תּלמידים	רבי	ארץ־ישׂראל	מתּנה

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. איז רבי שמעון געווען אַ רײַכער מאַן?
2. וואָס האָט אַ תּלמיד געפֿונען צווישן די האָר פֿון אייזל?
3. וואָס האָבן די תּלמידים געזאָגט?
4. וואָס האָט רבי שמעון געזאָגט?

5. געדענקט איר נאָך אַ מעשׂה וועגן ערלעכע מענטשן?

דימענט, דער diamond	(talmidim) pupils תּלמידים
(Erets-Yisroel) Land of Israel ארץ־ישׂראל	collected געקליבן
(Shimen) Simon שמעון	to feel, to touch טאַפּן
(rebe) rabbi; teacher רבי	to belong געהערן

דער קליינער לינקאָלן

אייבּרעהעם (אַבֿרהם) לינקאָלן איז געווען אַן אָרעמער יינגל. זײַן פֿאָטער האָט אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט, און דער קליינער לינקאָלן האָט געהאָלפֿן דעם פֿאָטער אין דער אַרבעט. דער פֿאָטער האָט געאַרבעט אַרום די שיפֿן.

אויף די שיפֿן האָט דער קליינער לינקאָלן געזען אַ סך נעגערס. די נעגערס זײַנען געווען שקלאַפֿן. זיי האָבן זייער שווער געאַרבעט און מען האָט זיי געשלאָגן מיט בײַטשן.

איין מאָל האָט דער קליינער לינקאָלן געזען: אַן אַלטער נעגער טראָגט אַ שווערן קאַסטן. דער אַלטער נעגער האָט דעם קאַסטן ניט געקענט טראָגן. האָט דער אַלטער שקלאַף אויסגערופֿן:

— „איצט וועט מען מיך שלאָגן!"

איז לינקאָלן צוגעלאָפֿן צו אים און אים געזאָגט:

— „איך וועל דיר העלפֿן טראָגן דעם קאַסטן". — און דער קליינער אייבּרעהעם האָט געהאָלפֿן דעם נעגער אַרויפֿטראָגן דעם קאַסטן אויף אַ שיף.

דער אַלטער מאַן האָט אים געזאָגט:

— „אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק דיר! דאָס איז דאָס ערשטע מאָל ווען אַ ווײַסער העלפֿט מיר אין דער אַרבעט".

ווען לינקאָלן איז געוואָרן אַ גרויסער, איז ער געוואָרן דער פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן און ער האָט באַפֿרײַט די שקלאַפֿן.

לינקאָלן האָט געגלייבט אַז אַלע מענטשן זײַנען ברידער.

פֿאַראייניקטע שטאַטן	די שקלאַפֿן	דער קאַסטן

די בײַטש

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. איז לינקאָלנס פֿאָטער געווען אַ רײַכער?
2. וואו האָט לינקאָלן געזען די שקלאַפֿן?
3. וואָס איז געשען מיט אַן אַלטן שקלאַף?
4. ווי האָט לינקאָלן אים געהאָלפֿן?
5. וואָס האָט געזאָגט דער אַלטער נעגער?
6. אין וואָס האָט לינקאָלן געגלייבט?

שקלאַף, דער	slave	בײַטש, די	whip	צוגעלאָפֿן	ran to
נעגער, דער	Negro	פּרעזידענט, דער	president	אַרויפֿטראָגן	to carry up
קאַסטן, דער	box	פֿאַראייניקטע שטאַטן	United States	שלאָגן	to beat, to hit

ווי הילל איז געוואָרן אַ גרויסער געלערנטער

הילל האָט זייער שטאַרק געוואָלט זיך לערנען. געלעבט האָט הילל פֿון דעם וואָס ער האָט געהאַקט האָלץ. דאָס האָלץ פֿלעגט ער פֿאַרקויפֿן. אַזוי האָט ער געהאַט אויף צו לעבן פֿאַר זיך און זײַן משפּחה. ער האָט געהאַט אַ ביסל געלט צו באַצאָלן דעם היטער פֿון דער שול, ער זאָל אים אַרײַנלאָזן הערן ווי מע לערנט.

אַמאָל, ווינטער, איז געפֿאַלן אַ גרויסער שניי. דער שניי האָט באַדעקט דעם וואַלד. הילל האָט ניט געקענט גיין האַקן האָלץ. האָט ער ניט געהאַט קיין געלט צו געבן דעם היטער פֿון דער שול. האָט אים דער היטער ניט אַרײַנגעלאָזט אין דער שול.

אָבער הילל האָט זייער געוואָלט וויסן וואָס מע לערנט. איז ער אַרויף אויפֿן דאַך, זיך געלייגט בײַם פֿענצטער פֿון דאַך צו הערן די רייד פֿון די גרויסע לערערס.

דער שניי איז ווײַטער געפֿאַלן. הילל ליגט אַזוי אויפֿן דאַך בײַם פֿענצטער און הערט זיך צו צו די רייד פֿון די לערערס. דער שניי פֿאַלט אַלץ און פֿאַלט, ביז הילל ווערט באַדעקט מיט דעם שניי.

אַ גאַנצע נאַכט איז הילל געלעגן אונטער דעם שניי. ער איז שוין געווען האַלב פֿאַרפֿרוירן.

אויף מאָרגן אין דער פֿרי זאָגט איין לערער צום צווייטן:

— „אַלע טאָג אין דער צײַט איז דאָ ליכטיק און הײַנט איז נאָך פֿינצטער. פֿאַרוואָס איז עס אַזוי?"

גיבן זיי אַ קוק אַרויף און זיי זעען — אַ מענטש ליגט איבערן פֿענצטער פֿון דאַך. איז מען אַרויף אויפֿן דאַך. מע האָט אַוועקגענומען דעם שניי און מע האָט געפֿונען היללן. מען האָט אים געוואַשן מיט וואַרעם וואַסער, מע האָט אים געשמירט מיט בוימל, ביז מע האָט אים דערוואַרעמט.

— „וואָס איז געשען מיט אײַך?" — האָבן די לערערס אים געפֿרעגט. האָט הילל דערציילט פֿאַרוואָס ער איז אַרויף אויפֿן דאַך.

האָט איין לערער געזאָגט צום צווייטן: — „איך האָב קיינמאָל ניט געזען אַ מענטשן וואָס זאָל אַזוי וועלן לערנען".

און דער צווייטער האָט געזאָגט:

— „לאָמיר אים לאָזן קומען אין שול אָן געלט".

אַזוי איז טאַקע געווען. הילל האָט פֿרײַ געקענט לערנען. און הילל איז געוואָרן דער גרעסטער געלערנטער בײַ יידן.

אַרײַנלאָזן	אַרײַנקומען	דערוואַרעמען	אַ שניי פֿאַלט

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿון וואָס האָט הילל געלעבט?
2. פֿאַרוואָס האָט ער איין טאָג גאָרניט געהאַט קיין געלט?
3. וואָס האָט ער געטאָן צו הערן די רייד פֿון די גרויסע געלערנטע?
4. וואָס איז געשען, ווען הילל איז געלעגן אויפֿן דאַך?
5. ווי אַזוי האָט מען געראַטעוועט (saved) היללן?
6. וואָס האָבן די לערערס געטאָן פֿאַר היללן?

האָלץ	wood	אַרײַנקומען	to come in
האַקן	to chop, to cut	פֿאַרפֿרוירן	frozen
פֿלעגט	used to	דערוואַרעמען	to warm
אַרײַנלאָזן	to let in	שמירן	to grease

אַבֿרהם רייזען און דער ייִנגל
מיט די צײַטונגען

אַבֿרהם רייזען איז געווען אַ גרויסער ייִדישער שרײַבער. ער האָט געשריבן שיינע פּאָעמעס און שיינע דערציילונגען.

אַבֿרהם רייזען האָט זייער ליב געהאַט צו קומען אין ייִדישע שולן. אַבֿרהם רייזען האָט ליב געהאַט צו זען ווי די קינדער פירן דורך אַ שׂמחה אין שול.

איין מאָל איז אַבֿרהם רייזען געווען אין אַ ייִדישער שול. עס איז געווען אַ קאַלטער אָוונט. די שׂמחה האָט זיך שפּעט געענדיקט.

נאָך דער שׂמחה האָט דער לערער פֿון דער שול געפֿירט דעם ליבן גאַסט צו דעם אָרט וואו עס קומט אָן דער באַס. מע האָט אַ לאַנגע צײַט געדאַרפֿט וואַרטן אויף דעם באַס. אָט קומט שוין אָן דער באַס. אָבער אַבֿרהם רייזען דערזעט אַ ייִנגל וואָס פֿאַרקויפֿט צײַטונגען. דער ייִנגל ציטערט פֿון קעלט.

אַבֿרהם רייזען האָט צוגערופֿן דעם ייִנגל צו זיך. דער ייִנגל גיט אים אַ צײַטונג.

— „ניין, ניט איין צײַטונג", — האָט דער גרויסער שרײַבער געזאָגט, — „גיב מיר אַלע דײַנע צײַטונגען".

— „אַלע"? — האָט דער ייִנגל זיך געוואונדערט.

— „צייל זיי איבער און גיב מיר".

דער ייִנגל האָט איבערגעציילט דרײַסיק צײַטונגען. אַבֿרהם רייזען האָט אים באַצאָלט פֿאַר אַלע צײַטונגען און דער ייִנגל איז אַ פֿריילעכער געלאָפֿן אַהיים.

מיט די דרײַסיק צײַטונגען אין די הענט און מיט אַ ליבן שמייכל אויפֿן פּנים איז אַבֿרהם רייזען געבליבן וואַרטן אויפֿן צווייטן באַס.

די שׂמחה	די דערציילונג	די צײַטונג	דאָס פּנים

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. ווער איז געווען אַבֿרהם רייזען ?
2. פֿאַרוואָס האָט אַבֿרהם רייזען געקויפֿט אַלע דרײַסיק צײַטונגען ?
3. ווען איז געשען די מעשׂה ?
4. ווי אַזוי האָט דער לערער געוואוסט וועגן דער מעשׂה ?

אַבֿרהם	(Avrohom) Abraham
פּאָעמע, די	poem
דערציילונג, די	story
צײַטונג, די	newspaper
פּנים, דאָס	(ponim) face
שמייכל, דער	the smile
באָס, דער	the bus
דרײַסיק	thirty
ציטערן	to shiver
איבערציילן	to count, to recount
וואונדערן זיך	to wonder; to be surprised

חמשה־עשׂר בשבֿט

הײַנט איז חמשה־עשׂר בשבֿט !
לאָמיר אַלע ניט פֿאַרגעסן,
ארץ־ישׂראל־פּרוכטן צו עסן.
ייִדישע קינדער, נעמט אײַך, נאַט :

פֿײַגן, טייטלען אָן אַ שיעור,
איינס פֿאַר דיר און איינס פֿאַר מיר,
פֿאַר די קינדער פֿון דער ווײַט
און פֿאַר אַלע גוטע לײַט.

חמשה־עשׂר בשבֿט	(Khamisho-oser bishva't) 15th day in the month of Shvat
פֿײַגן	figs
טייטלען	dates
פֿון דער ווײַט	from a distance (far away)
אָן אַ שיעור	(shi'er) without a limit
לײַט	people, men



געשלאָפֿן זיבעציק יאָר

אין ירושלים האָט אַמאָל געלעבט זייער אַ גוטער מענטש. ער האָט געהייסן חוני. איין מאָל גייט חוני אין וועג. זעט ער: אַן אַלטער מאַן פֿלאַנצט אַ בוים.

— „וואָסער בוים פֿלאַנצט איר ?" — האָט חוני געפֿרעגט דעם אַלטן מאַן.

— „איך פֿלאַנץ אַ באָקסער־בוים", — האָט דער אַלטער מאַן געענטפֿערט.

— „אין וויפֿל יאָר אַרום וועט דער באָקסער־בוים ברענגען באָקסערן ?" — האָט חוני געפֿרעגט.

— „אין זיבעציק יאָר אַרום," — האָט דער אַלטער געענטפֿערט.

— „מיינט איר דען אַז איר וועט נאָך לעבן זיבעציק יאָר, צו קענען עסן די באָקסערן פֿון דעם בוים ?" — האָט חוני ווידער געפֿרעגט.

— „ניין," — האָט דער אַלטער געענטפֿערט, — „איך וועל שוין ניט לעבן ווען אויפֿן בוים וועלן וואַקסן באָקסערן, אָבער מײַנע אייניקלעך וועלן עסן די באָקסערן פֿון דעם בוים. מײַנע זיידעס האָבן געפֿלאַנצט פֿאַר מיר באָקסער־ביימער און איך פֿלאַנץ אַ באָקסער־בוים פֿאַר מײַנע אייניקלעך."

חוני האָט פֿאַרשטאַנען אַז ער האָט ניט געדאַרפֿט פֿרעגן דעם אַלטן צו וואָס ער פֿלאַנצט אַ בוים. אַ מענטש אַרבעט דאָך ניט נאָר פֿאַר זיך אַליין.

חוני איז געווען פֿאַרמאַטערט פֿון וועג. האָט ער זיך געלייגט אָפּרוען. ער איז אײַנגעשלאָפֿן.

ער איז געשלאָפֿן און געשלאָפֿן — ביז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. זעט ער — ער ליגט אונטער אַ גרויסן באָקסער־בוים וואָס איז פֿול מיט באָקסערן. עס שטייט אַן אַלטער מאַן און רײַסט די באָקסערן פֿון בוים.

— „דאָס האָט איר געפֿלאַנצט דעם באָקסער־בוים ?"— האָט חוני געפֿרעגט.

— „ניין, ניט איך", — האָט געענטפֿערט דער אַלטער

מאַן, — „מײַן זיידע האָט געפּלאַנצט דעם בוים, ווען איך בין געווען נאָך גאָר אַ קליין קינד.״

האָט חוני פֿאַרשטאַנען אַז ער האָט געשלאָפֿן זיבעציק יאָר.

איַינגעשלאָפֿן — געשלאָפֿן — זיך אויפֿגעכאַפּט

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי לאַנג געדויערט ביז אַ באָקסער־בוים ברענגט פּרוכט?
2. וואָס האָט חוני געפֿרעגט דעם אַלטן מאַן וואָס האָט געפּלאַנצט דעם באָקסער־בוים?
3. וואָס האָט דער אַלטער מאַן געענטפֿערט?
4. וואָס האָט חוני פֿאַרשטאַנען פֿון דעם ענטפֿער?
5. איז דער לאַנגער שלאָף געווען אַ שטראָף פֿאַר חונין?
6. ווייסט איר אַן אַנדער מעשׂה וועגן שלאָפֿן אַ סך יאָרן?

seventy	זיבעציק
(Khoyni)	חוני
to plant	פֿלאַנצן
St. John's bread	באָקסער, דער
what for	צו וואָס
tired	פֿאַרמאַטערט
to rest	אָפּרוען (זיך)

אַ שפּאַס

אַ שטורעם אויפֿן „ים״.

דער „ים״ האָט זיך איבערגעקערט.

וואָס איז דאָ געשען? דערצייל.

joke, fun	שפּאַס, דער
storm	שטורעם, דער
to turn over	איבערקערן זיך

אַ פֿייגעלע, בלײַבט אויף אַ רגעלע שטיין



אַ פֿייגעלע, בלײַבט אויף אַ רגעלע שטיין
און לאָזט זיך אַראָפּ צו מיר.
צי ווייסט איר וואוהין איך וואָלט
זיך געלאָזט,
ווען איך האָב אויך פֿליגל ווי איר ?

איך וואָלט אויך געפֿלויגן אַנטקעגן דער זון,
צום היימלאַנד פֿון אונדזער אַמאָל,
געפֿלויגן בײַטאָג און געפֿלויגן בײַנאַכט,
געקומען קיין ארץ־ישׂראל.

רגע	וואָלט געפֿלויגן	וואָלט געקומען

רגע, די	(rege) second, moment
געפֿלויגן	flew
אַנטקעגן	toward
היימלאַנד, דאָס	homeland
אַמאָל, דער	the past

דאָס ליד פֿון פֿלאַנצן

ס'איז פֿריש דער פֿרימאָרגן,
מיט טוי איז דאָס פֿעלד.
דער טאָג איז צו פֿלאַנצן,
באַפֿוצן די וועלט.

מיר שטעלן די פֿלאַנצן
אַרײַן אין דער ערד.
און זאָגן און האָפֿן :
„זאָל פֿרייד זײַן באַשערט !

זאָל קומען די ברכה,
נעמט וואַקסן און בליט !
גיט שאָטן און נחת
און פֿרוכטן אונדז גיט״.

ברכה	נחת	זאָל זײַן באַשערט

פֿרימאָרגן, דער	(early) morning
טוי, דער	dew
באַפֿלאַנצן	to plant (extensively)
באַשערט זײַן	to be destined

דאָס ווײַסע ציגעלע אונטערן קינדס וויגעלע

א

עס איז אַמאָל געווען אַ גרויסע און אַ שוואַרצע ציג. איז בײַ איר געבוירן געוואָרן אַ ציגעלע, אַ קליין ווײַס און שיין ציגעלע. דאָס ווײַסע ציגעלע איז אויסגעוואַקסן מיט שטאַרקע הערנער און מיט דינע פֿיסלעך. דאָס ווײַסע ציגעלע איז געווען זייער אַ פֿריילעכס. עס האָט שטענדיק געטאַנצט און געשפּרונגען.

ווען דאָס ווײַסע ציגעלע איז אַלט געוואָרן אַ יאָר, האָט עס געזאָגט צו דער מאַמען, דער שוואַרצער ציג:

— „מאַמע, איך האָב דיך ליב, אָבער איך בין שוין אַ גרויסע. איך דאַרף גיין איבער דער וועלט און זען וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט".

האָט די שוואַרצע מאַמע-ציג געזאָגט:

— „מײַן ריין, ווײַס ציגעלע, צו וואָס דאַרפֿסטו גיין איבער דער וועלט און זען וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט? איז דיר שלעכט בײַ מיר?"

האָט דאָס קליינע ווײַסע ציגעלע געזאָגט:

— „איך דאַרף גיין העלפֿן קליינע קינדערלעך. איך דאַרף גיין צו קינדער וואָס ליגן אין די וויגעלעך".

— „אויב אַזוי", — האָט די מאַמע-ציג געזאָגט, — „גיי, מײַן טאָכטער, און זאָל דיר גאָט העלפֿן".

און די מאַמע־ציג האָט צוגעבונדן איר טעכטערל צום האַלדז אַ גלעקעלע.

— „צו וואָס איז דאָס?" — האָט דאָס ציגעלע געפֿרעגט.

האָט די מאַמע־ציג געזאָגט:

— „אַז דו וועסט גיין אין וואַלד, וועט דאָס גלעקעלע קלינגען, און שלעכטע חיות וועלן זיך דערשרעקן און דיר ניט טאָן קיין שלעכטס".

האָט דאָס ציגעלע געקושט, געלעקט איר מאַמע און איז אַוועק אין ווײַטן וועג.

וויגעלע — וויגעלעך	ציגעלע — ציגעלעך
וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט	

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי האָט אויסגעזען (looked like) דאָס קליינע ציגעלע?
2. וואָס האָט דאָס ציגעלע געזאָגט דער מאַמע־ציג, ווען עס איז אַלט געוואָרן אַ יאָר?
3. וואָס האָט די מאַמע־ציג געענטפֿערט?
4. צו וואָס האָט דאָס ווײַסע ציגעלע געוואָלט גיין איבער דער וועלט?
5. וואָס האָט די מאַמע־ציג געזאָגט, ווען זי האָט געוואוסט אַז איר ציגעלע וויל גיין העלפֿן קליינע קינדערלעך?
6. צו וואָס איז געווען דאָס גלעקעלע אויפֿן ציגעלעס האַלדז?

דין	thin
געשפּרונגען	jumped, hopped
צוגעבונדן	tied to
דערשרעקן זיך	to get scared
לעקן	to lick
גלעקעלע, דאָס	little bell
וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט	what is going on

ב

דאָס ווײַסע ציגעלע איז געגאַנגען איבער פֿעלדער, דאָס ווײַסע ציגעלע איז געגאַנגען דורך אַ פֿינצטערן וואַלד. אָבער דאָס ווײַסע ציגעלע האָט זיך ניט געשראָקן. דאָס גלעקעלע האָט געקלונגען און די דינע פֿיסעלעך האָבן געטאַנצט און פֿריילעך געשפּרונגען.

דאָס ווײַסע ציגעלע איז אַרויס פֿון וואַלד. עס איז געקו־מען אין אַ קליין שטעטל. דאָס ציגעלע איז געבליבן שטיין בײַ דעם ערשטן הײַזל פֿון שטעטל. עס האָט אָנגעקלאַפּט

מיט די הערנער: סטוק־סטוק.

איז פֿון הײַזל אַרויס אַ פֿרוי, אַ יונגע פֿרוי, אַ שיינע פֿרוי, אָבער זי האָט געהאַט טרערן אין די אויגן. האָט דאָס ציגעלע געפֿרעגט:

— „וואוינט דאָ אַ קליין קינדעלע?"

האָט די יונגע שיינע פֿרוי מיט די טרערן אין די אויגן געענטפֿערט:

— „יאָ, מײַן ציגעלע, דאָ וואוינט מײַן קינד. דאָס קינדעלע מײַנס איז נאָך זייער קליין און ליגט אין אַ וויגעלע. מײַן קינדעלע איז קראַנק און מײַן קינדעלע וויינט. מײַן קינדעלע קען ניט אײַנשלאָפֿן. איך האָב שוין מײַן קינדעלע געזונגען אַלע לידעלעך וואָס איך קען. אָבער דאָס קינדעלע וויל ניט שלאָפֿן".

— „אויב אַזוי", — האָט דאָס ציגעלע געזאָגט, — „דאַרף איך טאַקע קומען צו אײַך. דאָ איז מײַן אָרט".

— „קום אַרײַן, קום אַרײַן, טײַער ציגעלע", — האָט געזאָגט די יונגע שיינע פֿרוי. און זי האָט שוין געשמייכלט.

שטאָט — שטעטל	זיך געשראָקן	געבליבן שטיין

פֿראַגעס:

1. האָט דאָס ציגעלע זיך געשראָקן אין פֿינצטערן וואַלד?
2. וואו איז דאָס ציגעלע געבליבן שטיין?
3. ווער האָט געעפֿנט די טיר?
4. פֿאַרוואָס האָט די יונגע שיינע פֿרוי געהאַט טרערן אין די אויגן?
5. וואָס האָט דאָס ציגעלע איר געזאָגט?

שטעטל, דאָס	(little) town
טרערן	tears
אָנקלאַפּן	to knock

ג

איז דאָס ווײַסע ציגעלע אַרײַן אין הײַזל. זעט דאָס ציגעלע: אַ קליין מיידעלע ליגט אין אַ וויגעלע — און וויינט.

האָט דאָס ציגעלע גענומען קלינגען מיטן גלעקעלע, האָט דאָס קליינע מיידעלע אויפֿגעהערט וויינען. האָט דאָס ציגעלע געפֿרעגט:

— „ווי הייסטו, קליין מיידעלע ?"

האָט דאָס מיידעלע געזאָגט: — „פֿריידעלע".

— „אויב דו הייסט פֿריידעלע, וואָס זשע וויינסטו ?"

— „איך וויין, ווײַל איך קען ניט שלאָפֿן".

— פֿאַרוואָס קענסטו ניט שלאָפֿן ?"

— איך קען ניט שלאָפֿן, ווײַל איך שרעק זיך".

— „פֿאַרוואָס שרעקסטו זיך ?"

— „ווייל דאָס הײַזל איז לעבן אַ וואַלד, און דער וואַלד מאַכט בו־בו, און די ביימער מאַכן בו־בו־בו, און איך וויין אויך בו־בו־בו".

האָט דאָס ציגעלע געזאָגט: — „אַ מיידעלע פֿריידעלע דאַרף זיך ניט שרעקן. אָט בין איך, אַ קליין ווײַס ציגעלע, געגאַנגען דורך דעם גאַנצן וואַלד. איך האָב געטאַנצט און געשפּרונגען און מײַן גלעקעלע האָט געקלונגען. און דו זעסט, איך בין גאַנץ און געזונט. קיינער האָט מיר קיין שלעכטס ניט געטאָן".

האָט דאָס מיידעלע אין וויגעלע אָנגעהויבן צו שמייכלען און האָט געזאָגט:

— „בלײַב בײַ מיר, ציגעלע, וועל איך קיין מאָל ניט וויינען, וועל איך זיך ניט שרעקן פֿאַר קיינעם און איך וועל שלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט".

האָט דאָס ציגעלע געזאָגט: — „גוט, מיידעלע". — און דאָס ציגעלע האָט זיך געלייגט אונטער דעם קינדס וויגעלע. דאָס ציגעלע איז געווען פֿאַרמאַטערט פֿון וועג און איז אײַנגעשלאָפֿן. די מאַמע האָט זיך געזעצט לעבן קינדס וויגעלע און גענומען זינגען אַ נײַ לידעלע:

„אונטער מײַן מיידעלעס וויגעלע
שלאָפֿט אַ קלאָר־ווײַס ציגעלע..."

און דאָס מיידעלע פֿריידעלע איז אײַנגעשלאָפֿן.

זינגען — געזונגען	שפּרינגען — געשפּרונגען
קלינגען — געקלונגען	

פּ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס האָט דאָס ציגעלע געזען, ווען עס איז אַרײַן אין הײַזל?
2. וואָס האָט דאָס ציגעלע געטאָן?
3. פֿאַרוואָס האָט דאָס מײדעלע זיך געשראָקן?
4. וואָס האָט דאָס ציגעלע דערציילט?
5. וואָסער נײַ לידעלע האָט די מאַמע געזונגען?

ד

אַז דאָס מײדעלע פֿריידעלע איז אײַנגעשלאָפֿן, האָט דאָס ווײַסע ציגעלע זיך אויפֿגעכאַפּט. דאָס ציגעלע האָט געזאָגט:

— „איך בין ניט מער פֿאַרמאַטערט. איצט דאַרף איך גיין ווײַטער".

— „וואוהין גייסטו, ציגעלע?" — האָט די פֿרוי געפֿרעגט.

האָט דאָס ציגעלע געענטפֿערט: — „דײַן מײדעלע שלאָפֿט שוין, אָבער אַנדערע קינדער שלאָפֿן נאָך ניט. איך גיי צו אַנדערע קינדער וואָס ליגן אין וויגן און קענען ניט שלאָפֿן. איך גיי אויך האַנדלען מיט ראָזשינקעס און מיט מאַנדלען".

— „צו וואָס דאַרפֿסטו ראָזשינקעס מיט מאַנדלען?" — האָט די פֿרוי געפֿרעגט, — „דו עסט דאָך גראָז".

האָט דאָס ציגעלע געענטפֿערט: — „איך דאַרף ראָזשינקעס מיט מאַנדלען פֿאַר קינדער וואָס האָבן עס ליב. איך וועל זיי עס ברענגען אַ מתּנה. זיי וועלן זיך פֿרייען און זײַן גוטע קינדער און וועלן שלאָפֿן בײַנאַכט".

און דאָס ציגעלע האָט געזאָגט: — „אַ גוטע נאַכט", — און איז אַוועק.

און אַזוי גייט דאָס קליינע ווײַסע ציגעלע פֿון הויז צו הויז. עס ליגט אונטער וויגעלעך פֿון קינדער; עס ברענגט ראָזשינקעס מיט מאַנדלען. און אַלע ייִדישע מאַמעס, ווען זיי לייגן די קינדער שלאָפֿן, זינגען זיי דאָס לידעלע, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט:

אונטער מײַן קינדס וויגעלע
ליגט אַ קלאָר־ווײַס ציגעלע.
דאָס ציגעלע איז געפֿאָרן האַנדלען,
קויפֿן ראָזינקעס מיט מאַנדלען.

פֿאָרן האַנדלען	שלאָפֿן שוין — שלאָפֿן נאָך ניט

פֿראַגעס:

1. פֿאַרוואָס האָט דאָס ציגעלע געקענט אַוועקגיין פֿון פֿריי־דעלען?
2. וואָס האָט דאָס ציגעלע שפּעטער געטאָן?
3. צו וואָס דאַרף דאָס ציגעלע ראָזינקעס מיט מאַנדלען?
4. וואָסער נײַ לידעלע האָבן ייִדישע מאַמעס זיך אויסגעלערנט?
5. קענט איר נאָך אַנדערע וויגלידער?

שלעכטס, דאָס	harm
שרעקן זיך	to be afraid
אויסלערנען	to teach; to learn

שבת



קומט דער ליבער שבת,
בענטשט די מאַמע ליכט,
און עס שײַנט פֿאַר נחת
ליכטיק איר געזיכט.

מאַכט דער טאַטע קידוש
אויפֿן זיסן ווײַן.
טאַטע־מאַמע ליבע,
געזונט זאָלט איר מיר זײַן!

קידוש (Kidesh) blessing, benediction over wine (or bread) on Sabbath or holidays

די קו וואָס רוט שבת

אין ארץ־ישׂראל איז געווען אַ ייִד וואָס האָט געאַרבעט אין פעלד מיט זײַן קו. זי האָט געשלעפּט זײַן אַקער. זעקס טעג האָט דער ייִד געאַרבעט און דעם זיבעטן טאָג, שבת, האָט ער גערוט.

דער ייִד האָט געמוזט פאַרקויפן זײַן קו. אַ ניט־ייִד האָט זי אָפּגעקויפט. ער האָט געוואוסט אַז די קו איז צוגעוואוינט צו שלעפּן דעם אַקער. די קו האָט די גאַנצע וואָך געאַר־בעט בײַ איר נײַעם באַלעבאָס.

ווען עס איז געקומען שבת, האָט די קו זיך אַוועקגעלייגט און ניט געוואָלט זיך אויפהייבן פון אָרט. דער נײַער באַלע־באָס האָט זי געשלאָגן, אָבער די קו האָט זיך ניט אויפגע־שטעלט.

איז דער נײַער באַלעבאָס פון דער קו געקומען צום ייִד און געזאָגט:

— „פאַרוואָס האָסטו מיך אָפּגענאַרט?"

— „מיט וואָס האָב איך דיך אָפּגענאַרט?" — האָט דער ייִד געפרעגט.

— „דו האָסט געזאָגט אַז די קו איז צוגעוואוינט צו שלעפּן דעם אַקער, אָבער בײַ מיר וויל זי ניט זיך אויפהייבן פון אָרט",— האָט געזאָגט דער נײַער באַלעבאָס פון דער קו.

— „איז דאָס יעדן טאָג אַזוי?" — האָט דער ייִד ווי־דער געפרעגט.

— „ניין, נאָר ווען עס קומט שבת", — האָט דער ניט־ייִד געענטפערט. האָט דער ייִד דערקלערט: — „מײַן קו איז געווען צוגעוואוינט זעקס טעג צו אַרבעטן און דעם זי־בעטן טאָג צו רוען".

דעם ניט־ייִד איז די זאַך געפעלן געוואָרן. ער האָט געזאָגט: — „אַלע מענטשן דאַרפן האָבן אַ טאָג פון רו, אַזוי ווי ייִדן האָבן אַ טאָג פון רו".

זיך אויפגעשטעלט	צוגעוואוינט	אָפּגעקויפט	אָפּגענאַרט

פ ר א ג ע ס :

1. וואָס האָט די קו געטאָן בײַ דעם ייִד ?
2. ווי אַזוי האָט די קו זיך צוגעוואוינט צו רוען שבת ?
3. ווער איז געווען דער נײַער באַלעבאָס פֿון דער קו ?
4. וואָס איז געשען, ווען עס איז געקומען שבת ?
5. פֿאַרוואָס איז דער ניט־ייִד געקומען צום ייִד ?
6. וואָס האָט אים דער ייִד דערקלערט ?
7. וואָס האָט געזאָגט דער ניט־ייִד ?
8. האָבן איצט ניט־ייִדן אַ טאָג פֿון רו ?

צוגעוואוינט	used to, accustomed	אַקער, דער	the plow
אָפּקויפֿן	to buy	באַלעבאָס, דער	owner
אָפּנאַרן	to fool		

חנהלעס שבת־קליידל

א

די מאַמע האָט געקויפֿט פֿאַר חנהלען אַ נײַ קליידל. עס איז אַ שיין און אַ ווײַס קליידל. האָט די מאַמע געזאָגט:

— „חנהלע, דאָס וועט זײַן דײַן שבת־קליידל".

חנהלע האָט זיך זייער געפֿרייט מיט איר שבת־קליידל. זי האָט אַ גאַנצע וואָך גע־וואַרט אויף שבת, ווען זי וועט אָנטאָן דאָס נײַע ווײַסע שבת־קליידל.

עס איז געקומען פֿרײַטיק נאָך מיטאָג. האָט חנהלע אָנגעטאָן דאָס שבת־קליידל און איז אַרויס אין גאַס.

— „זע אַז דײַן שבת־קליידל זאָל בלײַבן ריין", — האָט די מאַמע איר אָנגעזאָגט. — „עס איז דאָך אַ נײַ און שיין קליידעלע".

— „מאַמע, איך ווייס ווי צו האַלטן ריין מײַן שבת־קליידל", — האָט חנהלע גע־זאָגט. זי איז אַרויס פֿון שטוב און פֿריילעך געשפּרונגען איבער דער גאַס.

זעט חנהלע: עס גייט אַן אַלטער מאַן. ער טראָגט אויף די פּלייצעס אַ שווערן זאַק. דער זאַק איז אַ שוואַרצער.

— „וואָס טראָגט איר אין זאַק?" — פֿרעגט חנהלע דעם אַלטן.

— „איך טראָג קוילן, ליב טעכטערל", — ענטפֿערט דער אַלטער.

דער אַלטער איז געבליבן שטיין. ער איז געווען פֿאַר־מאַטערט פֿון טראָגן דעם שווערן זאַק. האָט ער געבעטן:

— „העלף מיר אַ ביסעלע, ליב טעכטערל".

און חנהלע האָט געהאָלפֿן דעם אַלטן מאַן. ער האָט געטראָגן דעם זאַק אויף די פּלייצעס און חנהלע האָט צו־געהאַלטן דעם זאַק מיט אירע הענטלעך. דער אַלטער איז געקומען צו זײַן הויז און האָט געזאָגט:

— „אַ דאַנק דיר, ליב טעכטערל, אַ דאַנק. זאָל גאָט דיר באַצאָלן פֿאַר דײַן גוטסקייט".

דער אַלטער איז אַרײַן אין זײַן הײַזל. חנהלע איז אַ צופֿרידענע געלאָפֿן אַהיים. ווען זי איז שוין געווען לעבן איר הויז, האָט זי דערזען: איר נײַ שבת־קליידעלע איז פֿול מיט שוואַרצע פֿלעקן! די פֿלעקן זײַנען געקומען פֿון דעם זאַק וואָס חנהלע האָט געהאָלפֿן טראָגן.

אָנטאָן — אָנגעטאָן	אָנזאָגן — אָנגעזאָגט	חנה

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס פֿאַר אַ קליידעלע האָט די מאַמע געקויפֿט חנהלען?
2. וואָס האָט די מאַמע געזאָגט וועגן קליידעלע?
3. ווען האָט חנהלע צום ערשטן מאָל אָנגעטאָן דאָס קליידעלע?
4. וואָס האָט די מאַמע אָנגעזאָגט חנהלען, ווען זי איז אַרויס אין גאַס?
5. וואָס האָט חנהלע איר געענטפֿערט?
6. וועמען האָט חנהלע געזען אין גאַס?
7. וואָס האָט דער אַלטער געבעטן?
8. וואָס האָט חנהלע געטאָן?
9. וואָס איז געשען מיטן נײַעם ווײַסן קליידעלע?

חנה(לע)	(Khane)	פֿלעק, דער	stain
אָנטאָן	to dress; to put on	זאַק, דער	sack
אָנגעטאָן	dressed; put on	גוטסקייט, די	goodness
אָנזאָגן	to tell	קוילן	coal
צוהאַלטן	to hold		

ב

חנהלע האָט זיך זייער דערשראָקן. די מאַמע וועט שרײַען, האָט חנהלע געטראַכט, זי וועט שרײַען און זײַן געדעכט. אפשר וועט די מאַמע זי שלאָגן?

איז חנהלע ניט אַרײַן צו זיך אין שטוב. זי איז גיך געלאָפֿן און געלאָפֿן. זי איז געקומען אין אַ פּאַרק. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און האָט געוויינט.

עס איז שוין געוואָרן פֿינצטער. די לבֿנה איז אַרויס צו זען וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. זעט די לבֿנה: חנהלע זיצט אין פּאַרק אויף אַ באַנק און וויינט.

— „וואָס טוסטו דאָ, חנהלע?" — האָט די לבֿנה געזאָגט אָן ווערטער. אָבער חנהלע האָט געהערט. און חנהלע האָט דערציילט דער לבֿנה די גאַנצע מעשׂה מיט איר שבת־קליידעלע.

— „פֿאַרדריסט עס דיך וואָס דו האָסט געהאָלפֿן דעם אַלטן מאַן טראָגן דעם זאַק מיט קוילן?" — האָט די לבֿנה ווײַטער געפֿרעגט אָן ווערטער.

— „ניין, עס פֿאַרדריסט מיך ניט", — האָט חנהלע געזאָגט.

— „אָבער די מאַמע — דו ווייסט?" — האָט די לבֿנה ווידער גערעדט אָן ווערטער, — „די מאַמע זאָרגט זיך זייער. זי ווייסט ניט וואו עס איז איר מיידעלע. לויף גיכער אַהיים!"

און חנהלע איז אויפֿגעשטאַנען און איז געלאָפֿן אַהיים.

די לבֿנה גייט נאָך און מאַכט ליכטיק דעם וועג. און די לבֿנה שמייכלט צו חנהלען ווי זי וואָלט זאָגן: טו דאָס וואָס מע דאַרף טאָן.

ווען חנהלע איז אַרײַן אין שטוב, האָט די מאַמע זיך זייער דערפֿרייט מיט איר טעכטערל. און חנהלע האָט גענומען דערציילן: זי האָט געהאָלפֿן אַן אַלטן מאַן טראָגן אַ זאַק מיט קוילן, און איר נײַ ווײַס שבת־קלײדל איז געוואָרן פֿול מיט שוואַרצע פֿלעקן.

— „וועלכע פֿלעקן?" — האָט די מאַמע געפֿרעגט.

דאָס שבת־קליידעלע איז געווען ריין און שיין און — נײַ. אויף די ערטער וואו עס זײַנען פֿריִער געווען די שוואַר־

צע פֿלעקן — זײַנען איצט געווען שײנע זילבערנע בלימע־לעך. אַזוי ווי די לבֿנה וואָלט זיי געמאַכט פֿון אירע בלאַסע שטראַלן.

און חנהלעס קלײדעלע איז געווען דאָס שענסטע שבת־קלײדעלע וואָס אַ ייִדיש מײדעלע האָט ווען ניט איז געהאַט.

איך דערשרעק זיך — איך האָב זיך דערשראָקן

איך העלף — איך האָב געהאָלפֿן

פֿראַגעס:

1. פֿאַרוואָס האָט זיך חנהלע דערשראָקן?
2. וואָס האָט חנהלע געטאָן?
3. וואָס האָט די לבֿנה געפֿרעגט חנהלען?
4. וואָס האָט די לבֿנה געהייסן חנהלען?
5. האָט די מאַמע געשריִען, ווען חנהלע איז געקומען?
6. וואָס האָט חנהלע דערציילט דער מאַמען?
7. זײַנען געווען שוואַרצע פֿלעקן אויף חנהלעס קליידעלע?
8. וואָסער שבת־קליידעלע האָט חנהלע געהאַט?

דערשראָקן זיך	got scared	בלימעלע, דאָס	little flower
פֿאַרדריסן	to feel hurt, to be sorry	שטראַל, דער	ray
אויפֿגעשטאַנען	got up; stood up	באַנק, די	bench
זילבערן	of silver	ווען ניט איז	ever before

אין דער שטילער שבת־שעה

ווײַסע, שטילע פֿליגל שוועבן —
שבת קומט אין אונדזער לעבן.
שענער, ליכטיקער איז הײַנט!

לאָמיר אַלע, אַלע דאָ
אין דער שטילער שבת־שעה
ווערן גוטע, ליבע פֿרײַנד!

הײַנט איז פּורים

הײַנט איז פּורים, בּרידער,
עס איז דער יום־טובֿ גרויס,
לאָמיר זינגען לידער
און גיין פֿון הויז צו הויז.



לאַך, ייִדעלע, לאַך,
אַ יום־טובֿ מאַך!
קינדס־קינדער געדענקען דעם נס.
זינגט, קינדערלעך, זינגט!
טאַנצט פֿריילעך און שפּרינגט!
דעם טײַערן טאָג ניט פֿאַרגעסט.

פֿון הויז צו הויז	קינדס־קינדער	דער נס

די מעשׂה פֿון פּורים

א

דאָס איז געווען אין די צײַטן פֿון קיניג אַחשורוש. ער האָט געקיניגט איבער הונדערט און זיבן און צוואַנציק לענדער.

דער קיניג האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה. ער האָט געהייסן אַז די קיניגין זאָל קומען צו דער סעודה, אַלע זאָלן זען ווי שיין זי איז. אָבער די קיניגין האָט ניט געוואָלט קומען. איז דער קיניג אַחשורוש געוואָרן אין כּעס און האָט זי געמאַכט אויס קיניגין. אויף איר אָרט האָט ער גענומען פֿאַר אַ ווײַב די שיינע אסתּר.

אסתּר איז געווען אַ ייִדישע טאָכטער, אָבער אַחשורוש האָט עס ניט געוווּסט.

די נײַע קיניגין האָט געהאַט אַ פֿעטער. ער האָט געהייסן מרדכי. מרדכי פֿלעגט זיצן בײַם קיניגס טויער. איין

מאָל האָט מרדכי געהערט, ווי צוויי היטערס פֿון קיניג רעדן אַז זיי ווילן טייטן דעם קיניג. מרדכי האָט עס דערציילט דער קיניגין אסתּר. אסתּר האָט דאָס דערציילט דעם קיניג. און אַזוי האָט דער קיניג זיך געראַטעוועט.

דער קיניג אַחשורוש האָט גרויס געמאַכט זייער אַ שלעכטן מענטשן מיטן נאָמען המן. אַלע האָבן זיך גע־בוקט פֿאַר המנען. אָבער דער ייִד מרדכי האָט זיך פֿאַר המנען ניט געבוקט, ווײַל המן איז געווען זייער אַ שלעכטער און האָט פֿײַנט געהאַט ייִדן.

המן איז געוואָרן זייער אין כּעס אויף מרדכין. איז המן געקומען צום קיניג און האָט אים געזאָגט:

— „גרויסער קיניג! עס איז דאָ אין דײַנע לענדער אַ פֿאָלק וואָס מע דאַרף ניט האָבן. דײַנע געזעצן פֿאָלגן זיי ניט. זיי האָבן אייגענע געזעצן. עס איז ניט גוט, גרויסער קיניג, אַז אַזאַ פֿאָלק זאָל לעבן!"

— „טו מיט דעם פֿאָלק ווי דיר געפֿעלט", — האָט דער קיניג אַחשורוש געענטפֿערט.

המן האָט געשיקט אַ באַפֿעל אין נאָמען פֿון קיניג. ער האָט געשיקט דעם באַפֿעל אין אַלע הונדערט און זיבן און צוואַנציק לענדער פֿון דעם קיניג אַחשורוש:

אין איין טאָג הרגעט אויס אַלע ייִדן, אַלט און יונג, ווײַ־בער און קינדער!

סעודה	אויסהרגענען	לאַנד — לענדער	פֿאָלק — פֿעלקער

פֿראַגעס:

1. ווער איז געווען אַחשורוש?
2. ווי אַזוי איז אסתּר געוואָרן די קיניגין?
3. ווער איז געווען מרדכי?
4. ווי אַזוי האָט מרדכי געראַטעוועט דעם קיניגס לעבן?
5. ווער איז געווען המן?
6. פֿאַרוואָס האָט מרדכי זיך ניט געבוקט פֿאַר המנען?
7. וואָס האָט המן געזאָגט וועגן ייִדן?
8. וואָסער באַפֿעל האָט המן געשיקט אין נאָמען פֿון קיניג?

אַחשורוש (Akhashveyresh)
קיניגין, די — queen
סעודה, די — (sude) feast
קיניגן — to reign
צוואַנציק — twenty
אויס — no more

בוקן זיך — to bow
דאָס געזעץ — the law
אויסהרגענען — (...hargenen) to kill off
באַפֿעל, דער — order
לענדער — lands

ייִדן האָבן געהערט וועגן דעם בייזן באַפעל. אַלע ייִדן האָבן געקלאָגט און געוויינט. מרדכי האָט געהייסן אסתּרן:

— „גיי צום קיניג און בעט פאַר דײַן פאָלק. דו ביסט דאָך אַ ייִדישע טאָכטער!"

קיינער האָט ניט געטאָרט קומען צום קיניג, ווען דער קיניג האָט ניט גערופן, אַפילו ניט די קיניגין. אָבער אסתּר האָט געטאָן ווי מרדכי האָט געהייסן. זי איז געגאַנגען צום קיניג און אים געבעטן:

— „זאָל דער קיניג און המן מאָרגן קומען צו מיר אין פּאַלאַץ. איך וועל מאַכן פאַר ביידן אַ סעודה".

דער קיניג האָט געזאָגט אַז ער וועט קומען.

אין יענער נאַכט האָט דער קיניג אַחשורוש ניט געקענט שלאָפן. האָט ער געהייסן איינעם פון די דינערס, אַז ער זאָל לייענען פאַר אים דאָס בוך וואו עס איז פאַרשריבן אַלץ וואָס איז געשען אין קיניגס הויף.

האָט מען געלייענט פאַרן קיניג אויך וועגן דעם, ווי צוויי היטערס פון קיניג האָבן געוואָלט אים טייטן און ווי דער ייִד מרדכי האָט געראַטעוועט דעם קיניגס לעבן. האָט דער קיניג אַחשורוש געפרעגט:

— „האָט מען מרדכין דערפאַר באַלוינט?"

— „ניין", — האָבן די דינערס געענטפערט.

דערווײַל קומט אַרײַן המן. פרעגט אים דער קיניג:

— „המן, וואָס דאַרף מען טאָן מיט אַ מענטשן וואָס דער קיניג וויל אים טײַער האַלטן?"

המן האָט געטראַכט: דער קיניג מיינט דאָך מיך. האָט ער געענטפערט:

— „זאָל מען אַזאַ מענטשן אָנטאָן די קליידער פון דעם קיניג. זאָל ער רײַטן אויף דעם פערד פון דעם קיניג, און זאָל אַ דינער פון קיניג פירן דאָס פערד און אויסרופן:

— „אַזוי ווערט געטאָן צו אַ מענטשן, וואָס דער קיניג וויל אים טײַער האַלטן!"

— „גוט", — האָט דער קיניג אַחשורוש געזאָגט — „נעם דאָס פערד און די קליידער און טו אַזוי צו דעם ייִד מרדכי".

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס האָט מרדכי געהייסן אסתרן ?
2. וואָס האָט אסתר געטאָן ?
3. וואָס האָט מען געלייענט פֿאַרן קיניג אין דער נאַכט, ווען ער האָט ניט געקענט שלאָפֿן ?
4. וואָסער מעשׂה מיט מרדכין האָט מען געלייענט פֿון בוך ?
5. וואָס האָט דער קיניג אַחשורוש געפֿרעגט המנען ?
6. וואָס האָט המן געענטפֿערט ?
7. וואָס האָט דער קיניג געהייסן המנען ?

קלאָגן	to lament; to weep	דינער, דער	servant
פּאַלאַץ, דער	palace	באַלוינען	to reward
הויף, דער	court	דערווײַל	in the meantime

ג

המן האָט געמוזט טאָן
ווי דער קיניג האָט געהייסן.
דעם זעלביקן טאָג אין אָוונט
איז המן געקומען מיט דעם קיניג צו
אסתרס סעודה. אין מיטן פֿון דער סעודה האָט
דער קיניג אַחשורוש געזאָגט צו אסתרן :

— „ווילסט עפּעס בײַ מיר בעטן, אסתר ? אַ העלפֿט פֿון מײַן גאַנצן לאַנד וועל איך דיר געבן !"

האָט אסתר געזאָגט :

— „אויב דער קיניג איז אַזוי גוט צו מיר, זאָל דער קיניג מיך לאָזן לעבן און זאָל ער לאָזן לעבן מײַן פֿאָלק. מע וויל אויסהרגענען מיך און מײַן פֿאָלק".

— „ווער איז דאָס דער שלעכטער מענטש ?" — האָט דער קיניג אַחשורוש געפֿרעגט מיט כּעס.

— „אַט דער המן!" — האָט אסתּר געענטפֿערט און האָט געוויזן אויף המנען.

— „הענגט אים אויף!" — האָט דער קיניג געהייסן.

די דינערס פֿון קיניג האָבן עס גלײַך געטאָן. עס איז געשטאַנען גרייט דער בוים, וואָס אויף אים האָט המן געוואָלט אויפֿהענגען מרדכין.

אַזוי האָבן ייִדן זיך באַפֿרײַט פֿון זייער גרעסטן שונא.

דער קיניג אַחשורוש האָט דערנאָך גרויס געמאַכט דעם ייִד מרדכי. מרדכי איז געוואָרן דער צווייטער צום קיניג. די ייִדן האָבן זיך געראַטעוועט.

ייִדן האָבן זיך געפֿרייט און האָבן געטאַנצט אין אַלע גאַסן. זיי האָבן געשיקט מתּנות איינער צום צווייטן און האָבן געמאַכט אַ פֿריילעכן יום־טובֿ —

דעם פֿריילעכן יום־טובֿ פּורים.

זײַן אין כּעס; דער כּעס	האַלב, העלפֿט

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס האָט דער קיניג אַחשורוש געזאָגט אסתּרן אין מיטן פֿון דער סעודה?
2. וואָס האָט אסתּר געבעטן?
3. פֿאַרוואָס האָט דער קיניג געהייסן אויפֿהענגען המנען?
4. פֿאַרוואָס האָט מען געקענט גלײַך אים אויפֿהענגען?
5. ווער איז געוואָרן דער צווייטער צום קיניג?
6. ווי איז געוואָרן דער יום־טובֿ פּורים?
7. ווייסט איר פֿון נאָך אַנדערע המנס?

מיטן	middle
העלפֿט, די	half
כּעס, דער	(Ka'es) anger
אויפֿהענגען	to hang
גלײַך	immediately

הײַנט איז פּורים

הײַנט איז פּורים,
מאָרגן איז אויס;
קינדער, קינדער,
קומט אַרויס.

קומט אַרויס
און קומט אַרײַן,
ס'וועט אין שול
אַ שפּיל הײַנט זײַן.

אַ גוט יום־טובֿ, ייִדן

אַ גוט יום־טובֿ, ייִדן! —
אַ גוט־פּורים זאָג איך.
אַ גוט יום־טובֿ, מענטשן,
שלח־מנות טראָג איך.

פּורים איז מיר פֿריילעך,
פּורים איז מיר גוט,
לאָמיר אַלע טאַנצן
אַ שעה מיט אַ מינוט.

מאָנדעלעך און טאָרטן,
פֿלאָדן, המן־טאַשן, —
פֿאַר ייִנגעלעך צו עסן,
פֿאַר מיידעלעך צו נאַשן.

המן איז אַ רשע, —
ייִדן וויל ער טייטן.
וועלן מיר אים הענגען,
שמידן אים אין קייטן.

און מיט זײַן מפּלה
וועלן מיר זיך פֿרייען,
המן־טאַשן עסן
און דעם גראַגער דרייען.

שלח־מנות, דער	(shalekh mones)
המן־טאַשן, דער	(Homen ...)
טאָרט, דער	cake, tart
גראַגער, דער	noisemaker
פֿלאָדן, דער	fruit cake
מאָנדעלעך	cookies with poppy-seed
נאַשן	to eat sweets
קייטן	chains
שמידן אין קייטן	to put in chains
מפּלה	(mapole) defeat

משה

אויפֿן ניל

שווימט דאָס קעסטל אויפֿן טײַך,
אויפֿן גרויסן ניל.
שווימט דאָס קעסטל רויִק, גלײַך,
שווימט דאָס קעסטל שטיל.

און די כוואַליעס גייען שטיל,
גייען צאַרט און לינד;
ווי זיי וואָלטן היטן זיך
טאָן אַ לייד דעם קינד.

אָ, די כוואַליעס זײַנען דאָך
ניט ווי פּרעה שלעכט.
ניט דערטרינקען וועלן זיי
משיחן פֿון קנעכט.

טרינקען — דערטרינקען	רויִק, שטיל, צאַרט

ניל	Nile
קעסטל, דאָס	little box
כוואַליע, די	wave
משיח, דער	(Moshi'akh) Messiah
קנעכט, דער	slave(s)
רויִק	quiet, calm
גלײַך	evenly; smooth
צאַרט	tender
לינד	mild
היטן זיך	to look out, to be careful
דערטרינקען	to drown
טאָן אַ לייד	to cause harm

פֿאַרוואָס האָט משה געשטאַמלט?

א

פּרעהס טאָכטער האָט געראַטעוועט דאָס קינד אין דעם קעסטעלע. זי האָט דאָס קינד גענומען צו זיך. זי האָט אים אַ נאָמען געגעבן משה. משה איז געוואַקסן אין פּרעהס הויז. ער איז שוין געווען דרײַ יאָר אַלט.

איין מאָל זיצט משה אויפֿן שויס פֿון פּרעהס טאָכטער. פּרעה קומט צו און בייגט זיך אַראָפּ צום קינד וואָס זײַן טאָכטער האַלט אויפֿן שויס.

דער קליינער משה זעט די גאָלדענע קרוין מיט די שטיינער. ציט משה אויס דאָס הענטל. ער נעמט אַראָפּ די קרוין פֿון פּרעהס קאָפּ און טוט זי אָן אויף זײַן קעפּל.

פּרעה און אַלע מענטשן אַרום האָבן זיך זייער דערשראָקן. זיי האָבן געזאָגט: — „וואָס קען דאָס זײַן? אפֿשר וועט דאָס קינד שפּעטער צונעמען די קרוין פֿון פּרעהס קאָפּ און אַליין ווערן פּרעה?"

און איינער פֿון פּרעהס מענטשן האָט טאַקע געזאָגט:

— „זאָל דער גרויסער פּרעה הייסן טייטן דאָס קינד. אויב דאָס קינד וועט אויסוואַקסן, וועט עס צונעמען די קרוין פֿון פּרעהן".

גאָלד — גאָלדן	האַנט — הענטל	קאָפּ — קעפּל

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווער האָט געראַטעוועט דעם קליינעם משה?
2. וואו איז משה אויסגעוואַקסן?
3. וואָס איז געשען, ווען משה איז געווען דרײַ יאָר אַלט?
4. פֿאַרוואָס האָט זיך פּרעה דערשראָקן?
5. וואָס האָט געזאָגט איינער פֿון פּרעהס מענטשן?

שטאַמלען	to stutter, to stammer	שטיין, דער	stone
געוואַקסן	grew	שויס	lap
בייגן	to bend	גאָלדן	golden
הענטל, דאָס	little hand		

ב

האָט פּרעהס טאָכטער זיך זייער דערשראָקן, ווײַל זי האָט ליב געהאַט דאָס קינד. האָט זי געזאָגט:

— „ער איז דאָך אַ קינד. ער ווייסט ניט וואָס ער טוט".

— „ווי זאָלן מיר וויסן, ווער עס איז גערעכט?" — האָט פּרעה געפֿרעגט.

האָט איינער פֿון זײַנע מענטשן געגעבן אַזאַ עצה:

— „זאָל מען ברענגען צוויי שיסלען, איין שיסל מיט גאָלד און טײַערע שטיינער און אַ צווייטע שיסל מיט קוילן וואָס ברענען. אויב דאָס קינד וועט אויסציִען דאָס הענטל צו דעם גאָלד און די טײַערע שטיינער — הייסט עס אַז דאָס קינד פֿאַרשטייט וואָס עס טוט. אויב דאָס קינד וועט אויס־ציִען דאָס הענטל צו די קוילן וואָס ברענען — הייסט עס אַז דאָס קינד פֿאַרשטייט ניט און וויל נאָר עפּעס וואָס שײַנט".

פּרעה האָט געהייסן ברענגען די צוויי שיסלען: אַ שיסל מיט גאָלד און מיט טײַערע שטיינער און אַ שיסל מיט קוילן וואָס ברענען. מע האָט די צוויי שיסלען געשטעלט פֿאַר דעם קליינעם משה.

פּרעהס טאָכטער זעט מיט שרעק: דער קליינער משה ציט אויס דאָס הענטל צו דער שיסל מיט גאָלד! האָט זי גיך אַ שטופּ געטאָן זײַן הענטל צו דער שיסל מיט די קוילן.

משה כאַפּט אַ קויל וואָס ברענט און טראָגט עס צו צו די ליפּן. ער ברענט אָפּ די צונג!

האָט משה אַ גאַנץ לעבן געשטאַמלט.

ליפּן — מויל — צונג — צײַן	כאַפּן	שטופּן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט פּרעהס טאָכטער געזאָגט?
2. וואָס פֿאַר אַן עצה האָט געגעבן איינער פֿון פּרעהס מענטשן?
3. וואָס האָט מען געטאָן?
4. וואָס האָט געזען פּרעהס טאָכטער?
5. וואָס האָט זי געטאָן?
6. פֿאַרוואָס האָט משה געשטאַמלט?

צונג, די — tongue
ליפּן — lips
עצה, די — (eytse) advice
שטופּן — to push

דער פּאַסטעך משה

משה איז אַנטלאָפֿן פֿון מצרים און איז געווען אַ סך יאָרן אַ פּאַסטעך. ער איז געווען אַ גוטער פּאַסטעך און האָט ליב געהאַט זײַנע שאָף.

עס איז געווען זייער אַ הייסער טאָג. זעט דער פּאַסטעך משה, ווי אַ שעפּעלע לויפֿט גיך אַוועק פֿון די אַנדערע שאָף. משה איז נאָכגעלאָפֿן. זעט משה ווי דאָס שעפּעלע קומט צו צו אַ טײַכל און טרינקט וואַסער פֿון דעם טײַכל. האָט משה פֿאַרשטאַנען אַז דאָס שעפּעלע איז געווען זייער דאָרשטיק. און ער האָט געטראַכט:

— „איך האָב געדאַרפֿט וויסן אַז דאָס שעפּעלע איז דאָרשטיק, איך האָב געדאַרפֿט אַליין ברענגען וואַסער פֿאַרן שעפּעלע".

און משה האָט גענומען דאָס שעפּעלע אויף די הענט און עס געטראָגן צוריק צו אַלע אַנדערע שאָף.

און ווײַל משה איז געווען אַזאַ גוטער פּאַסטעך, איז ער שפּעטער געוואָרן דער פֿירער פֿון די ייִדן. און דער פֿירער משה האָט באַפֿרײַט די ייִדן פֿון זײַן שקלאַפֿן אין מצרים.

ער איז נאָכגעלאָפֿן	ער אַנטלויפֿט — ער איז אַנטלאָפֿן

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס האָט משה געטאָן ווען ער איז אַנטלאָפֿן פֿון מצרים?
2. פֿאַרוואָס איז איין שעפּעלע אַנטלאָפֿן פֿון די אַנדערע שאָף?
3. וואָס האָט משה געטראַכט, ווען ער האָט געזען ווי דאָס שעפּעלע טרינקט?
4. וואָס האָט משה געטאָן מיטן שעפּעלע?
5. וואָס איז דער פּאַסטעך משה שפּעטער געוואָרן?

פּאַסטעך, דער	shepherd	דאָרשטיק	thirsty
אַנטלאָפֿן	ran away	פֿירער, דער	leader



פֿרילינג

פֿרילינג קומט אויף אַלע וועגן,
לויפֿט דעם ליבן גאַסט אַנטקעגן!
לויפֿט צום וואַלד, לויפֿט צום פֿעלד —
אומעטום אַ פֿרײַע וועלט!
קלינגט און זינגט, שפּרינגט און ברומט!
פֿרילינג קומט, פֿרילינג קומט!



הוידע

הוידע, הוידע, הוידלקע,
פֿיסלעך אין דער הייך,
ווײַסע קליינע טײַבעלעך
פֿליִען אין דער הייך.

העכער, העכער, הוידלקע,
באַלד איז שוין דער הימל!
נאָך אַ ביסל, נאָך אַ ביסל,
ריר איך אָן דעם הימל.

הוידע, הוידלקע, די	the swing
אָנרירן	to touch
אין דער הייך	upward, up high

פּסח



אליהוס כּוס

אליהוס כּוס דער שײנער
שטײט שוין פֿול מיט װײַן;
באַלד װעט אליהו קומען,
באַלד װעט ער אַרײַן!...

ער איז שוין בײַ אונדז צום סדר
װיפֿל מאָל געװען...
אָבער איך װײס, אַז אליהון
קאָן ניט קײנער זען.

װײַל צום סדר קומט ער בענטשן
יעדן ייִדנס הויז;
און פֿאַר אים דעם כּוס דעם שענסטן
קלײַבט מען שטענדיק אויס.

עפּנט מען פֿאַר אים די טירן
און איך קוק זיך אײַן —
אפֿשר װעל איך פֿאָרט דערזען אים
װען ער װעט אַרײַן.

פּסח	סדר	כּוס — כּוסות	אליהו הנבֿיא

אליהו הנבֿיא (Eliyohu hanovi)
Elijah the prophet
נבֿיא (novi) prophet
כּוס, דער (kos) winecup

כּוסות (koyses) winecups
אויסקלײַבן to choose, to select
פֿאָרט still; just

אַ גאַסט אויף פּסח

אַמאָל האָט געלעבט אַ גוטער און ערלעכער ייִד. ער איז געווען זייער אָרעם. האָבן מענטשן געוואָלט אים העלפֿן. אָבער ער האָט געזאָגט:

— „איך וויל ניט אומזיסט קיין געלט. איך וויל אַר־בעטן".

אָבער קיין אַרבעט האָט דער גוטער ייִד ניט געפֿונען.

באַלד קומט דער יום־טובֿ פּסח. דער ערלעכער ייִד האָט ניט קיין מצות, האָט ניט קיין ווײַן, האָט ניט קיין נײַע קליידער פֿאַר זיך און פֿאַר די קינדער. עס איז אַפֿילו ניטאָ קיין געלט צו קויפֿן פֿיש און פֿלייש. די ווײַב און די קינדער זיצן און וויינען.

גייט דער אָרעמער ייִד אַרויס אין גאַס. אפֿשר וועט ער דאָך געפֿינען אַרבעט! גייט ער און זוכט אַרבעט, אָבער קיין אַרבעט איז ניטאָ!

וואָס וועט זײַן? עס איז דאָך שוין באַלד פּסח!

גייט דער אָרעמער ייִד מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. שטעלט אים אָפּ אַן אַלטער ייִד. ער איז אַ הויכער, מיט אַ לאַנגער ווײַסער באָרד. דער אַלטער ייִד זאָגט אים:

— „איך בין דאָ אַ פֿרעמדער. איך האָב ניט וווּ צו זײַן פּסח. אפֿשר קען איך זײַן אײַער גאַסט אויף פּסח?"

ענטפֿערט דער אָרעמער ייִד:

— „איך האָב אַליין קיין זאַך ניט אויף פּסח".

האָט דער אַלטער אַרויסגענומען געלט פֿון קעשענע און האָט געזאָגט:

— „אָט איז גענוג געלט צו קויפֿן אַלץ וואָס אַ ייִד דאַרף אויף פּסח: מצות, ווײַן, פֿיש, פֿלייש און אַנדערע זאַכן. מיר וועלן פּראַווען דעם יום־טובֿ צוזאַמען".

דער אָרעמער ייִד איז מיט פֿרייד געלאָפֿן אַהיים. ער האָט געגעבן דאָס געלט זײַן ווײַב. זי איז גלײַך געלאָפֿן קויפֿן אַלץ אויף פּסח.

דער אָרעמער ייִד און זײַן משפּחה האָבן געהאַט אַ שיינעם פּסח צוזאַמען מיט דעם גאַסט.

אפשר	משפחה	מצה — מצות	פּראַווען דעם יום־טובֿ

פּראַווען דעם סדר

פֿראַגעס:

1. וואָס דאַרף מען אויף פּסח?
2. פֿאַרוואָס האָט דער ערלעכער מענטש ניט געוואָלט נעמען קיין געלט בײַ מענטשן?
3. פֿאַרוואָס האָט ער גענומען געלט בײַ דעם פֿרעמדן?
4. וואָס האָט דער פֿרעמדער אַלטער ייִד געזאָגט?
5. וואָס איז דער סוף פֿון דער מעשׂה?

אומזיסט — for nothing
אָפּשטעלן — to stop
באָרד, די — beard
פּראַווען — to observe and celebrate

אַ גרויסער יום־טובֿ

ס'איז אַ גרויסער יום־טובֿ
און אַ גרויסע פֿרייד.
ס'איז די נאַכט פֿון סדר —
אַלץ איז צוגעגרייט:

מצה, ווײַן, חרוסת
און אויך פֿלייש און פֿיש.
ס'הייבט זיך אָן דער סדר,
לאָמיר גיין צום טיש.

חרוסת — (kharoyses) mixture of nuts, apples, cinnamon and wine



די קשיות און דער אַפּיקומן

א

לייבל, מײַן ברודער, איז נאָר מיט איין יאָר עלטער פֿון מיר, אָבער ער איז דער שטאַרקערער. וואָס זאָל איך טאָן? איך וויל ניט לויפֿן צו דער מאַמען און וויינען. איך בין דאָך שוין נײַן יאָר אַלט. מוז איך אים פֿאָלגן. און איך האָב פֿײַנט אים צו פֿאָלגן.

איך וויל ניט קוקן אויף די פּראָגראַמען פֿון טעלעוויזיע וואָס געפֿעלן לייבלען. מיר געפֿעלן אַנדערע פּראָגראַמען. אָבער ער איז דער גאַנצער באַלעבאָס איבער דער טעלע־וויזיע. שלאָגן מיר זיך. און איך האָב אײַך שוין געזאָגט אַז לייבל איז דער שטאַרקערער.

ביי אונדז קומען צום סדר אַ סך מענטשן. עס קומט די גאַנצע משפּחה. דער זיידע פֿירט דעם סדר. עס זיצן אַרום טיש פֿעטערס און מומעס. דער ייִנגסטער אין דער משפּחה בין איך. דאַרף איך פֿרעגן די פֿיר קשיות. אָבער דער טאַטע האָט געזאָגט נאָך אַ וואָך פֿאַר פּסח:

— „צוויי קשיות וועט פֿרעגן לייבל און צוויי קשיות וועט פֿרעגן דודל".

דודל דאָס בין איך.

— „וועלכע צוויי קשיות וועל איך דאַרפֿן פֿרעגן?" — פֿרעגט לייבל דעם טאַטן.

זאָגט דער טאַטע:

— „דאָס ווייס איך ניט. דער זיידע פֿירט דעם סדר. לערנט זיך ביידע אויס אַלע פֿיר קשיות".

עס איז געקומען די נאַכט פֿון סדר. אַלע זיצן אַרום טיש. מע הייבט אָן זאָגן די הגדה. און אָט דאַרפֿן מיר שוין פֿרעגן די קשיות. לייבל און איך שטעלן זיך אויף.

זאָגט דער זיידע:

— „דודל, דו פֿרעג די ערשטע צוויי קשיות, און דו, לייבל, וועסט פֿרעגן די לעצטע צוויי קשיות".

לייבל גיט מיר אַ שטופּ. איך פֿאַרשטיי! לייבל האָט געמיינט: ער איז דער עלטערער, וועט ער דער ערשטער פֿרעגן. נאָר איצט איז שוין שפּעט. איך פֿרעג די ערשטע

צוויי קשיות גוט, רויִק, הויך, קלאָר. בײַ לייבלען גייט עס ניט. ער דרייט מיט דער צונג. זאָגט דער זיידע:

— „דודל, פֿרעג דו אויך די דריטע און די פֿערטע קשיא".

איך לאָז זיך ניט בעטן. איך פֿרעג די דריטע קשיא און די פֿערטע קשיא אַזוי גוט ווי די ערשטע צוויי.

דער זיידע גיט מיר אַ קניפּ אין בעקל.

קשיא — קשיות	אַפּיקומן	פֿירן דעם סדר

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי הייסט דער יִינגל וואָס דערציילט די מעשׂה?
2. וואָס דערציילט ער וועגן זײַן עלטערן ברודער?
3. ווער קומט צום סדר?
4. ווער פֿירט דעם סדר?
5. וואָס זאָגט דער טאַטע וועגן די פֿיר קשיות?
6. וועמען האָט דער זיידע געהייסן פֿרעגן די ערשטע צוויי קשיות?
7. האָט לייבל געקענט די דריטע און די פֿערטע קשיא?
8. ווי האָט דודל געפֿרעגט אַלע פֿיר קשיות?

אַפּיקומן	(afikoymen) matzoh eaten at the end of the seder meal (usually hidden, for children to find and be rewarded)
פֿירן דעם סדר	to conduct the seder
דודל	(Dovidl) David
טעלעוויזיע, די	television
פּראָגראַם, די	program
מומע, די	aunt
יִינגסטער	youngest

ב

ס'איז געווען די אמתע סעודה: פֿיש און זופּ מיט קניידלעך און אינדיק. מיר האָבן שוין אָפּגעגעסן. איצט דאַרף מען געפֿינען דעם אַפּיקומן. בײַ אונדז זוכן אַלע דעם אַפּיקומן. אַפֿילו די פֿעטערס און די מומעס און זייערע גרעסערע קינדער.

דער זיידע זיצט און זינגט אַ לידעלע:

ווער עס וועט דעם אַפּיקומן געפֿינען,\
וועט אַ שיינע מתּנה געווינען.

דער זיידע באַהאַלט דעם אַפּיקומן אַזוי גוט אַז עס איז שווער אים צו געפֿינען. ער געפֿינט יעדער יאָר אַ נײַ אָרט וואו צו באַהאַלטן דעם אַפּיקומן. טראַכט איך און טראַכט: וואו זאָל איך זוכן דעם אַפּיקומן?

דערמאָן איך זיך אַז פאַרן סדר איז דער זיידע געזעסן אין דעם צימער מיט די ביכער און ער האָט געלייענט שלום־עליכמען. טראַכט איך: דאָס יאָר האָט דער זיידע באַהאַלטן דעם אַפּיקומן צווישן די ביכער פֿון שלום־עליכם.

מע זוכט דעם אַפּיקומן אומעטום, מע עפֿנט שופֿלאָדן. איך אָבער גיי גלײַך צו — צו די ביכער פֿון שלום־עליכם. איך נעם אַרויס איין בוך, אַ צווייט בוך — אַהאַ, דער אַפּיקומן איז דאָ!

דער זיידע וואונדערט זיך: אַזוי גוט האָט ער דאָס יאָר באַהאַלטן דעם אַפּיקומן, און דער יִנגסטער אין דער משפּחה האָט אים גלײַך געפֿונען.

— „וואָס ווילסטו פֿאַרן אַפּיקומן?״ — פֿרעגט דער זיידע מיט אַ שמייכל.

זאָל איך בעטן געלט? ניין, געלט בעט מען ניט פֿאַרן אַפּיקומן. זאָל איך בעטן אַ בוך, אַ פּאָר ביכער? קען איך קריגן ביכער פֿון זיידן, ווען איך וויל. איך דאַרף ניט וואַרטן אויף פּסח און געפֿינען דעם אַפּיקומן. וואָס וויל איך מער פֿון אַלץ?

— „אַ טעלעוויזיע, אַן אייגענע טעלעוויזיע!״ — שרײַ איך אויס און דערשרעק זיך אַליין.

— „האָסט צו פֿיל געבעטן״, — זאָגט דער טאַטע.

אָבער לייבל, מײַן עלטערער ברודער לייבל, זאָגט:

— „זיידע, קויף אים אַ טעלעוויזיע. זאָל ער האָבן אַן אייגענע טעלעוויזיע. וועט ער קענען זען די פּראָגראַמען וואָס ער וויל, און מיר וועלן זיך ניט קריגן״.

— „ביסט עס ווערט, דודל״, — זאָגט דער זיידע, — „דו האָסט עס פֿאַרדינט: דו האָסט שיין געפֿרעגט אַלע פֿיר קשיות און דו האָסט גיך געפֿונען דעם אַפּיקומן. איך האָב געמיינט אַז מע וועט אים זוכן אַ גאַנצע שעה״.

און אַזוי האָב איך באַקומען אַן אייגענע טעלעוויזיע.

קניידל — קניידלעך	אמת — אמתער	סעודה

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט מען געגעסן בײַם סדר?
2. ווער זוכט דעם אַפּיקומן?

3. ווי האָט דודל געפֿונען דעם אַפּיקומן?
4. וואָס האָט ער געבעטן פֿאַרן אַפּיקומן?
5. וואָס האָט לייבל געזאָגט?
6. וואָס האָט דער זיידע געזאָגט?
7. ווער פֿון אײַך האָט עפּעס באַקומען פֿאַרן געפֿינען דעם אַפּיקומן?

אָפּגעגעסן	finished eating	געווינען	to win
אמתער	(emeser) real	שופֿלאַד	drawer
קניידלעך	matzo-balls		

אליהו איז געקומען צום סדר

די גאַנצע משפּחה איז געזעסן אַרום טיש. מע האָט געפּראַוועט דעם ערשטן סדר. די ליכט האָבן געברענט אין די זילבערנע לײַכטערס. עס האָט געשײַנט דער ווײַן אין די כּוסות. אַלץ איז געווען וואָס מע דאַרף פֿאַר אַ פֿריילעכן סדר. עס איז אָבער קיין פֿרייד ניט געווען.

עס איז געווען אין דער צײַט פֿון דער גרויסער מלחמה, וואָס מען רופֿט די צווייטע וועלט־מלחמה. אליהו, דער עלטערער זון פֿון דער משפּחה, איז געווען ווײַט, ווײַט פֿון דער היים. ער איז געווען אויפֿן פֿראָנט. און שוין פֿינף וואָכן איז ניט געווען קיין בריוו פֿון אים!

דער פֿאָטער זאָגט שטיל די הגדה. קיינער זינגט ניט. די מוטער האָט טרערן אין די אויגן. מע עסט און מע פֿילט ניט קיין טעם פֿון עסן.

— „אַז אליהו איז ניטאָ — איז קיין סדר ניטאָ", — זאָגט חנהלע און זי האָט שוין אויך טרערן אין די אויגן.

— „איר וועט אַלע זען: מאָרגן וועט זײַן אַ בריוו פֿון ברודער!" — זאָגט שלמהלע.

אַלע שווײַגן. און דער פֿאָטער זאָגט:

— „דער סדר דאַרף זײַן אַ סדר. חנהלע, עפֿן די טיר פֿאַר אליהו הנביא".

חנהלע לויפֿט צו דער טיר און לויפֿט געשווינד צוריק. זי שרײַט:

— „איך האָב אים געזען! ער קומט! אליהו קומט!"
— „אליהו הנביא?" — פֿרעגט שלמהלע.
— „אונדזער אליהו, אונדזער אליהו!" — שרײַט זי.
אין דער טיר שטייט שוין אליהו מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס. ער קושט זיך שוין מיט דער מוטער, מיטן פֿאָטער, מיט חנהלען, מיט שלמהלען. אַ ביסל שפּעטער פֿרעגט דער פֿאָטער:
— „פֿאַרוואָס האָסטו ניט געשריבן?"
און אליהו דערציילט:
— „איך האָב געהאַט אַ וואונד, ניט קיין שווערע וואונד. איך בין געווען אין אַ שפּיטאָל. איך האָב אַ פּאָר וואָכן ניט געקענט שרײַבן. איך האָב אײַך געשריבן אַ בריוו מיט אַ וואָך צוריק. איר וועט דעם בריוו נאָך קריגן. איך האָב ניט געוואוסט, ווען איך וועל קענען קומען אַהיים. אין דער לעצטער מינוט בין איך אַרײַן אין אַן עראָפּלאַן — און אָט בין איך געקומען צום סדר!"
— „אליהו איז טאַקע געקומען צו אונדזער סדר!" — שרײַט שלמהלע אַ גליקלעכער און טאַנצט אַרום דעם ברודער.
— „איצט האָבן מיר אַן אמתן יום־טובֿ", — זאָגט חנהלע און קושט ווידער איר גרויסן ברודער.
די מוטער און דער פֿאָטער שײַנען פֿון גליק.

וואונד	אמת — אמתער	איך וועל קענען קומען

פֿ ר אָ ג ע ס:

1. האָט די משפּחה געהאַט אַלץ וואָס מע דאַרף אויף פּסח?
2. ווער איז ניט געווען אין דער היים?
3. וואו איז געווען דער עלטסטער ברודער?
4. ווי לאַנג איז שוין ניט געווען קיין בריוו פֿון אים?
5. ווי האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער סדר אין דער משפּחה?
6. וואָס איז געשען, ווען חנהלע האָט געעפֿנט די טיר פֿאַר אליהו הנביא?
7. פֿאַרוואָס האָט אליהו ניט געקענט שרײַבן?
8. וואו איז דער זאַץ וואָס פּאַסט זיך צום נאָמען פֿון דער מעשׂה?

לײַכטער, דער	candlestick	פּאַק, דער	pack
מלחמה, די	(milkho'me) war	וואונד, די	wound
פֿראָנט, דער	front	שפּיטאָל, דער	hospital



הײַנט טאָר מען ניט לאַכן

הײַנט טאָר מען ניט לאַכן,
הײַנט טאָר מען ניט שפּילן;
הײַנט דאַרף מען אומגיין
אין אומעט אין שטילן.

הײַנט צינדט מען ליכט
אין טרויער אין מידן;
הײַנט זאָגט מען קדיש —
נאָך זעקס מיליאָן ייִדן.

(kadish) the prayer for the dead	קדיש	million	מיליאָן
to go around	אומגיין	sadness	אומעט, דער

חײמל פּאַרטיזאַן

א

דעם טאַטן האָבן די נאַציס דערהרגעט. חײמל האָט עס געזען מיט די אײגענע אױגן. די מאַמע און די שװעסטער האָבן זײ צוגענומען, און חײמל האָט ניט געװאוסט װאָס מיט זײ איז געשען. פֿון דער גאַנצער משפּחה איז געבליבן נאָר חײמל.

די נאַציס האָבן געכאַפּט אַ סך ייִדישע קינדער. חײמל איז געװען צװישן זײ. מע האָט די קינדער געפֿירט אין אַ באַן. חײמל און נאָך עטלעכע ייִנגלעך זײַנען געשטאַנען בײַ אַ פֿענצטערל. זײ האָבן דורכגעבראָכן דאָס פֿענצטערל און געשפּרונגען פֿון באַן. די נאַציס האָבן געשאָסן אױף זײ. די נאַציס האָבן אַלעמען געטײט. אײן חײמל איז געבליבן לעבן.

בײַטאָג איז חײמל געלעגן אין אַ גראָבן, בײַנאַכט איז ער געגאַנגען און געגאַנגען. ער איז געקומען אין אַ װאַלד. דאָרטן זײַנען געװען ייִדישע פּאַרטיזאַנען. זײ האָבן געפֿונען חײמלען. ער איז שױן געװען האַלב טױט: פֿאַרפֿרױרן און זײער, זײער הונגעריק.

די פּאַרטיזאַנען האָבן חײמלען גענומען אין אַ קלײן שטיבל װאָס זײ האָבן געהאַט אין מיטן װאַלד. זײ האָבן אים דערװאַרעמט און געגעבן צו עסן.

— „מע דאַרף דעם ייִנגל אַװעקפֿירן אין אַ זיכערן אָרט", — האָט געזאָגט אַ פּאַרטיזאַן.

— „ניטאָ קײן זיכערע ערטער", — האָט געזאָגט אַ צװײטער.

— „לאָזט מיך בײַ אײַך", — האָט חײמל געבעטן, — „איך װיל זײַן מיט אײַך. איך װעל זײַן אַ פּאַרטיזאַן".

און חײמל איז געװאָרן אַ פּאַרטיזאַן. פֿריִער האָט ער געהאָלפֿן זײַנע עלטערע חבֿרים אין װאַלד. דערנאָך האָט מען אים שױן געשיקט, ער זאָל אַרױפֿקריכן אױף אַ הױכן בױם און קוקן, צי עס קומען אָן נאַציס פֿון דער װײַט. דערנאָך האָט ער זיך אױסגעלערנט טאָן גאָר געפֿערלעכע זאַכן,

אַפּילו טראָגן דינאַמיט.

חיימל איז געוואָרן אַן אמתער פּאַרטיזאַן.

פּ ר אַ ג ע ס :

1. ווי אַזוי איז חיימל געבליבן איינער אַליין ?
2. וואו, מיינט איר, האָבן די נאַציס געפֿירט די ייִדישע קינדער ?
3. וואָס האָבן געטאָן חיימל און נאָך עטלעכע ייִנגלעך ?
4. וואָס האָבן די נאַציס געטאָן ?
5. ווי אַזוי איז חיימל געקומען אין אַ וואַלד ?
6. ווער האָט אים דאָרטן געפֿונען ?
7. ווי אַזוי איז חיימל געבליבן בײַ די פּאַרטיזאַנען ?
8. ווער זײַנען געווען די פּאַרטיזאַנען ?
9. וואָס האָט חיימל געטאָן בײַ די פּאַרטיזאַנען ?

חיימל	(Kha-yiml)	זיכער	safe
פּאַרטיזאַן, דער	partisan	אַרויפֿקריכן	to climb up
דערהרגענען	(... hargenen) to kill	צי	whether
באַן, די	train	געפֿערלעך	dangerous
דורכגעבראָכן	broke through	דינאַמיט	dynamite
גראָבן, דער	ditch		

ב

די פּאַרטיזאַנען האָבן געהאַט אַ גרויסן און זייער געפֿערלעכן פּלאַן: אויפֿרײַסן אַ באַן פֿון די נאַציס.

ניט ווײַט פֿון וואַלד איז אַ טײַך. איבערן טײַך איז אַ בריק. מע וועט אויפֿרײַסן די בריק, ווען די באַן גייט בײַנאַכט איבער דער בריק. אין אַ באַן פֿירן די נאַציס דינאַמיט און אַ סך געווער.

אַזאַ פּלאַן איז זייער שווער דורכצופֿירן. צוויי נאַציס היטן טאָג און נאַכט די בריק. איינער איז פֿון איין זײַט, אַ צווייטער פֿון דער צווייטער זײַט. מע דאַרף אָנפֿאַלן אויף ביידן אין דער זעלביקער מינוט. מע טאָר ניט שיסן, כּדי די אַנדערע נאַציס וואָס זײַנען ווײַטער פֿון דער בריק זאָלן ניט דערהערן.

אַלע פּאַרטיזאַנען האָבן געדאַרפֿט טאָן וואָס דער אָנפֿירער הייסט. יעדערער האָט געהאַט זײַן אַרבעט. חיימל האָט די שווערסטע אַרבעט. ער קען גוט שווימען. ער קען שטיל שווימען אונטערן וואַסער. חיימל דאַרף שווימען ביז דער בריק. ער דאַרף קומען צו איין זײַט בריק, דאָרטן וואו אויבן שטייט אַ היטער.

חימל טוט עס זייער שטיל. ער קלאַפּט מיט אַ שטיין אין אײַזן פֿון בריק. דער היטער הערט עס. ער פֿאַרשטייט ניט וואָס דאָ איז. חימל קלאַפּט אַ צווייט מאָל מיטן שטיין אין אײַזן. דער היטער גייט זען וואָס דאָס איז פֿאַר אַ קלאַפּן. חימל קלאַפּט אַ דריט מאָל. דאָס איז דער סיגנאַל פֿאַר די פּאַרטיזאַנען וואָס ליגן באַהאַלטן אין אַ גראָבן אָנצופֿאַלן אויף ביידע היטערס.

אַלץ ווערט דורכגעפֿירט ווי עס איז דער פּלאַן. אַלץ איז גרייט. אָט קומט די באַן. אָט ווערט אויפֿגעריסן די בריק. אויס באַן מיט געווער פֿון די נאַציס!

עטלעכע פּאַרטיזאַנען האָבן באַצאָלט מיטן לעבן. שפּעטער האָט דער אָנפֿירער געזאָגט צו חימלען:

— „דו ביסט אַ העלד, חימל! דו הייסט חיים, און חיים איז לעבן!"

און חימל איז טאַקע געבליבן לעבן. ווען די נאַציס האָבן געהאַט זייער מפּלה, איז חימל געוואָרן אויס פּאַרטיזאַן. ער האָט געלעבט אין פּוילן. ער האָט דאָרטן זיך געלערנט. דערנאָך איז ער געקומען קיין קאַנאַדע. ער האָט ווײַטער זיך געלערנט. איצט איז ער שוין אַ גרויסער און איז אַ לערער פֿון אַ ייִדישער שול אין קאַנאַדע.

די וואָס ווייסן די מעשה רופֿן אים נאָך הײַנט: חימל פּאַרטיזאַן.

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס פֿאַר אַ געפֿערלעכן פּלאַן האָבן די פּאַרטיזאַנען געהאַט?
2. צו וואָס האָבן זיי געדאַרפֿט אויפֿרײַסן די בריק?
3. ווי האָבן די נאַציס געהיט די בריק?
4. וואָס האָט חימל געדאַרפֿט טאָן?
5. איז חימלס אַרבעט געווען געפֿערלעך?
6. וואָס איז געווען דער סיגנאַל אָנצופֿאַלן אויף די היטערס?
7. זײַנען אַלע פּאַרטיזאַנען געבליבן לעבן?
8. וואָס האָט חימל געטאָן נאָך דער מפּלה פֿון די נאַציס?

iron	אײַזן	to blow up	אויפֿרײַסן
signal	סיגנאַל	bridge	בריק, די
Poland	פּוילן	to attack	אָנפֿאַלן
Canada	קאַנאַדע	attacked	אָנגעפֿאַלן

די מענטשן פֿון סדום

די מענטשן פֿון סדום זײַנען געווען זייער שלעכטע. קיין רחמנות איז אין סדום ניט געווען. קיין יושר איז אין סדום ניט געווען. די גאַר שלעכטע זײַנען געווען די ריכטערס.

ווען איין מענטש האָט געשלאָגן אַ צווייטן, האָבן די ריכטערס געזאָגט:

— „דער וואָס ווערט געשלאָגן דאַרף באַצאָלן געלט דעם וואָס שלאָגט".

איין מאָל איז אַ קלוגער מענטש געקומען קיין סדום. זעט ער, ווי איין מענטש שלאָגט אַ צווייטן. האָט דער פֿרעמדער געפֿרעגט: — „פֿאַרוואָס שלאָגסטו אים?"

האָט דער מענטש פֿון סדום געענטפֿערט:

— „איך האָב אים געהייסן, ער זאָל מיר אַוועקגעבן זײַנע קליידער. וויל ער עס ניט טאָן — שלאָג איך אים דער־פֿאַר".

האָט דער פֿרעמדער געזאָגט: — „שלאָג ניט. ער האָט דאָך דיר קיין שלעכטס ניט געטאָן".

איז דער מענטש פֿון סדום געוואָרן אין כּעס. ער האָט גענומען אַ שטיין און געוואָרפֿן דעם פֿרעמדן אין שטערן.

האָט דער פֿרעמדער אָנגעכאַפּט דעם מענטש פֿון סדום פֿאַר דער האַנט און געזאָגט:

— „קום צום ריכטער!"

זײַנען זיי אַוועק צום ריכטער, און דער שלעכטער ריכ־טער האָט געזאָגט:

— „איך אונדזער שטאָט דאַרף דער וואָס ווערט גע־שלאָגן באַצאָלן דעם וואָס שלאָגט אים. ער האָט דיר גע־וואָרפֿן אַ שטיין אין שטערן — באַצאָל אים געלט!"

האָט דער קלוגער מענטש גענומען אַ שטיין און גע־וואָרפֿן דעם ריכטער אין שטערן. און דער פֿרעמדער האָט געזאָגט:

— „באַצאָל מיר, און איך וועל דאָס געלט אָפּגעבן דעם וואָס האָט אין מיר געוואָרפֿן דעם שטיין".

שלאָגן — געשלאָגן	וואַרפֿן — געוואָרפֿן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי הייסט די שטאָט פֿון די שלעכטע מענטשן?
2. וואָס האָבן די ריכטערס געזאָגט, ווען איין מענטש האָט געשלאָגן אַ צווייטן?
3. וואָס האָט דער פֿרעמדער געזען אין סדום?
4. פֿאַרוואָס האָט דער מענטש פֿון סדום געשלאָגן אַ צווייטן מענטשן פֿון דער שטאָט?
5. וואָס האָט דער מענטש פֿון סדום געטאָן, ווען ער איז געוואָרן אין כּעס?
6. וואָס האָט דער ריכטער געזאָגט?
7. וואָס האָט דער פֿרעמדער געטאָן?
8. איז דער פֿרעמדער געווען אַ קלוגער מענטש?
9. ווייסט איר נאָך מעשׂיות וועגן די שלעכטע מענטשן פֿון סדום?
10. ווייסט איר וואָס איז געשען מיט סדום?

סדום	(Sdom) Sodom	אָנכאַפּן	to grab; to catch
יושר	(yoy-sher) justice	געוואָרפֿן	threw

דער גוטער שכן

אַמאָל איז געווען אַ שלעכטער קיניג. האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל:

— „אַלע ייִדן מוזן אַרויס פֿון מײַן לאַנד, זיי מוזן אַרויס פֿון לאַנד אין דרײַ טעג. זיי טאָרן קיין זאַך ניט נעמען מיט זיך".

אַ רײַכער ייִד האָט געהאַט אַ סך געלט און טײַערע שטיינער. איז ער אַוועק מיט דעם צו זײַן שכן, ניט קיין ייִד, און אים געבעטן:

— „באַהאַלט עס בײַ דיר, ביז איך וועל קענען קומען צוריק".

דער שכן האָט צוגעזאָגט צו היטן דעם ייִדנס געלט. דער ייִד איז אַוועק אין אַן אַנדער לאַנד.

מיט יאָרן שפּעטער איז דער שלעכטער קיניג געשטאָרבן. דער נײַער קיניג האָט געלאָזט די ייִדן קומען צוריק אין זייער לאַנד. עס איז אויך געקומען צוריק דער ייִד וואָס האָט געלאָזט זײַן געלט און זײַנע טײַערע שטיינער בײַם שכן, דעם ניט־ייִד.

מע האָט אים דערציילט:

— „דײַן שכן איז אָרעם געוואָרן. ער וואוינט שוין ניט אין זײַן שײנעם הויז. ער וואוינט אין אַ קלײן הײַזל הינטער דער שטאָט".

דער ייִד איז אַוועק צו זײַן פֿרײַנד. ער האָט געוואָלט וויסן וואָס ער מאַכט. ער האָט געפֿונען זײַן פֿרײַנד אין דעם קלײנעם, אָרעמען הײַזל. דאָרטן איז געווען קאַלט. האָט דער ייִד ניט געוואָלט רעדן וועגן דעם געלט וואָס ער האָט געלאָזט בײַ אים.

אָבער דער שכן פֿון אַמאָל האָט געעפֿנט אַ קאַסטן און האָט געזאָגט:

— „אָט איז דײַן געלט און אָט זײַנען דײַנע טײַערע שטײנער. איך האָב די גאַנצע צײַט געהיט וואָס דו האָסט מיר געגעבן".

— „וואָס?" — האָט דער ייִד זיך געוואונדערט — „דו לעבסט אַזוי אָרעם און דו האָסט אַפֿילו אַ טייל פֿון דעם געלט ניט גענומען?"

— „ניין, איך האָב ניט גערירט דאָס געלט", — האָט דער פֿרײַנד געענטפֿערט, — „איך האָב דיר געזאָגט אַז איך וועל עס היטן, האָב איך עס געהיט".

— „דו ביסט אַן ערלעכער מענטש, דו ביסט אַ גוטער פֿרײַנד", — האָט געזאָגט דער ייִד — „איצט וועסטו ניט דאַרפֿן לעבן אַזוי אָרעם".

און דער ייִד האָט געגעבן זײַן פֿרײַנד אַ העלפֿט פֿון דעם וואָס איז געווען זײַנס. און זײ בײדע האָבן געלעבט ווי אמתע פֿרײַנד, ווי ברידער.

שכן	איך וויל וויסן וואָס דו מאַכסט	אַפֿילו

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס האָבן ייִדן געמוזט אַרויס פֿון זײערע הײמען?
2. וועמען האָט דער רײַכער ייִד געגעבן צו היטן זײַן געלט?
3. ווען האָבן ייִדן געקענט קומען צוריק אין דעם לאַנד?
4. וואָס האָט מען דערצײלט וועגן דעם שכן פֿון דעם רײַכן ייִד?
5. וואָס איז ווײַטער געשען?
6. וואָס האָט דער ייִד געזאָגט צו זײַן שכן פֿון אַמאָל?
7. האָט דער ייִד באַקומען צוריק זײַן געלט?
8. ווי האָט דער ייִד באַלוינט זײַן גוטן שכן?

אַרויסגעבן to issue
געלאָזט left

דער קליינער העלד

דאָס איז געווען אין דעם יאָר 1948. ייִדן האָבן געזאָגט דער גאַנצער וועלט: איצט איז ארץ־ישׂראל אַ פֿרײַ לאַנד פֿאַר ייִדן. די אַראַבער פֿון די לענדער אַרום האָבן עס ניט געוואָלט הערן. האָבן זיי אָנגעהויבן אַ מלחמה קעגן די ייִדן. ייִדן האָבן די מלחמה געוואונען. עס איז אָבער ניט געווען גוט אין דער צײַט פֿון דער מלחמה.

די שטאָט ירושלים איז געווען פֿון אַלע זײַטן אַרומגערינגלט פֿון אַראַבער. זיי האָבן ניט געלאָזט, מע זאָל ברענגען אין דער שטאָט וואָס צו עסן. זיי האָבן געמאַכט אַזוי אַז עס זאָל אין ירושלים אויך ניט זײַן קיין וואַסער צו טרינקען.

האָט מען געמוזט טרינקען וואַסער פֿון ברונעם אין מיטן שטאָט. בײַטאָג האָט מען ניט געקענט צוגיין צום ברונעם. עס זײַנען געפֿלויגן קוילן.

אין איין הויז אין ירושלים זײַנען געבליבן נאָר אַ זיידע און אַ באָבע מיט אַ ייִנגל פֿון נײַן יאָר. ער האָט געהייסן שלמה. דער פֿאָטער איז געווען אין דער ייִדישער אַרמיי. די מוטער האָט געהאָלפֿן היילן קראַנקע. דער זיידע און די באָבע זײַנען שוין געווען אַלט.

אין שטוב איז נאָך געווען וואָס צו עסן, אָבער עס איז ניט געווען קיין וואַסער צו טרינקען. דער זיידע און די באָבע האָבן זייער געוואָלט טרינקען. און קיין ביסל וואַסער איז ניט געווען.

עס איז געקומען די נאַכט. אויף אַלע גאַסן איז געווען פֿינצטער. דער זיידע און די באָבע זײַנען געשלאָפֿן: דער קליינער שלמה איז שטיל אַרויס פֿון הויז. ער איז שטיל געגאַנגען איבער דער גאַס. ער איז געקומען צום ברונעם מיט וואַסער. ער האָט אָנגעשעפּט אַ קרוג מיט וואַסער און געבראַכט אַהיים דאָס וואַסער פֿאַרן זיידן און דער באָבען.

דער זיידע און די באָבע האָבן געטרונקען דאָס וואַסער וואָס שלמה האָט געבראַכט, און זיי האָבן געזאָגט:

— „ביסט אַ העלד, שלמה, אַ העלד!"

ישׂראל — ארץ־ישׂראל	ירושלים	מלחמה	אָנשעפּן

פּראַגעס:

1. וואָס האָבן געטאָן די אַראַבער, ווען ארץ־ישׂראל איז גע־וואָרן אַ פֿרײַ ייִדיש לאַנד?
2. ווער האָט געוואונען די מלחמה?
3. פֿאַרוואָס איז אין ירושלים געווען ווייניק וואַסער?
4. וואו זײַנען געווען שלמהס פֿאָטער און מוטער?
5. וואָס האָט שלמה געטאָן בײַנאַכט?
6. פֿאַרוואָס איז שלמה אַ העלד?

אַראַבער	Arab(s)	אַרמיי, די	army
אַרומרינגלען	to surround	קרוג, דער	jug
ברונעם, דער	well	אָנשעפּן וואַסער	to draw water
קוילן	bullets		



פּרץ און ייִדישע קינדער

עס איז געווען אַ גרויסע מלחמה אויף דער וועלט. אין דער שטאָט וואַרשע זײַנען אָנגעקומען אַ סך ייִדישע קינ־דער וואָס האָבן ניט געהאַט קיין פֿאָטער און קיין מוטער. מען האָט די קינדער געדאַרפֿט העלפֿן.

אין דער שטאָט וואַרשע האָט געלעבט דער גרויסער ייִדישער שרײַבער פּרץ. ער האָט געהאָלפֿן די קינדער וואָס האָבן ניט געהאַט קיין טאַטע־מאַמע. ער האָט געהאָלפֿן מאַכן פֿאַר זיי היימען, וואו די קינדער זײַנען געווען צוזאַמען. מען האָט די קינדער געגעבן צו עסן און אַן אָרט וואו צו זײַן.

אָבער די קינדער זײַנען געווען טרויעריק. זיי האָבן געבענקט נאָך פֿאָטער און מוטער. פּרץ האָט געוואָלט אַז די קינדער זאָלן ווערן אַ ביסעלע פֿריילעך. האָט ער פֿאַר די קינדער אין די נײַע היימען געשריבן פֿריילעכע לידעלעך. יעדן טאָג פֿלעגט פּרץ קומען צו די קינדער מיט אַ נײַ לידעלע.

פּרץ האָט פֿאַר די קינדער אָן טאַטע־מאַמע געשריבן אַ סך שיינע לידעלעך. אָט איז איינס פֿון די לידעלעך וואָס פּרץ האָט געמאַכט פֿאַר די קינדער:

טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ
אין דעם בלומען־קראַנץ.
זעסט — דער הימל לאַכט מיט טרערן,
ווערסט אין גיכן אַ כלה ווערן.
טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ
אין דעם בלומען־קראַנץ.

די קינדער האָבן געטאַנצט און האָבן פֿאַרגעסן אַז עס איז אַ מלחמה אויף דער וועלט.

פּרץ	כּלה	ער העלפֿט — ער האָט געהאָלפֿן

פֿראַגעס:

1. ווי אַזוי האָבן די קינדער פֿאַרלאָרן (lost) זייערע טאַטע־מאַמע?
2. ווער האָט געזאָרגט פֿאַר די קינדער?
3. וואָס האָט דער גרויסער שרײַבער פּרץ געטאָן פֿאַר די קינדער?
4. ווער געדענקט די פּאָעמע „שטייט אין פֿעלד אַ ביימעלע, האָט עס גרינע צווײַגעלעך"?
5. ווער געדענקט די פּאָעמע: „צוגעדעקט די פּיסעלעך, איך ברענג דיר מאָרגן ניסעלעך..."?

פּרץ	Peretz (Perets)	פֿאָטער, דער	father
אָנקומען	to arrive	קראַנץ, דער	wreath
טרויעריק	sad	אין גיכן	soon

שלום־עליכם און אַ שוואַרצער ייִנגל

שלום־עליכם האָט אַ קורצע צײַט געוווינט אין ניו־יאָרק.

איין מאָל האָט ער שפּאַצירט מיט זײַנעם אַ יונגן פֿרײַנד, אַ ייִדישן שרײַבער. זיי גייען פֿאַרבײַ אַ פּלאַץ וואו עס שפּילן זיך קינדער. דאָס איז געווען אין אַ ניט־ייִדישער געגנט פֿון שטאָט. שלום־עליכם האָט ליב געהאַט צו קוקן ווי קינדער שפּילן זיך. שטעלט ער זיך אָפּ און קוקט. זעט ער:

אין אַ זײַט שטייט אַ שוואַרצער ייִנגל פֿון אַ יאָר זעקס אָדער זיבן. ער קוקט מיט זײַנע גרויסע שוואַרצע אויגן אויף די קינדער וואָס שפּילן זיך. ער וויל אויך זיך שפּילן מיט זיי. אָבער ער האָט מורא — אפֿשר וועלן די ווײַסע קינדער אים אַוועקטרײַבן.

שלום־עליכם שטייט אַזוי און קוקט. קומט צו לויפֿן אַ ייִנגל מיט רויטע האָר און מיט אַ רונד פּנים. ער האַלט אַ שטיקל קוכן אין מויל און גאָר אַ גרויס שטיק קוכן אין דער האַנט. ער קומט צו צו די קינדער.

די קינדער רינגלען אַרום דעם ייִנגל מיטן קוכן. דער ייִנגל גיט יעדערן אַ שטיקל. יעדער קינד קריגט אַ ביס פֿון קוכן — ווער אַ גרעסערן, ווער אַ קלענערן.

דער שוואַרצער ייִנגל קוקט פֿון דער זײַט. זײַנע אויגן גלאַנצן נאָך מער. ער וויל צוגיין צו די קינדער, אָבער ער גייט ניט צו. קיינער קוקט ניט אין זײַן זײַט. די אויגן בײַם שוואַרצן ייִנגל ווערן טרויעריקער.

שלום־עליכם בעט זײַן יונגן פֿרײַנד:

— „לויפֿט צו אין בעקערײַ און ברענגט אַ שטיק קוכן. קויפֿט דעם בעסטן קוכן וואָס איר קענט געפֿינען".

דער יונגער שרײַבער האָט עס געטאָן. שלום־עליכם איז צוגעגאַנגען צום שוואַרצן ייִנגל און אים געגעבן אַ גרויס שטיק קוכן. דער שוואַרצער ייִנגל האָט צוגענומען דאָס שטיק קוכן און געזאָגט:

— „אַ דאַנק, אַ דאַנק, מיסטער!"

אויף די קינדער וואָס שפּילן זיך האָט דער שוואַרצער ייִנגל מער ניט געקוקט. ער איז מיטן קוכן אין האַנט געלאָפֿן אַהיים.

— „אַזוי יונג און שוין — פֿאַרשוואַרצט" — זאָגט שלום־עליכם, אַזוי ווי ער שרײַבט אין זײַנע מעשׂיות, האַלב אין ערנסט און האַלב אין שפּאַס.

אפשר	מורא	פּנים	קוכן	בעקערײַ	שפּאַס — ערנסט

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווער איז געווען שלום־עליכם?
2. וואָס האָט ער געזען, ווען ער איז געגאַנגען שפּאַצירן?
3. פֿאַרוואָס איז דער שוואַרצער ייִנגל געשטאַנען אין אַ זײַט?
4. וואָס האָט אַ ייִנגל מיט רויטע האָר געגעבן די קינדער?
5. האָט דער שוואַרצער ייִנגל אויך געקריגן אַ שטיק קוכן?
6. וואָס האָט שלום־עליכם געבעטן זײַן יונגן פֿרײַנד?
7. וואָס האָט שלום־עליכם געזאָגט וועגן שוואַרצן ייִנגל?

פלאַץ — lot, place
געגנט — neighborhood
קוכן, דער — cake
בעקערײַ, די — bakery
אַוועקטרײַבן — to chase away
גלאַנצן — to shine, to gleam
פֿאַרשוואַרצט — blackened, black; in trouble
ערנסט — earnest



מוטערסטאָג

אויפֿגעשטאַנען זײַנען מיר
פֿריִער פֿאַרן מאָרגן.
הײַנט איז מאַמעס יום־טובֿ־טאָג,
דאַרף זי גאָרניט זאָרגן.

אויסגערייניקט, אויפֿגערוימט
האָבן מיר די דירה.
מעג די מאַמע גיין אַ טאַנץ
מיט די קינדער אירע.

אויסרייניקן to clean up
אויפֿרוימען to put in order
דירה (dire) apartment

דודלס קאָמפּאָזיציע

אַלע קינדער האָבן זיך געגרייט צו מוטערסטאָג. דודל האָט געקליבן געלט צו קויפֿן דער מאַמען שיינע בלומען. ער האָט שוין דאָס געלט. וואָס נאָך זאָל ער געבן דער מאַמען?

דער לערער האָט געזאָגט די קינדער:

— „שרײַבט אַ קאָמפּאָזיציע אויף ייִדיש וועגן דער מאַמען. גיט די ייִדישע קאָמפּאָזיציע צוזאַמען מיט אײַער מתּנה. אײַערע מוטערס וועלן זיך פֿרייען".

האָט דודל געוואָלט שרײַבן זייער אַ שיינע קאָמפּאָזיציע. ער וויל די קאָמפּאָזיציע זאָל זײַן אַ לאַנגע און אַ גוטע. האָט ער געטראַכט און געטראַכט, ביז ער האָט צו זיך אַליין געזאָגט: איך וועל שרײַבן נאָר דעם אמת! און ער האָט געשריבן:

<u>מײַן מאַמע</u>

מײַן מאַמע הייסט מיר טאָן זאַכן וואָס איך וויל ניט טאָן.

אין דער פֿרי הייסט מיר די מאַמע אויפֿשטיין — ווען איך וויל נאָך שלאָפֿן.

זי הייסט איך זאָל זיך גוט וואַשן — ווען איך אײַל זיך.

די מאַמע שיקט מיך אין קראָם עפּעס קויפֿן — ווען איך וויל קוקן טעלעוויזיע.

זי רופֿט מיך עסן — ווען איך שפּיל זיך

מיט חברים.

די מאַמע הייסט מאַכן די היימאַרבעט —
ווען איך בין פֿויל.

זי הייסט גיין שלאָפֿן — ווען איך וויל
נאָך זיין אויף.

עס איז אַלץ פֿאַרקערט ווי איך וויל. איז
מיין מאַמע אַ שלעכטע? ניין, ניין! מיין מאַמע
איז אַ גוטע, זייער אַ גוטע. זי איז די
בעסטע מאַמע, ווייל זי איז מיין מאַמע און ווייל
זי טוט אַלץ פֿאַר מיר און זי האָט מיך זייער
ליב. איך האָב מיין מאַמע זייער, זייער ליב.

דער לערער האָט געזאָגט אַז דאָס איז די בעסטע קאָמ־פּאָזיציע אין קלאַס. דער טאַטע האָט געזאָגט:

— „די קאָמפּאָזיציע געפֿעלט מיר זייער. דו ווייסט, דודל, פֿאַרוואָס זי געפֿעלט מיר?"

— „פֿאַרוואָס, טאַטע?"

— „ווייל אַלץ וואָס דו שרייבסט איז אמת".

די מאַמע האָט געקושט דודלען, ווען ער האָט איר געגעבן די בלומען.

— „זוך צווישן די בלומען, דו וועסט נאָך עפּעס גע־פֿינען", — האָט דודל געזאָגט.

די מאַמע האָט געפֿונען די קאָמפּאָזיציע. זי האָט גע־לייענט און געלאַכט.

די מאַמע האָט געשײַנט פֿון נחת. דודל איז געווען זייער גליקלעך.

נחת	שײַנען פֿון נחת	נחת פֿון קינדער

פֿראַגעס:

1. וואָס גיט איר דער מאַמען צו מוטערסטאָג?
2. איז אַ קאָמפּאָזיציע אויף ייִדיש אַ גוטע מתּנה פֿאַר דער מאַמען?
3. וואָס האָט דודל געשריבן אין דער קאָמפּאָזיציע?
4. וואָס האָט דער לערער געזאָגט וועגן דער קאָמפּאָזיציע?
5. וואָס האָט דער טאַטע געזאָגט?
6. האָט די מאַמע געהאַט נחת פֿון דודלען?
7. גייט איר אין קראָם, ווען די מאַמע שיקט?
8. שטייט איר אויף, ווען די מאַמע הייסט אויפֿשטיין?
9. זאָגט איר „שפּעטער" (later) ווען די מאַמע בעט עפּעס?

to get ready	גרייטן זיך
composition	קאָמפּאָזיציע, די
opposite	פֿאַרקערט



אַ וויגליד

אַליע־ליוליע, אַליע־ליוליע —
שלאָף, מײַן טײַערער, און רו;
וואויל איז דעם וואָס האָט אַ מאַמע
און אַ וויגעלע דערצו.

אַלצדינג קען מען נאָך געפֿינען,
אַלצדינג קריגט מען נאָך פֿאַר געלט;
נאָר אַ מאַמע, זי איז איינע —
מערניט איינע אויף דער וועלט.

שלאָף, מײַן טײַערער, מײַן ליבער,
מאַך די אויגן צו און רו;
גוט איז דעם וואָס האָט אַ מאַמע,
אַליע־ליוליע ליוליע־ליו.

everything	אַלצדינג
the only one	מערניט איינע

אַרבעט

דערצייל וואָס עס טוען די מענטשן.

יושר פֿאַר אַרבעטער



עס איז אַמאָל געווען אַ גרויסער רבֿ. אַלע האָבן גע־וואוסט אַז ער איז אַ קלוגער און ערלעכער מאַן. אַלע זײַנען געגאַנגען צום רבֿ, ווען עס איז געווען אַ קריגערײַ.

איין מאָל האָט אַ ייִד געקויפֿט אַ פֿאַס ווײַן. האָט ער גענומען צוויי אַרבעטער און זיי געזאָגט:

— „טראָגט די פֿאַס ווײַן צו מיר אין הויז".

דער ייִד האָט געוואוינט זייער ווײַט. די אַרבעטער האָבן געטראָגן די פֿאַס ווײַן. זיי זײַנען געוואָרן זייער פֿאַרמאַטערט. די שווערע פֿאַס איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון זייערע הענט. די פֿאַס האָט זיך צעבראָכן. אויס פֿאַס — אויס ווײַן!

דער ייִד איז געוואָרן אין כּעס. האָט ער צוגענומען די רעקלעך פֿון די אַרבעטער. זײַנען זיי אַוועק צום רבֿ.

דער רבֿ האָט געהייסן אָפּגעבן די רעקלעך. דער ייִד האָט זיך פֿאַרשעמט וואָס ער איז געווען אין כּעס און האָט צוגענומען די רעקלעך פֿון די אַרבעטער. ער האָט געזאָגט:

— „איר זײַט גערעכט, רבי", — און ער האָט אָפּגעגעבן די רעקלעך.

די אַרבעטער זײַנען אָבער ניט אַוועק. זיי האָבן גערעדט אַזוי:

— „עס איז שוין אין מיטן טאָג. מיר וועלן שוין קיין אַנדער אַרבעט ניט קריגן. ווילן מיר, מע זאָל אונדז באַצאָלן פֿאַר דער אַרבעט".

— „איך זײַט גערעכט״, — האָט דער רבֿ געזאָגט צו די אַרבעטער. — „באַצאָל זיי!״ — האָט ער געזאָגט צו דעם מאַן וואָס האָט זיי געהייסן טראָגן די פֿאַס.

— „וואו איז יושר?״ — האָט דער ייִד געפֿרעגט. און ער האָט גערעדט אַזוי:

— „איבער די אַרבעטער האָב איך פֿאַרלאָרן די פֿאַס און דעם ווײַן. פֿון זיי קען איך קיין זאַך ניט קריגן. דאַרף איך זיי נאָך באַצאָלן? דאָס איז דאָך ניט קיין יושר!״

— „יאָ, עס איז יושר״, — האָט דער רבֿ רואיק געענטפֿערט — „די אַרבעטער זײַנען ניט שולדיק. זיי זײַנען געווען פֿאַרמאַטערט און די שווערע פֿאַס איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון זייערע הענט. דו האָסט טאַקע פֿאַרלאָרן געלט, אָבער די אַרבעטער, זייערע ווײַבער און קינדער וועלן הײַנט זײַן הונגעריק, אויב דו וועסט זיי ניט באַצאָלן פֿאַרן טאָג אַרבעט. זײַ אַזוי גוט און באַצאָל זיי״.

דער ייִד האָט אַ ביסל געטראַכט און ער האָט געזאָגט:

— „אַ דאַנק אײַך, רבי. איך האָב אַמאָל בײַ אײַך געלערנט. איך האָב זיך אויסגעלערנט בײַ אײַך אַ סך. הײַנט האָב איך ווידער געלערנט פֿון אײַך זייער אַ וויכטיקע זאַך — יושר פֿאַר אַרבעטער״.

צעבערעכן זיך — צעבראָכן זיך	שולדיק	יושר

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט דער ייִד געזאָגט צו צוויי אַרבעטער?
2. וואָס איז געשען מיט דער פֿאַס און מיטן ווײַן?
3. וואָס האָט דער ייִד געטאָן, ווען ער איז געוואָרן אין כּעס?
4. צו וועמען זײַנען זיי אַלע אַוועק?
5. וואָס האָט געזאָגט דער רבֿ?
6. וואָס האָבן די אַרבעטער נאָך געבעטן?
7. וואָס האָט דער רבֿ געהייסן טאָן?
8. פֿאַרוואָס איז דאָ יושר אין די רייד פֿון דעם רבֿ?
9. וואָס האָט דער תּלמיד פֿון אַמאָל געלערנט איצט בײַם רבֿ?

אַרבעטער, דער	worker	פֿאַרשעמען זיך	to become embarrassed, ashamed
פֿאַס, די	barrel	רבי	(rebe) Rabbi, teacher
צעבראָכן זיך	broke	שולדיק	guilty
רעקלעך	jackets		

דער אַלטער שנײַדער דאָדל

דער אַלטער שנײַדער דאָדל
פֿאַרלירט די שאַרפֿע נאָדל.
מיט וואָס זשע וועט ער נייען
אַ קליידעלע פֿאַר לאהן?

ער טוט אָן די שפּאָקולן
און שרײַט: — „הערט אויף צו דולן.
איך זוך שוין פֿון באַגינען
און קען זי נישט געפֿינען.“

— „דו אַלטער שנײַדער דאָדל,
דו האָלטסט אין לאַץ די נאָדל,
אַצינד קענסטו שוין נייען
אַ קליידעלע פֿאַר לאהן!“

דער אַלטער שנײַדער דאָדל
צעזינגט זיך — טי־ראַ־ראָדל.
אַ שנײַדערל אַ זינגער
צעשטעכט זיך באַלד דעם פֿינגער.

איז אויס שוין מיטן נייען
אַ קליידעלע פֿאַר לאהן.
דער אַלטער שנײַדער דאָדל
צעברעכט פֿאַר כּעס די נאָדל.

דער שנײַדער מאַכט געשרייען
אויף מאַמען און אויף לאהן.
מיט לאַפּקעס שלעפּט דאָס קעצל
דעם פֿאָדעם פֿונעם קלעצל.

דער פֿאָדעם	צעשטעכט זיך	צעברעכן	כּעס

spectacles	שפּאָקולן	to burst into song	צעזינגען זיך
lapel	לאַץ	to stick oneself	צעשטעכן זיך
dawn	באַגינען, דער	the yell, the scream	געשריי
to bother	דולן	paws	לאַפּקעס
to break	צעברעכן	spool	קלעצל

שבֿועות

פּסח אַוועק,
שבֿועות געקומען.
וואַרעמע טעג,
גרעזעלעך, בלומען.

ס׳רוישן אין וואַלד
ביימעלעך גרינע,
זאָגן אַ סוד
פון דעם באַרג סיני.

כ׳זע אין דער הייך
פֿייגעלעך שיינע,
לויבן זיי אויך
משה רבינו.

נאָר אויף צוויי טעג
שבֿועות געקומען;
גייט ער אַוועק —
בלײַבן אונדז בלומען.

דער סוד	באַרג סיני	משה רבינו

שבֿועות (shvues)
סיני (Sinay) Sinai
סוד, דער (sod) secret

עס איז הײַנט שבֿועות

עס איז הײַנט שבֿועות,
אַ יום־טובֿ אַ ליבער.
גרין זײַנען די פֿעלדער,
גרין זײַנען די שטיבער.

די צווײַגן און בלומען
און גראָזן באַצירן
די ווענט און דעם באַלקן,
די פֿענצטער און טירן.

עס האָט אונדז הײַנט משה
די תּורה געגעבן —
אַז אָרנטלעך, שענער
זאָל זײַן אונדזער לעבן.

עס איז הײַנט אַ יום־טובֿ
פֿאַר גרויסע און קלײנע,
אַ יום־טובֿ אַ ליבער,
אַ יום־טובֿ אַ שײנער.

שטיבער	rooms, houses
באַצירן	to decorate
באַלקן, דער	ceiling
אָרנטלעך	honest, sincere



דאָס צענטע געבאָט

אַלע קינדער האָבן געהאַט אויף פּסח נײַע קליידער. נאָר שלמהלע האָט נישט געהאַט קיין נײַע קליידער אויף פּסח. זײַן פֿאָטער האָט ניט געאַרבעט און ער האָט ניט געהאַט קיין געלט צו קויפֿן שלמהלען נײַע קליידער אויף פּסח.

אָבער נאָך פּסח האָט דער פֿאָטער שוין געאַרבעט. אַז עס איז געקומען דער יום־טובֿ שבֿועות האָט שלמהלע גע־האַט נײַע קליידער. שלמהלע איז געווען זייער צופֿרידן.

שלמהלע איז געקומען אין שול. ער האָט געוויזן זײַנע חבֿרים ווי שיין ער איז אָנגעטאָן. די קליידער וואָס מען האָט געקויפֿט זײַנע חבֿרים אויף פּסח זײַנען שוין ניט געווען נײַ. שלמהלע איז איצט געווען אויסגעפּוצט.

איין ייִנגל האָט עס פֿאַרדראָסן. איז ער צוגעגאַנגען צו שלמהלען און האָט געזאָגט:

— „דײַנע נײַע קליידער זײַנען מיאוס.“

די קינדער זײַנען אַרײַן אין קלאַס. אויפֿן טאָוול זײַנען געווען אָנגעשריבן די צען געבאָט. נאָר אונטן איז געווען דאָס לעצטע, דאָס צענטע געבאָט: „ווײַל ניט דאָס וואָס איז ניט דײַנס.“

דער ייִנגל האָט דערזען דאָס לעצטע געבאָט און ער

האָט זיך פֿאַרשעמט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן.

שלמהלע איז געווען אַ גוטער חבֿר און ער האָט אַלץ פֿאַרשטאַנען. ער איז צוגעגאַנגען צום יִנגל און געזאָגט:

— „מיר זײַנען דאָך חבֿרים ווי פֿריִער. ניט אמת?"

דער יִנגל האָט אים געגעבן די האַנט און זיי זײַנען געבליבן גוטע חבֿרים.

די צען־געבאָט	דאָס געבאָט
עס פֿאַרדריסט — עס האָט פֿאַרדראָסן	

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס האָט שלמהלע נישט געהאַט קיין נײַע קליידער אויף פסח?
2. וואָס האָט געזאָגט דער יִנגל וואָס אים האָט פֿאַרדראָסן וואָס שלמהלע האָט איצט נײַע קליידער?
3. וואָס איז געווען אָנגעשריבן אויפֿן טאָוול?
4. וואָס האָט דער יִנגל איצט פֿאַרשטאַנען?
5. וואָס איז דאָס פֿינפֿטע געבאָט?
6. וואָס נאָך געדענקט איר פֿון די צען־געבאָט?

געבאָט, דאָס	commandment	האָט פֿאַרדראָסן	envied, was jealous
די צען־געבאָט	the ten commandments	מיאוס	(mi-es) ugly

די גאַנצע תּורה אויף איין פֿוס

עס האָבן געלעבט צוויי גרויסע ייִדישע געלערנטע. איינער האָט געהייסן שמאַי און דער צווייטער האָט געהייסן הילל.

איין מאָל איז אַ ניט־ייִד געקומען צו שמאַין און האָט געזאָגט:

— „איך וויל ווערן אַ ייִד. אָבער איך וויל אַז דו זאָלסט מיך לערנען די גאַנצע ייִדישע תּורה, אַט ווי איך שטיי דאָ אויף איין פֿוס".

שמאַי איז געוואָרן אין כּעס און האָט געענטפֿערט:

— „די ייִדישע תּורה קען מען ניט אויסלערנען אין אַ

קורצער ווײַלע, אין עטלעכע מינוט. די תורה איז גרויס און מע קען זי ניט קענען אין אַ פּאָר מינוט. גיי פֿון דאַנען. דו לאַכסט פֿון מיר!"

איז דער ניט־ייִד אַוועק צו היללן און האָט אים געזאָגט דאָס זעלביקע:

— „איך וויל ווערן אַ ייִד. אָבער איך וויל אַז דו זאָלסט מיך לערנען די גאַנצע ייִדישע תורה, אָט ווי איך שטיי דאָ אויף איין פֿוס".

האָט הילל אַ שמייכל געטאָן און האָט געענטפֿערט:

— „דאָס איז זייער גרינג. טו ניט אַ צווייטן וואָס דו ווילסט ניט אַז מע זאָל עס דיר טאָן. דאָס איז די גאַנצע ייִדישע תורה. דאָס איבעריקע איז נאָר אַ דערקלערונג.

און אויב דו ווילסט מער — גיי און לערן!"

דעם ניט־ייִד איז זייער געפֿעלן געוואָרן דער קורצער ענטפֿער. ער איז געוואָרן אַ ייִד און ער האָט געלערנט די גאַנצע ייִדישע תורה.

תורה	איז געפֿעלן געוואָרן	אַ קורצע ווײַלע

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס האָט דער ניט־ייִד געזאָגט שמאַין?
2. וואָס האָט שמאַי געענטפֿערט?
3. וואָס האָט דער ניט־ייִד געזאָגט היללן?
4. וואָס האָט הילל געענטפֿערט?
5. וואָס האָט דער ניט־ייִד געטאָן?
6. מיינסטו אַז היללס ענטפֿער איז געווען אַ ריכטיקער?

שמאַי (Shamay)
גרינג easy
אַ קורצע ווײַלע a little (short) while
דערקלערונג, די explanation
דאָס איבעריקע everything else

די גוטע רבֿקה

אַבֿרהם האָט געהאַט אַ גוטן און קלוגן דינער. האָט אַבֿרהם אים געשיקט זוכן אַ ווײַב פֿאַר זײַן זון, פֿאַר יצחקן.

אַבֿרהמס דינער איז געקומען אין דער שטאָט וואו אַבֿרהם האָט אַמאָל געלעבט. ער האָט זיך געשטעלט בײַם ברונעם פֿון דער שטאָט. מיידלעך פֿון דער שטאָט גייען אַהין שעפּן וואַסער.

זעט אַבֿרהמס דינער: אַ קינד פֿאַלט און צעקלאַפּט זיך אַ פֿוס. דאָס קינד וויינט, פֿון פֿיסל רינט בלוט. אָבער קיין איין מיידל קוקט זיך ניט אום אויפֿן קינד.

און אָט קומט איין מיידל, וואָס זי איז די שענסטע צווישן

אַלע מיידלעך. זי זעט דאָס קינד וואָס וויינט. זי לויפֿט באַלד צו צום קינד. זי פֿרעגט:

— „פֿאַרוואָס וויינסטו?"

דאָס קינד ווײַזט דאָס פֿיסל מיט דער וואונד. די שיינע מיידל שעפּט אָן וואַסער, זי וואַשט אַרום דאָס בלוט פֿון דעם קינדס פֿיסל. זי נעמט דאָס טיכל פֿון קאָפּ און פֿאַרבינדט די וואונד. דאָס קינד האָט אויפֿגעהערט וויינען און האָט געשמייכלט צו דער גוטער מיידל.

דערווײַל קומט אָן אַן אַלטע בלינדע פֿרוי. זי טאַפּט מיטן שטעקן דעם וועג און קען אים ניט געפֿינען. לויפֿט די שיינע מיידל צו דער אַלטער בלינדער פֿרוי און פֿרעגט:

— „וואוהין גייסטו, באָבינקע? איך וועל דיך פֿירן".

און די מיידל פֿירט די בלינדע פֿרוי אַהיים.

דערנאָך איז די מיידל געקומען צוריק צום ברונעם. זי

איז געווען מיד און האָט זיך געזעצט אָפּרוען.

ווען זי זיצט אַזוי, זעט זי אַבֿרהמס דינער וואָס איז געווען פֿאַרמאַטערט פֿון וועג. גייט זי צו צו אים און זאָגט:

— „איך ווייס אַז דו ביסט דאָ אַ פֿרעמדער. עס זעט אויס אַז דו ביסט געקומען פֿון אַ ווײַטן וועג. דו ביסט זיכער זייער דאָרשטיק".

און די מיידל וואַרט ניט אויף אַן ענטפֿער. זי לויפֿט צום ברונעם און שעפּט אָן וואַסער פֿאַר אַבֿרהמס דינער. זי שעפּט אָן וואַסער אויך פֿאַר די מענטשן וואָס זײַנען מיט אים. זי שעפּט אָן וואַסער אויך פֿאַר זייערע קעמלען.

אַבֿרהמס דינער טראַכט: אַזאַ גוטע, אַזאַ שיינע, אַזאַ טײַערע מיידל דאַרף ווערן די ווײַב פֿון אַבֿרהמס זון, פֿון יצחקן.

און רבֿקה איז טאַקע געוואָרן יצחקס ווײַב.

אַבֿרהם	יצחק	רבֿקה	אַבֿרהמס	דעם דינערס

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. צו וואָס איז אַבֿרהמס דינער געפֿאָרן אין דער שטאָט, וואו אַבֿרהם האָט אַמאָל געלעבט?
2. וואָס איז געשען מיט אַ קינד?
3. וואָס האָט רבֿקה געטאָן?
4. ווי האָט רבֿקה געהאָלפֿן אַ בלינדער פֿרוי?
5. וואָס האָט רבֿקה געטאָן פֿאַר אַבֿרהמס דינער, פֿאַר זײַנע מענטשן און זײַנע קעמלען?
6. פֿאַרוואָס האָט אַבֿרהמס דינער אויסגעקליבן רבֿקהן?

יצחק	(Yitskhok) Isaac	עס רינט בלוט	bleeds
רבֿקה	(Rivke) Rebecca	פֿאַרבינדן	to bandage
שעפּן וואַסער	to draw water	טיכל, דאָס	kerchief
צעקלאַפּן זיך	to hurt	בלינד	blind
אומקוקן זיך	to pay attention	שטעקן, דער	stick
בלוט, דאָס	blood	קעמל, דער	camel

אַ גוטער שכן איז אַ גרויס גליק

בײַ אַ טײַך האָבן אַמאָל געלעבט צוויי משפּחות, גאָלדבערג און שולמאַן.

איין מאָל איז געשען אַז אַ ייִנגל פֿון דער משפּחה גאָלדבערג האָט זיך געבאָדן אין טײַך. דער ייִנגל האָט גענומען

זיך טרינקען. ער האָט געשריִען: — „ראַטעוועט! ראַטע־וועט!״

זײַנע עלטערן זײַנען ניט געווען אין דער היים. אָבער דער שכן שולמאַן האָט דערהערט די געשרייען פֿון דעם ייִנגל. ער איז גיך אַרײַן אין טײַך און האָט געראַטעוועט דעם ייִנגל.

אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז געוואָרן אַ פֿײַער. עס האָט געברענט דאָס הויז פֿון די שולמאַנס. דער שכן גאָלדבערג איז אַרויס העלפֿן. הערט ער אַ וויינען פֿון אַ קינד דורך דעם רויך און דעם פֿײַער. ער טראַכט ניט קיין סך. ער לויפֿט אַרײַן אין דעם הויז וואו דאָס קינד וויינט, ער לויפֿט אַרײַן אין דעם הויז פֿון די שולמאַנס דורך רויך און פֿײַער. ער טראָגט אַרויס אויף די הענט דאָס קליינע מיידעלע פֿון דעם שכן שולמאַן.

דער שכן שולמאַן, וואָס איז ניט געווען אין דער היים ווען עס האָט געברענט, האָט זיך דערוואוסט ווער עס האָט געראַטעוועט זײַן קליין מיידעלע. איז ער געקומען דאַנקען דעם גוטן שכן גאָלדבערג.

גאָלדבערג האָט אָבער געזאָגט:

— „פֿאַרוואָס דאַנקסטו? דו האָסט געראַטעוועט מײַן ייִנגל פֿון וואַסער, איך האָב געראַטעוועט דײַן קליין מיידעלע פֿון פֿײַער״.

ווען מענטשן האָבן געהערט וועגן דער מעשה, האָבן זיי געזאָגט:

— „אַ גוטער שכן איז אַ גרויס גליק!״

משפּחה	שכן	העלפֿן — געהאָלפֿן	וואַסער — פֿײַער

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי האָבן געהייסן די ביידע שכנים?
2. וואָס איז געשען מיט אַ ייִנגל פֿון דער משפּחה גאָלדבערג?
3. וואָס האָט געטאָן זײַן שכן שולמאַן?
4. וואו איז געוואָרן אַ פֿײַער?
5. וואָס האָט געטאָן דער שכן גאָלדבערג?
6. וואָס האָט איין שכן געזאָגט דעם צווייטן?
7. וואָס האָבן מענטשן געזאָגט?

גליק, דאָס happiness, good luck
עלטערן parents
רויך, דער smoke

חדשים (khadoshim) months
אַרויסטראָגן to carry out
טרינקען זיך to drown

אין גאַס



דערצייל וואָס דו זעסט אויף די בילדער.

דאָס גאָלדענע קריגעלע

א

עס איז אַ לאַנגע צײַט ניט געגאַנגען קיין רעגן. אַלע טײַכן זײַנען געווען טרוקן. עס איז אין ערגעץ ניט געווען קיין וואַסער. רחלעס מאַמע איז געווען קראַנק. זי האָט געבעטן: — „גיט מיר וואַסער, כאָטש אַ טראָפּן וואַסער". — אָבער אַפֿילו קיין טראָפּן וואַסער איז אויך ניט געווען.

האָט רחלע גענומען אַ ליימען קריגעלע און איז אַרויס קריגן וואַסער פֿאַר דער קראַנקער מוטער. זוכט זי און זוכט וואַסער און קען ניט געפֿינען.

רחלע איז שוין לאַנג אַרויס פֿון דער שטאָט וואו זיי האָבן געלעבט. זי איז פֿאַרמאַטערט און זי קען מער ניט גיין. זעצט זי זיך אַוועק אָפּרוען און זי שלאָפֿט אײַן.

אָבער רחלע כאַפּט זיך גיך אויף. זי דאַרף דאָך געפֿינען וואַסער פֿאַר דער מאַמען!

זעט זי לעבן זיך איר ליימען קריגעלע — פֿול מיט קאַלט וואַסער. וויל רחלע אַליין טרינקען אַ ביסל וואַסער. אָבער זי דערמאָנט זיך אַז די קראַנקע מאַמע וואַרט אויף דעם ביסל וואַסער. זאָגט זי צו זיך: — „ניין, איך וועל דאָס וואַסער ניט טרינקען. איך מוז דאָס וואַסער ברענגען דער מאַמען".

רחל, רחלע	נאַס — טרוקן	דערמאָנען זיך

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. פֿאַרוואָס איז ניט געווען קיין וואַסער?
2. וואָס האָט רחלעס מוטער זייער געוואָלט?
3. וואָס האָט רחלע געטאָן?
4. וואָס האָט רחלע געזען, ווען זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט?
5. האָט רחלע געטרונקען אַ ביסעלע וואַסער?

רחל	(Ro'khel)
רחלע	(Ro'khele)
אין ערגעץ ניט	nowhere
טראָפּן, דער	drop
ליימען	earthen
טרוקן	dry

ב

טראָגט רחלע דאָס וואַסער אין דעם לײמענעם קריגעלע. זעט זי: אַ הינטעלע ליגט. דאָס הינטעלע איז אַזױ דאַר־שטיק — אַז אָט באַלד שטאַרבט עס. האָט רחלע גענומען אַ ביסעלע װאַסער אױף דער האַנט און געגעבן דעם הינטע־לע צו לעקן. דאָס הינטעלע האָט זיך אױפגעשטעלט. רחלע איז געגאַנגען װײַטער אַהײם.

גײט רחלע און זעט: זי האַלט אין האַנט ניט קײן לײמען קריגעלע, נאָר אַ זילבערן קריגעלע. רחלע װאונדרעט זיך זײער. אָבער זי האָט ניט קײן צײַט צו טראַכטן. זי מוז װאָס גיכער קומען צו דער מוטער.

רחלע איז שױן בײַ דער טיר פֿון זײער שטוב. קומט צו איר אַן אַלטער מאַן און בעט זיך בײַ איר: — „האָב רחמנות, גיב מיר אַ ביסעלע װאַסער. איך בין אַזױ דאָרשטיק אַז אָט באַלד שטאַרב איך!"

רחלע פֿאַרגעסט אַז זי איז אַלײן אױך זײער, זײער דאַר־שטיק. זי גיט דעם מאַן טרינקען אַ העלפֿט פֿון דעם װאַסער אין קריגעלע. און רחלע עפֿנט די טיר און קומט צו דער מאַמען מיטן קריגעלע װאַסער. זעט רחלע: דאָס קריגעלע איז אַ גאָלדן קריגעלע!

רחלע האָט אָבער ניט קײן צײַט צו טראַכטן װאָס דאָ איז געשען. זי גיט דער מאַמען דאָס קריגעלע װאַסער און זאָגט:

— „נאַ, מאַמע, טרינק!"

אָבער די מאַמע זאָגט:

— „נײן, מײַן טאָכטער, פֿריִער טרינק דו. ביסט אַזױ װײַט געװען זוכן װאַסער פֿאַר מיר. דו ביסט זיכער זײער דאָרשטיק".

האָט רחלע געענטפֿערט: — „נײן, מאַמע, איך בין געזונט, אָבער דו ביסט קראַנק. איך װיל ניט טרינקען, טרינק דו".

האָט רחלעס מאַמע געטרונקען װאַסער פֿון דעם קרי־געלע און מער ניט געװען דאָרשטיק.

רחלע האָט שױן געװאָלט אַװעקשטעלן דאָס גאָלדענע

קריגעלע, ווײַל דאָס גאַנצע וואַסער האָט זי שוין אָפּגעגעבן דעם הינטעלע, דעם אַלטן מאַן און איצט דער מאַמען. אָבער זי זעט אַז דאָס גאָלדענע קריגעלע איז נאָך אַלץ פֿול מיט וואַסער.

האָט רחלע אַליין געטרונקען, זי האָט געגעבן אַנדערע מענטשן צו טרינקען — און דאָס גאָלדענע קריגעלע איז אַלץ פֿול געווען מיט וואַסער.

דאָרשטיק, הונגעריק	לײמען, זילבערן, גאָלדן

פֿראַגעס:

1. וואָס האָט רחלע געזען אויפֿן וועג אַהיים?
2. ווי האָט זי געגעבן טרינקען דעם הינטעלע?
3. וועמען האָט רחלע געזען לעבן דער שטוב?
4. האָט זי געהאָלפֿן דעם אַלטן מאַן?
5. וואָס האָט די מוטער געזאָגט רחלען?
6. ווען איז פֿון דעם לײמענעם קריגעלע געוואָרן אַ זילבערן קריגעלע?
7. ווען איז פֿון דעם זילבערנעם קריגעלע געוואָרן אַ גאָלדן קריגעלע?
8. וואָס פֿאַר אַ נס איז שפּעטער געשען?

הינטעלע, דאָס — little dog
זילבערן — (of) silver
וואונדערן זיך — to wonder

קאַרוסעלן

רונדאַ, רונדאַ, רונד אַרום
אויף די קאַרוסעלן.
יאַנקל־באַנקל בול־בול־בול
הערט ניט אויף צו קוועלן.

ראָד אַריַין און ראָד אַרויס,
און דער קאָפּ פֿאַרדרייט זיך.
יאַנקל־באַנקל יאָגט זיַין פֿערד,
יאָגט זיַין פֿערד און פֿרייט זיך.

אַ פּוס אַהער, אַ פּוס אַהין,
און דאָס פֿערד אין מיטן.
יאַנקל־באַנקל פֿיַיער־פֿלאַם,
אַז ריַיטן — איז געריטן.

קלינגען גלעקלעך, פּויקט די פּויק,
די מוזיק, זי זשומעט.
טאַנצט די וועלט אַ קאַראַהאָד,
דרייט זיך אַלץ אַרומעט.

רונדאַ, רונדאַ, רונד אַרום
אויף די קאַרוסעלן.
יאַנקל־באַנקל בול־בול־בול
הערט ניט אויף צו קוועלן.

קאַרוסעל	merry-go-round
קאַראַהאָד	dancing circle
פּויק	drum
מוזיק	music
זשומען	to hum
דער קאָפּ פֿאַרדרייט	is getting dizzy
פֿיַיער־פֿלאַם	very excited; heated

ייִדיש
ענגליש
ווערטערבוכל

א

a little	אַ ביסל, אַ ביסעלע
but	אָבער
(Avrohem) Abraham	אַבֿרהם
hallo, good-bye	אַ גוטן טאָג
good night	אַ גוטע נאַכט
thanks	אַ דאַנק
home	אַהיים
here	אַהין
here	אַהער
evening	אָוונט, דער
a lot	אַ וועלט
away	אַוועק
to go away	אַוועקגיין
to give away	אַוועקגעבן
to sit down	אַוועקזעצן זיך
to chase away	אַוועקטרײַבן
to put away; to lay down	אַוועקלייגן
to lie down	אַוועקלייגן זיך
to lead away; to carry away	אַוועקפֿירן
to fly away	אַוועקפֿליִען
to put away	אַוועקשטעלן
if	אויב
if (it is) so	אויב אַזוי
above	אויבן
eye	אויג, דאָס
also	אויך
no more; finished	אויס
to roast, to broil	אויסבראָטן
dressed up, decorated	אויסגעפּוצט
ironed, pressed	אויסגעפּרעסט
to kill off	אויסהרגענען
to grow up	אויסוואַקסן
to sing	אויסזינגען
to look (like)	אויסזען
to take off, to undress	אויסטאָן
to teach, to learn	אויסלערנען
to learn	אויסלערנען זיך
to stretch	אויסציִען
to choose, to select	אויסקלײַבן
to call out	אויסרופֿן
to clean up	אויסרייניקן
to tear out	אויסרײַסן
to sleep well	אויסשלאָפֿן זיך
to spread (out)	אויסשפּרייטן
to cry out	אויסשרײַען
ear	אויער, דער
on	אויף
truly	אויף אַן אמת
to rise	אויפֿגיין
ate (everything)	אויפֿגעגעסן

got up, woke up	אויפֿגעשטאַנען
anew, again	אויפֿדאָסנײַ
to raise, to lift	אויפֿהייבן
to get up	אויפֿהייבן זיך
to hang	אויפֿהענגען
to cease; to stop	אויפֿהערן
to wake up	אויפֿוועקן
in Yiddish	אויף ייִדיש
to wake up	אויפֿכאַפּן זיך
the next day	אויף מאָרגן
on the	אויפֿן
to put in order	אויפֿרוימען
to blow up	אויפֿרײַסן
for the Sabbath	אויף שבת
to get up, to wake up	אויפֿשטיין
to erect	אויפֿשטעלן
to stand up	אויפֿשטעלן זיך
to go around	אומגיין
for nothing	אומזיסט
sadness	אומעט, דער
everywhere	אומעטום
sad, unhappy	אומעטיק
to look around; to pay attention	אומקוקן זיך
and	און
us	אונדז
our	אונדזער
below	אונטן
to set (sun)	אונטערגיין
under the	אונטערן
(oytser) treasure	אוצר, דער
(oys-yes) letters	אותיות
when	אַז
such a	אַזאַ
this way; that's why	אַזוי
so much, as much as	אַזוי פֿיל
o'clock	אַזייגער
this is the way; that's how	אָט אַזוי
this, that	אָט דאָס
over	איבער
to count; to recount	איבערציילן
to turn over, to overturn	איבערקערן (זיך)
is	איז
is over	איז אויס
there is	איז דאָ
egg	איי, דאָס
forever	אייביק
own	אייגן
little eyes	אייגעלעך
donkey	אייזל, דער
iron	אײַזן
you	אײַך
to hurry	אײַלן זיך
stubborn	אײַנגעשפּאַרט

to doze off; to fall asleep	אײַנדרימלען
to restrain (oneself)	אײַנהאַלטן זיך
grandchild	אייניקל, דאָס
one	איינס
to set up, to initiate	אײַנפֿירן
only	איינציק
to fall asleep	אײַנשלאָפֿן
eggs	אייער
your	אײַער
I	איך
him	אים
in	אין
in the evening	אין אָוונט
together	אינאיינעם
soon	אין גיכן
turkey	אינדיק, דער
in the width of	אין דער ברייט
upward, up high	אין דער הייך
at home	אין דער היים
in the morning	אין דער פֿרי
angry	אין כּעס
now	איצט
her; you	איר
eight	אַכט
eighth	אַכטע(ר)
old	אַלט
alone; myself, yourself	אַליין
all	אַלע
always	אַלע מאָל
all	אַלעמען
of all kinds	אַלערליי
(alefbeyz) alphabet	אַלף־בית
everything	אַלץ
everything	אַלצדינג
once (upon a time), sometimes	אַמאָל
American	אַמעריקאַנער
(emes) truth, true	אמת
true, real	אמתער
without	אָן
another	אַן אַנדער
(... shi-er) without an end	אָן אַ שיעור
blown up; inflated; touchy	אָנגעבלאָזן
began, started	אָנגעהויבן
dressed	אָנגעטאָן
accepted	אָנגענומען
attacked	אָנגעפֿאַלן
written, wrote	אָנגעשריבן
to prepare	אָנגרייטן
others	אַנדערע
differently	אַנדערש
beginning	אָנהייב, דער
to begin	אָנהייבן

announce	אָנזאָגן
to dress, to put on	אָנטאָן
to touch, to feel	אָנטאַפּן
ran away	אַנטלאָפֿן
to run away	אַנטלויפֿן
against, opposite; toward	אַנטקעגן
to catch, to grab	אָנכאַפּן
to attack	אָנפֿאַלן
leader	אָנפֿירער, דער
to light	אָנצינדן
to arrive, to enter	אָנקומען
to knock	אָנקלאַפּן
to touch	אָנרירן
to draw (water)	אָנשעפּן
to write	אָנשרײַבן
(sakh) much, many	אַ סך
(Ester) Esther	אסתּר
to return, to give away	אָפּגעבן
finished eating	אָפּגעגעסן
to take care of	אָפּהיטן
to carry back	אָפּטראָגן
to let go	אָפּלאָזן
to fool	אָפּנאַרן
to buy	אָפּקויפֿן
to rest	אָפּרוען
to push (move) away	אָפּרוקן
to tear off	אָפּרײַסן
to stop	אָפּשטעלן
to send back (away)	אָפּשיקן
often	אָפֿט
even	אַפֿילו
open	אָפֿן
(efsher) maybe, perhaps	אפֿשר
now	אַצינד
the plow	אַקער, דער
to plow	אַקערן
Arab(s)	אַראַבער
down	אַראָפּ
to lower, to let down	אַראָפּלאָזן
work	אַרבעט, די
to work	אַרבעטן
worker	אַרבעטער, דער
out	אַרויס
to go out	אַרויסגיין
to issue	אַרויסגעבן
to throw out	אַרויסוואַרפֿן
to carry out	אַרויסטראָגן
to fall out	אַרויספֿאַלן
to come out	אַרויסקומען
to push out	אַרויסרוקן
up	אַרויף
to go up	אַרויפֿגיין
to carry up	אַרויפֿטראָגן

to climb up	אַרויפֿקריכן
around	אַרום
to walk around	אַרומגיין
to embrace	אַרומנעמען
to surround	אַרומרינגלען
place	אָרט
over	אַריבער
in	אַרײַן
to go in	אַרײַנגיין
to let in	אַרײַנלאָזן
to put in	אַרײַנלייגן
to fall in	אַרײַנפֿאַלן
to come in	אַרײַנקומען
army	אַרמיי, די
honest, sincere	אָרנטלעך
arm	אָרעם, דער
poor	אָרעם
(Erets Yisroel) the land of Israel	ארץ־ישׂראל

בּ

grandmother	באָבע, די
dawn	באַגינען, דער
to water	באַגיסן
to greet	באַגריסן
pity	באַדויער
to cover	באַדעקן
to hide	באַהאַלטן
to guard	באַהיטן
to move	באַוועגן זיך
occupied, settled	באַזעצט
to feel, to touch	באַטאַפּן
to observe, to consider	באַטראַכטן
baloon	באַלאָן, דער
soon	באַלד
to reward	באַלוינען
to shed light	באַלײַכטן
owner	באַלעבאָס, דער
ceiling	באַלקן, דער
train	באַן, די
bench	באַנק, די
bus	באַס
to decorate, to trim	באַפּוצן
to plant (extensively)	באַפֿלאַנצן
order	באַפֿעל, דער
to liberate, to free	באַפֿרײַען
liberator	באַפֿרײַער
to pay	באַצאָלן
to decorate	באַצירן
to get, to receive	באַקומען
to bake	באַקן
St. John's bread	באָקסער
mountain	באַרג, דער
beard	באָרד, די
to create	באַשאַפֿן

to protect	באַשיצן
decided	באַשלאָסן
to be destined	באַשערט זײַן
tree	בוים, דער
olive oil	בוימל, דער
to build	בויען
book	בוך, דאָס
to bow	בוקן זיך
until	ביז
at, by	בײַ
to bend	בייגן
both	ביידע
angry	בייז
in the daytime	בײַטאָג
whip	בײַטש, די
at the, by the	בײַם
little tree	ביימעלע, דאָס
trees	ביימער
at night	בײַנאַכט
together	בײַנאַנד
to bite	בײַסן
books	ביכער
picture	בילד, דאָס
am	בין
bite	ביס
to blow	בלאָזן
blond	בלאָנד
pale	בלאַס
blouse	בלוזע, די
blood	בלוט, דאָס
blue	בלוי
only	בלויז
flower	בלום, די
lead	בלײַ
to remain	בלײַבן
pencil	בלײַער, דער
little flower	בלימעלע, דאָס
blind	בלינד
to bloom	בליִען
leaves	בלעטער
bed	בעט, די
to ask, to invite	בעטן
winecup	בעכער, דער
(balmelokhe) artisan, skilled worker	בעל־מלאכה
to bless	בענטשן
to long for	בענקען
better	בעסער
best	בעסטע(ר)
(little) cheek	בעקל, דאָס
baker	בעקער, דער
bakery	בעקערײַ, די
bear	בער, דער
hill	בערגל, דאָס

(broygez) angry with	בּרוגז
brother	בּרודער, דער
bread	בּרויט, דאָס
brown	בּרוין
to roar, to growl	בּרומען
the well	בּרונעם, דער
brothers	בּרידער
letter	בּריוו, דער
postman	בּריווטרעגער, דער
wide, broad	בּרייט
eye-glasses	בּרילן
bridge	בּריק, די
(brokhe) blessing	בּרכה, די
little board	בּרעטל, דאָס
to bring	בּרענגען
to burn	בּרענען
(besholem) in peace	בּשלום

ג

God	גאָט
gold	גאָלד, דאָס
golden	גאָלדענער, גאָלדן
goose	גאַנדז, די
whole	גאַנץ, גאַנצע(ר)
street	גאַס, די
guest	גאַסט, דער
nothing	גאָרניט
the whole world	גאָרע וועלט
good	גוט
good evening	גוטן אָוונט
sweets	גוטע זאַכן
goodness	גוטסקייט, די
give	גיב
gives	גיט
to go, to walk	גיין
(we, they) go, walk	גייען
don't be silly	גיי שוין, גיי
fast, faster	גיך, גיכער
to shine, to gleam	גלאַנצן
to believe	גלייבן
same; equal; immediately; evenly; smooth	גלײַך
happy	גליקלעך
little glass	גלעזל, דאָס
to pat, to stroke	גלעטן
little bell	גלעקעלע, דאָס
took a bath; swam	געבאָדן זיך
commendment	געבאָט, דאָס
baked	געבאַקן
born	געבוירן
birthday	געבורטסטאָג, דער
remained	געבליבן
stopped	געבליבן שטיין
to give	געבן

asked for	געבעטן
baked goods	געבעקס, דאָס
brought	געבראַכט
went, walked	געגאַנגען
neighborhood	געגנט
gave	געגעבן
ate	געגעסן
to last, to take time	געדויערן
to remember	געדענקען
had	געהאַט
kept, held	געהאַלטן
helped	געהאָלפֿן
was called, name was	געהייסן
told (to do)	געהייסן
to belong	געהערן
won	געוואונען
knew	געוואוסט
wanted	געוואָלט
grew	געוואַקסן
became	געוואָרן
threw	געוואָרפֿן
washed	געוואַשן
showed, shown	געוויזן
to win	געווינען
certainly	געוויס
was	געווען
sang	געזונגען
strong, healthy	געזונט
in good health	געזונטערהייט
face	געזיכט, דאָס
saw	געזען
sat	געזעסן
law	געזעץ, דאָס
did	געטאָן
carried, wore	געטראָגן
happened; met	געטראָפֿן
drank	געטרונקען
yellow	געל
let, left	געלאָזן, געלאָזט
ran	געלאָפֿן
money	געלט, דאָס
lay	געלעגן
scholar	געלערנטער, דער
enough	גענוג
started, began	גענומען
took	גענומען
rode, went	געפֿאָרן
found	געפֿונען
to find	געפֿינען
flew	געפֿלויגן
I like it, it pleases me	געפֿעלט מיר
dangerous	געפֿערלעך
lit	געצונדן

came	געקומען
rung, rang	געקלונגען
picked; selected; collected	געקליבן
called; named him	גערופֿן
gladly	גערן
talked, spoke	גערעדט
right	גערעכט
swam	געשוואומען
kept silent	געשוויגן
fast, swift	געשווינד
stood	געשטאַנען
died	געשטאָרבן
hit	געשלאָגן
tasty	געשמאַק
happened	געשען
jumped, hopped	געשפּרונגען
was afraid	געשראָקן זיך
wrote	געשריבן
shouted; yelled	געשריִען
the scream, the yell	געשריי
idols	געצן
to dig	גראָבן
ditch	גראָבן, דער
noisemaker	גראַגער, דער
grass	גראָז, דאָס
rhymes	גראַמען
gray	גרוי
big, great	גרויס
ready	גרייט
to get ready	גרייטן זיך
green	גרין
easy	גרינג
bigger, larger	גרעסער

ד

here	דאָ
roof	דאַך, דער
really	דאָך
it seems to (me)	דאַכט זיך (מיר)
dollar	דאָלאַר
Thursday	דאָנערשטיק
the, this	דאָס
doctors	דאָקטוירים
doctor	דאָקטער, דער
there	דאָרט(ן)
I (he, she, it) have to, need	דאַרף
thirsty	דאָרשטיק
you	דו
(Dovid) David	דוד
to bother	דולן
through	דורך
to pass (through)	דורכגיין
broke through	דורכגעבראָכן
to carry out, to make	דורכפֿירן

the, this	די
your	דײַן
you	דיך
floor	דיל, דער
diamond	דימענט, דער
thin	דין
dynamite	דינאַמיט, דער
Tuesday	דינסטיק
servant	דינער, דער
you	דיר
(dire) apartment	דירה, די
the, this	דעם
then	דען
to cover	דעקן
blanket	דעקע, די
the, this	דער
to hear	דערהערן
to kill	דערהרגענען
to warm	דערוואַרעמען
in the meantime	דערווײַל
the same	דער זעלביקער
to see, to spot; saw, spotted	דערזען
to drown	דערטרינקען
to remind oneself, to remember	דערמאָנען זיך
thereafter, afterwards	דערנאָך
for this reason, that's why	דערפֿאַר
to make happy, to bring joy	דערפֿרייען
story	דערציילונג, די
to tell	דערציילן
explanation	דערקלערונג, די
to explain	דערקלערן
got scared	דערשראָקן זיך
to get scared	דערשרעקן זיך
third	דריטער
three	דרײַ
thirty	דרײַסיק
to turn	דרייען
to spin	דרייען זיך

ה

(I) have	האָב
to have	האָבן
to be delightful	האָבן אַלע טעמען
(he, she) has; you (plur.) have	האָט
half	האַלב
throat	האַלדז, דער
to love	האַלט האָבן
to hold; to keep	האַלטן
wood	האָלץ, דאָס
rooster	האָן, דער
to trade	האַנדלען
hand	האַנט, די
(you) have	האָסט(ו)

to hope	האָפֿן
to chop; to cut	האַקן
hair	האָר, די
autumn	האַרבסט, דער
hearty; sincerely; sweet	האַרציק
house	הויז, דאָס
swing	הוידע, הוידלקע, די
high; tall	הויך
yard, backyard, court	הויף
handful	הויפֿן, דער
hen, chicken	הון, די
hunger	הונגער, דער
hungry	הונגעריק
the cough	הוסט, דער
to cough	הוסטן
hat, cap	היטל, דאָס
to watch, to guard	היטן
to look out; to be careful	היטן זיך
guard, watchman	היטער, דער
to lift; to raise	הייבן
little house	הײַזל, דאָס
houses	הײַזער
to cure; to heal	היילן
homework	היימאַרבעט, די
homeland	היימלאַנד, דאָס
today	הײַנט
hot	הייס
sky	הימל, דער
chicks	הינדעלעך
behind	הינטער
hens, chickens	הינער
lame	הינקעדיק
higher	העכער
bright; light	העל
hero	העלד, דער
half	העלפֿט, די
to help	העלפֿן
shirt(s)	העמד, דאָס (־ער)
to hang	הענגען
hands	הענט
little hand	הענטל, דאָס
gloves	הענטשקעס
notebook	העפֿט, דער
to hear; to listen	הערן
horns	הערנער

וו

where	וואו
where to	וואוהין
good for...; fortunate is	וואויל איז
residence; house, home	וואוינונג, די
to live; to reside	וואוינען
wound	וואונד, די

wonder, miracle	װוּנדער, דער
the wish	װוּנטש, דער
awake	װאַך
week	װאָך, די
forest	װאַלד, דער
wool	װאָל, די
would	װאָלט(ן)
wolf	װאָלף, דער
cloud	װאָלקן, דער
wall	װאַנט, די
what	װאָס
what's wrong with you?	װאָס איז מיט דיר?
how are you?	װאָס מאַכסטו?
water	װאַסער, דאָס
what kind of	װאָסער; װאָס פֿאַר אַ
to grow	װאַקסן
reality	װאָר, די
word	װאָרט, דאָס
to wait	װאַרטן
warm	װאַרעם
to wash	װאַשן
how	װי
cradle	װיג, די; װיגל, דאָס
lullaby	װיגליד
again	װידער
what's your name?	װי הייסטו?
wife	װײַב, די
to show	װײַזן
far	װײַט
to hurt	װיי טאָן
farther; again	װײַטער
soft	װייך
because	װײַל
wine	װײַן, דער
grapes	װײַנטרויבן
less	װייניקער
to cry	װיינען
white	װײַס
to (we, they) know	װייסן
(I) want; (he, she) wants	װיל
wild	װילד
wind	װינט, דער
winter	װינטער, דער
to wish	װינטשן
corner	װינקל, דער
to know	װיסן
how much	װיפֿל
road; way	װעג, דער
about	װעגן
squirrel	װעװערקע, די
(he, she, you plur.) will	װעט
(I) will, shall	װעל

world	וועלט, די
which	וועלכע(ר)
(we, they) will	וועלן
to have a desire for	וועלן (זיך)
whom	וועמען
when	ווען
walls	ווענט
if not for	ווען ניט
sometimes; ever before	ווען ניט איז
(you) will	וועסט(ו)
to wake	וועקן
who	ווער
words	ווערטער
who else	ווער נאָך
to become	ווערן

ז

to say	זאָגן
full; sated	זאַט
thing	זאַך, די
let it be	זאָל זײַן
sand	זאַמד
sack	זאַק, דער
to worry	זאָרגן
to look for; to search	זוכן
summer	זומער, דער
sun	זון, די
son	זון, דער
Sunday	זונטיק
soup	זופּ, די
she	זי
seven	זיבן
seventy	זיבעציק
victory	זיג, דער
they	זיי
clock; watch	זייגער, דער
grandfather	זיידע, דער
(you) are	זײַט
side	זײַט, די
his	זײַן
to be	זײַן
to be awake	זײַן אויף
(we, they) are	זײַנען
to sow	זייען
their	זייער
very	זייער
the silver	זילבער, דאָס
(of) silver	זילבערן
sons	זין
to sing	זינגען
sin	זינד, די
to sink	זינקען
sweet	זיס

to sit	זיצן
see	זע
sail	זעגל, דער
to see	זען
(we, they) see	זעען
to sit down	זעצן זיך
six	זעקס
then; now	זשע

ח

(khaver) friend; pal	חבֿר
(khadoshim) months	חדשים
(khumesh) Bible; one of the five books of Moses; all five books	חומש
(kha-ye) animal	חיה
(khale) Sabbath bread	חלה
(kholem) dream	חלום
(kheyn) charm	חן
(khasene) to get married, to marry	חתונה האָבן

ט

so	טאָ
day	טאָג, דער
diary	טאָגבוך, דער
blackboard	טאָוול, דער
daddy, father •	טאַטע, דער
daughter	טאָכטער, די
to do	טאָן
the dance	טאַנץ, דער
to dance	טאַנצן
to touch, to feel	טאַפּן
indeed	טאַקע
cake; tart	טאָרט, דער
forbidden	טאָר ניט
(I) do	טו
dew	טוי, דער
thousand	טויזנט
dead	טויט
gate	טויער, דער
do me a favor; do it for my sake	טו מיר צוליב
dark	טונקל
little dove	טײַבעלע, דאָס
dates	טייטלען
to kill	טייטן
river	טײַך, דער
part	טייל
dear; expensive	טײַער
kerchief	טיכל, דאָס
door	טיר, די
table; desk	טיש, דער
table-cloth	טישטעך, דער
days	טעג
little daughter	טעכטערל, דאָס

television	טעלעוויזיע, די
plate	טעלער, דער
the moon on a plate	טעלערל פֿון הימל
(ta'em) taste	טעם, דער
briefcase	טעקע, די
to carry	טראָגן
to think	טראַכטן
small drop	טראָפּעלע, דאָס
sorrow	טרויער, דער
sad	טרויעריק
to chase; to drive	טרײַבן
to console (oneself)	טרייסטן (זיך)
to drink	טרינקען
to drown	טרינקען זיך
to step (over); to stamp	טרעטן
to meet; to guess	טרעפֿן
tears	טרערן
strange; curious	טשיקאַווע(ר)

yes	יאָ
year	יאָר, דאָס
(Yehudo) Judah	יהודה
(yontev) holiday	יום־טובֿ
young	יונג
(yoysher) justice	יושר
Jew	ייִד
Jewish; Yiddish	ייִדיש
boy	ייִנגל, דער
little boy	ייִנגעלע, דאָס
younger	ייִנגער
youngest	ייִנגסטער
(yam) sea	ים
each	יעדער
the other, that	יענע(ר)
(Yerushola'yem) Jerusalem	ירושלים
(Yisroel) Israel	ישׂראל

כּ

(kedey') in order to	כּדי
(kos) winecup	כּוס
(kale) bride	כּלה
(ka'es) anger	כּעס

כ

at least; though	כאַטש
to catch	כאַפּן
wave	כוואַליע

ל

to let; to leave	לאָזן
pancake	לאַטקע
to laugh	לאַכן
let me	לאָמיך

let us	לאָמיר
long	לאַנג
land	לאַנד, דאָס
lamp	לאָמפּ, דער
paw	לאַפּקע, די
lapel	לאַץ, דער
(levone) moon	לבֿנה, די
pure	לויטער
to run	לויפֿן
dear; lovely	ליב
to love; to like	ליב האָבן
the love	ליבשאַפֿט, די
to lie	ליגן
song; poem	ליד, דאָס
lion	לייב, דער
to lay; to put; to place	לייגן
to lay eggs	לייגן אייער
to lie down	לייגן זיך
empty	ליידיק
men, people	לײַט
candlestick	לײַכטער, דער
to read	לייענען
candle; light	ליכט, די
light, bright	ליכטיק
brightness	ליכטיקייט, די
mild	לינד
left	לינק(ס)
lip	ליפּ, די
near, next to	לעבן
to live	לעבן
life	לעבן, דאָס
holes	לעכער
little lamp	לעמפּל
longer	לענגער
lands	לענדער
spoon	לעפֿל, דער
last	לעצטע(ר)
to lick	לעקן
schoolyear	לערניאָר, דאָס
to teach; to learn	לערנען
to learn; to study	לערנען זיך
teacher (man)	לערער, דער
woman teacher	לערערין, די

מ

might, power	מאַכט, די
to make	מאַכן
time	מאָל, דאָס
monkey, ape	מאַלפּע, די
meal	מאָלצײַט, דער
mommy, mother	מאַמע, די
man	מאַן, דער
almonds	מאַנדלען

poppy-seed cookie	מאַנדעלע
Monday	מאָנטיק
(over)coat	מאַנטל, דער
tomorrow	מאָרגן
(midber) desert	מדבר, דער
music	מוזיק, די
to have to, must	מוזן
(moykhl) to forgive	מוחל זיין
mother	מוטער, די
mouth	מויל, דאָס
aunt	מומע, די
(moyre) to be afraid	מורא האָבן
(mi'es) ugly	מיאוס
tired	מיד
with	מיט
lunch	מיטאָג, דער
all at once	מיט איין מאָל
all of a sudden; suddenly	מיטאַמאָל
Wednesday	מיטוואָך
means	מיטלען
middle	מיטן, דער
girl	מיידל, די
little girl	מיידעלע, דאָס
my	מײַן
to mean; to think	מיינען
me	מיך
million	מיליאָן
milk	מילך, די
minute	מינוט, די
to try; to make an effort	מיִען זיך
1) me; 2) we	מיר
(ma'lekh) angel	מלאך, דער
(ma'lokhim) angels	מלאכים, די
(milkhome) war	מלחמה, די
(malke) queen	מלכּה, די
(meylekh) king	מלך, דער
one (they)	מע, מען
to milk	מעלקן
person; human being; man	מענטש, דער
knife	מעסער, דאָס
more	מער
no more	מער ניט
only one	מערניט איינע
(mayse) story	מעשׂה, די
(mesle's) 24 hours; a day and a night	מעת־לעת
(mapole) defeat	מפּלה
(mitsra-yim) Egypt	מצרים
(Moshi'akh) Messiah	משיח
(mishpokhe) family	משפּחה
(matone) present, gift	מתּנה

נ

here; take it	נאַ
needle	נאָדל, די

more; else; again	נאָך
after	נאָך
another	נאָך אַ
still	נאָך אַלץ
again	נאָכאַמאָל
to follow	נאָכגיין
afterwards	נאָכדעם
to repeat	נאָכזאָגן
night	נאַכט, די
after the	נאָכן
name	נאָמען, דער
wet	נאַס
near	נאָענט
Nazis	נאַציס
fool	נאַר
only; but	נאָר
foolish	נאַריש
to eat sweets; to snack	נאַשן
well	נו
need; want	נויט, די
(nakhes) delight; joy; pride	נחת
not	ניט
not here; there is not	ניטאָ
non-Jew	ניט־ייִד
new	נײַ
no	ניין
nine	נײַן
to sew	נייען
nuts	ניס
useful	ניצלעך
(nes) miracle	נס
nails	נעגל
Negro	נעגער, דער
nights	נעכט
yesterday	נעכטן
to take	נעמען
names	נעמען, די
to start	נעמען (טאָן)
nets	נעצן, די

ס

(sod) secret	סוד, דער
(suke) succah	סוכּה
(sof) end	סוף, דער
ceiling	סופֿיט, דער
(skhoyre) merchandise	סחורה, די
(sude) feast	סעודה, די

ע

a few; several	עטלעכע
older	עלטער
parents	עלטערן, די
lonely	עלנט
somebody	עמעצער

to finish	ענדיקן
to answer	ענטפֿערן
it	עס
to eat	עסן
apple	עפּל, דער
something	עפּעס
to open	עפֿענען
(eytse) advice	עצה
tail	עק, דער
he	ער
airplane	עראָפּלאַן, דער
earth	ערד, די
places	ערטער
honest	ערלעך
earnest	ערנסט
just now	ערשט איצט
first	ערשטע(ר)

פּ

palace	פּאַלאַץ, דער
is fitting, fits; matches	פּאַסט
shepherd	פּאַסטעך, דער
poem	פּאָעמע, די
paper	פּאַפּיר, דאָס
pack	פּאַק, דער
pair	פּאָר, די
park	פּאַרק, דער
butter	פּוטער, די
Poland	פּוילן
drum	פּויק, די
pioneer	פּיאָניר, דער
ball	פּילקע, די
little dot	פּינטעלע, דאָס
tiny	פּיצינקע, פּיצעלע
plan, scheme	פּלאַן, דער
place; lot	פּלאַץ, דער
fence	פּלויט, דער
suddenly	פּלוצלינג
shoulder	פּלייצע, די
(ponim) face	פּנים, דאָס
(Peysekh) Passover	פּסח
program	פּראָגראַם, די
to observe and celebrate	פּראַווען
(Par-e) Pharaoh	פּרעה
president	פּרעזידענט, דער

פֿ

factory	פֿאַבריק, די
thread	פֿאָדעם, דער
father	פֿאָטער, דער
trade	פֿאַך, דער
to obey	פֿאָלגן
to fall	פֿאַלן
the people	פֿאָלק, דאָס

flag	פֿאָן, די
barrel	פֿאַס, די
for, to; before	פֿאַר
United States	פֿאַראייניקטע שטאַטן
to pass by	פֿאַרבײַגיין
to bandage	פֿאַרבינדן (אַ וואונד)
colorful	פֿאַרביק
muddy	פֿאַרבלאָטיקט
to forget	פֿאַרגעסן
to earn	פֿאַרדינען
to tangle, to twist	פֿאַרדרייען
was sorry; was jealous; envied	פֿאַרדראָסן
to feel hurt; to be sorry, jealous	פֿאַרדריסן
aggravating	פֿאַרדריסלעך
astonished	פֿאַרוואונדערט
why	פֿאַרוואָס
tearful	פֿאַרוויינט
ahead	פֿאַרויס
to get together	פֿאַרזאַמלען זיך
to taste	פֿאַרזוכן
still; just	פֿאַרט
ready	פֿאַרטיק
to depend on	פֿאַרלאָזן זיך
lost	פֿאַרלאָרן
to lose	פֿאַרלירן
tired	פֿאַרמאַטערט
to close	פֿאַרמאַכן
to ride; to travel; to go	פֿאָרן
busy; occupied	פֿאַרנומען
frozen	פֿאַרפֿרוירן
to sell	פֿאַרקויפֿן
to catch cold	פֿאַרקילן זיך
opposite	פֿאַרקערט
to repair	פֿאַרריכטן
to make happy	פֿאַרשאַפֿן פֿרייד
black, blackened; in trouble	פֿאַרשוואַרצט
understood	פֿאַרשטאַנען
to understand	פֿאַרשטיין
disguised	פֿאַרשטעלט
snowed under, snowed in	פֿאַרשנייט
to offend; to hurt	פֿאַרשעמען
to become embarrassed, ashamed	פֿאַרשעמען זיך
to lose	פֿאַרשפּילן
spread (out)	פֿאַרשפּרייט
written down, recorded	פֿאַרשריבן
lazy	פֿויל
full	פֿול
of; from	פֿון
from now on	פֿון איצט אָן
since then	פֿון דעמאָלט אָן
from far away; from a distance	פֿון דער ווײַט
where from	פֿון וואַנען
for the sake of	פֿון ...וועגן

foot; leg	פֿוס, דער
fifty	פֿופֿציק
fox	פֿוקס, דער
to graze; to feed	פֿיטערן
fig	פֿײַג, די
birdies	פֿייגעלעך
fine	פֿײַן
to hate	פֿײַנט האָבן
fire	פֿײַער, דאָס
many	פֿיל
to feel	פֿילן (זיך)
finger	פֿינגער, דער
five	פֿינף
dark	פֿינצטער
to glitter, to sparkle	פֿינקלען
feet; legs	פֿיס
little foot	פֿיסל, דאָס
four	פֿיר
that's the way	פֿירט זיך
to lead; to drive; to conduct	פֿירן
take care of the house	פֿירן די שטוב
leader	פֿירער, דער
fish	פֿיש
fruit cake	פֿלאָדן, דער
to plant	פֿלאַנצן
wing	פֿליגל, דער
meat	פֿלייש, דאָס
fast	פֿלינק
to fly	פֿליִען
to use to	פֿלעגן
stain	פֿלעק, דער
uncle	פֿעטער, דער
field	פֿעלד, דאָס
window	פֿענצטער, דאָס
firm	פֿעסט
horse	פֿערד, דאָס
fourth	פֿערטע(ר)
front	פֿראָנט, דער
woman	פֿרוי, די
fruit	פֿרוכט, די
pious	פֿרום
early	פֿרי
free	פֿרײַ
joy	פֿרייד, די
Friday	פֿרײַטיק
joyous; happy	פֿריילעך
friend	פֿרײַנד, דער
to be happy; to enjoy oneself	פֿרייען זיך
spring	פֿרילינג, דער
the morning	פֿרימאָרגן, דער
earlier; before	פֿריִער
fresh	פֿריש

breakfast	פֿרישטיק, דער
to ask	פֿרעגן
alien; strange	פֿרעמד

צ

number	צאָל, די
tender	צאַרט
(tsdoke) charity	צדקה
to; too	צו
to visit	צו גאַסט קומען
to approach; to walk over to	צוגיין
tied to	צוגעבונדן
to be used, accustomed	צוגעוווינט זײַן
to prepare	צוגרייטן
to cover	צודעקן
to hold (on)	צוהאַלטן
to listen carefully	צוהערן זיך
twenty	צוואַנציק
what for	צו וואָס
two	צוויי
twig	צווײַגל, דאָס
second	צווייטע(ר)
between, among	צווישן
together	צוזאַמען
to hammer together	צוזאַמענשלאָגן
to grab	צוכאַפּן
to run to	צולויפֿן
to the	צום
to close	צומאַכן
tongue	צונג, די
to take away	צונעמען
on foot	צו פֿוס
too much	צו פֿיל
pleased	צופֿרידן
to come to, to draw near	צוקומען
to call over	צורופֿן
back	צוריק
to return	צוריקקומען
to add in writing	צושרײַבן
whether	צי
little goat	ציגעלע, דאָס
to shiver	ציטערן
newspaper	צײַטונג, די
to count	ציילן
teeth	ציין
little teeth	ציינדעלעך
clean	ציכטיק
room	צימער, דאָס
little tongue	צינגעלע, דאָס
to pull; to draw	ציען
broke	צעבראָכן זיך
to break	צעברעכן
hot; excited	צעהיצט

brightened	צעהעלט
to burst into song	צעזינגען זיך
to share, to divide (between us)	צעטיילן זיך
note	צעטל, דאָס
to trample	צעטרעטן
ten	צען
to hurt	צעקלאַפּן (זיך)
to have an argument	צעקריגן זיך
to stick oneself	צעשטעכן זיך
to beat up; to smash	צעשלאָגן
cut (up)	צעשניטן

ק

to cook	קאָכן
duck	קאַטשקע, די
cold	קאַלט
composition	קאָמפּאָזיציע, די
box	קאַסטן, דער
head	קאָפּ, דער
cat	קאַץ, די
caravan	קאַראַוואַן, דער
cherries	קאַרשן
(kadish) prayer for the dead	קדיש
cow	קו, די
to beam; to be delighted	קוועלן
coal	קוילן
bullets	קוילן
to buy	קויפֿן
cake	קוכן, דער
to come	קומען
come flying down	קומען אָנגעפֿלויגן
to visit	קומען צו גאַסט
to come	קומען צו גיין
to look; to watch	קוקן
short	קורץ
little while	קורצע ווײַלע
the kiss	קוש, דער
to kiss	קושן
(kidesh) blessing over wine (or bread)	קידוש
chains	קייטן
to	קיין
not once	קיין איין מאָל
no one	קיין איינער
never	קיינמאָל
nobody	קיינער ניט
kitchen	קיך, די
child	קינד, דאָס
children	קינדער
king	קיניג, דער
queen	קיניגין, די
to reign	קיניגן
shorter	קירצער
pillow	קישן, דאָס

to lament; to weep	קלאָגן
to bang; to strike	קלאַפּן
class	קלאַס, דער
clear	קלאָר
pure white	קלאָר־ווײַס
smart, clever	קלוג
to collect; to choose	קלײַבן
dress	קליידל, דאָס
dresses; clothes	קליידער
small; little	קליין
to ring	קלינגען
smaller	קלענער
spool; small log	קלעצל, דאָס
matzoh-balls	קניידלעך
pinch	קניפּ, דער
to knead	קנעטן
slave	קנעכט, דער
the cold	קעלט, די
colder	קעלטער
maybe	קען זײַן
to know; to be able	קענען
little box	קעסטל, דאָס
camel	קעמל, דער
little head	קעפּעלע, דאָס
small basket	קערבל, דאָס
seeds	קערנער
pocket	קעשענע, די
store	קראָם, די
wreath	קראַנץ, דער
sick	קראַנק
sickness	קראַנקייט, די
jug	קרוג, דער
crown	קרוין, די
to get; to receive	קריגן
to have an argument, to quarrel	קריגן זיך
little jug	קריגעלע, דאָס
storekeeper	קרעמער, דער
(kash-ye) question	קשיא
(kash-yes) questions	קשיות

ר

wheel	ראָד, די
raisins	ראָזשינקעס
to save	ראַטעווען
to escape, to save oneself	ראַטעווען זיך
to clean	ראַמען
(rebbe) rabbi, teacher	רבי
(rov) rabbi	רבֿ
(rege) second, moment	רגע
quiet, calm	רויִק
red	רויט
smoke	רויך, דער
to rustle; to roar; to make a noise	רוישן

round	רונד
to rest	רוען
to call	רופֿן
(rakhmones) pity	רחמנות
row	ריי, די
talk	רייד
to speak, to talk	ריידן
to ride	רײַטן
horseman; rider	רײַטער, דער
rich	רײַך
clean	ריין
to pick; to tear	רײַסן
right	ריכטיק
judge	ריכטער, דער
to bleed	רינען בלוט
to touch	רירן
to move	רירן זיך
rain	רעגן, דער
to rain	רעגענען
to speak, to talk	רעדן
little wheel	רעדעלע, דאָס
riddle	רעטעניש, דאָס
the right	רעכט, דאָס
right	רעכט(ס)
jacket	רעקל, דאָס

ש

it's a pity	שאָד(ן), זײַן אַ שאָד(ן)
shadow; shade	שאָטן, דער
shawl	שאַל, די
sheep	שאָף
sharp	שאַרף
(shabes) Sabbath	שבת
black	שוואַרץ
to be silent	שווײַגן
to swim; to float	שווימען
to float on air	שוועבן
sister	שוועסטער, די
heavy; hard	שווער
to swear	שווערן
window pane	שויב, די
already; that's all	שוין
lap	שויס, דער
school	שול, די
guilty	שולדיק
cobbler, shoemaker	שוסטער, דער
drawer	שופֿלאָד
town, city	שטאָט, די
to stammer	שטאַמלען
to die	שטאַרבן
strong; very much	שטאַרק
house; room	שטוב, די
chair	שטול
mute, dumb	שטום

to push	שטופּן
houses; rooms	שטיבער
little cage	שטײַגל, דאָס
to stand	שטיין
stone	שטיין, דער
(we, they) stand	שטייען
quiet	שטיל
(little) piece	שטיקל, דאָס
little town	שטעטל, דאָס
to stab, to stick	שטעכן
to put; to erect	שטעלן
always	שטענדיק
stick	שטעקן, דער
to disturb	שטערן
1) star; 2) forehead	שטערן, דער
ray	שטראַל, דער
beautiful, nice	שיין
to shine	שײַנען
shoes	שיך
bowl	שיסל, די
ship	שיף, די
to protect oneself	שיצן זיך
to send	שיקן
umbrella	שירעם, דער
(shokhn) neighbor	שכן
to hit; to beat	שלאָגן
to fight	שלאָגן זיך
the sleep	שלאָף, דער
to sleep	שלאָפֿן
go to sleep	שלאָפֿן גיין
(sholem-aleykhem) how do you do	שלום־עליכם
small sled	שליטעלע, דאָס
(shloyme) Solomon	שלמה
bad	שלעכט
harm; evil	שלעכטס
to drag, to pull	שלעפּן
the smile	שמייכל, דער
to smile	שמייכלען
to smear, to grease	שמירן
the snow	שניי, דער
to snow	שנייען
to cut	שנײַדן
tailor	שנײַדער, דער
(sho) hour	שעה, די
to be ashamed; to be bashful	שעמען זיך
most beautiful, nicest	שענסטע(ר)
more beautiful, nicer	שענער
to draw water	שעפּן וואַסער
little sheep	שעפּעלע, דאָס
scissors	שער
joke, fun	שפּאַס, דער
to go for a walk	שפּאַצירן
spectacles	שפּאַקולן

mirror	שפּיגל, דער
hospital	שפּיטאָל, דער
the play	שפּיל, די
to play	שפּילן (זיך)
late	שפּעט
to jump	שפּרינגען
slave	שקלאַף
to write	שרײַבן
writer	שרײַבער, דער
woman writer	שרײַבערין, די
to yell	שרײַען
fear	שרעק
to be afraid	שרעקן זיך

שׂ

(soyne) enemy	שׂונא
(sonim) enemies	שׂונאים
(simkhe) party; joy	שׂמחה

ת

(tvue) grain	תּבֿואה
(toyre) Torah	תּורה
(Teloviv) Tel-Aviv	תּל־אָבֿיבֿ
(talmid) pupil, disciple	תּלמיד
(talmidim) pupils, disciples	תּלמידים

דער אלף־בית

KHESS	ZAYEN	VOV	HAY	DALED	GIMMEL	BAYS	ALEF
ח	ז	ו	ה	ד	ג	ב	א
KH	Z	OO as in BOOK	H	D	G as in GIFT	B	SILENT ALEF

FINAL NOON	NOON	FINAL MEM	MEM	LAMED	FINAL KHOF	KHOF	YOOD	TESS
ן	נ	ם	מ	ל	ך	כ	י	ט
	N		M	L		KH	I as in GIVE	T

KOOF	FINAL TZADIK	TZADIK	FINAL FAY	FAY	PAY	AHYIN	SAMEKH
ק	ץ	צ	ף	פֿ	פּ	ע	ס
K		TS		F	P	E as in BED	S

					SOV	TOV	SHEEN	RAYSH
י	וי	וו	אָ	אַ	ת	תּ	ש	ר
Y as in YES	OY as in BOY	V	O as in FOR	A as in FAR	S	T	SH	R

טש	דזש	זש	ײַ	ײ
CH as in CHALK	J as in JAR	ZH as in GARAGE	I as in FINE	AY as in MAY

צו די לערערס

די איצטיקע אויפֿלאַגע פֿון דעם דעם בוך „ייִדישע קינדער" איז אינגאַנצן איבערגעאַרבעט. אַלע דערציילונגען זײַנען איבערגעשריבן. דאָס לשון איז געוואָרן פּשוטער; אַ סך שווערע ווערטער וואָס זײַנען פֿריִער געווען האָבן מיר פֿאַרביטן מיט אַנדערע; די לענגערע זאַצן האָבן מיר איבערגעבויט און זיי פֿאַראײנפֿאַכט. אַ היפּשער טייל מאַטעריאַל וואָס איז געווען אין דעם בוך איז בכלל נישט אַרײַנגענומען געוואָרן. מיר האָבן צוגעגעבן אַ קליינע צאָל דערציילונגען און עטלעכע לידער. אויף אַזאַ אופֿן האָבן מיר דורכגעפֿירט אַ גרינטלעכע רעוויזיע אין דעם באַשטאַנד און נאָך מער אין דעם לשון פֿון דעם תּוך.

דער וויכטיקסטער שינוי באַשטייט אין דעם וואָס איצט איז דאָס בוך געבויט אויפֿן יסוד פֿון אַ קאָנטראָלירטן וואָקאַבולאַר. מיר נעמען אָן אַז דאָס לערנבוך וועט איצט קענען זײַן אַ המשך פֿון „ייִדישע קינדער" א. די אַלע נײַע ווערטער וואָס קומען צו צו אַ ליד אָדער צו אַ דערציילונג ווערן געגעבן און פֿאַרטײַטשט גלײַך נאָך דעם טעקסט. בלויז די נײַ־צוגעקומענע ווערטער ווערן פֿאַרטײַטשט. בכן קומט אויס צו ניצן אויך דאָס ווערטערביכל וואָס איז געגעבן צום סוף פֿון בוך. דער לערער דאַרף אויסלערנען די קינדער ניצן דאָס ווערטערביכל.

אויב מען האַלט זיך שטרענג בײַ דעם סדר פֿון דער לערנבוך, קענען ניט זײַן מער קיין שוועריקייטן בנוגע וואָקאַבולאַר. אויב דעם לערער קומט אויס צו לערנען אין אַן אַנדער סדר, דאַרף ער אַליין אויסגעפֿינען וועלכע נײַע ווערטער עס קומען צו, כּדי זיי צו פֿאַרטײַטשן.

מיר האָפֿן אַז דאָס לערנבוך, אין זײַן איצטיקער פֿאָרעם, וועט פֿאַרגרינגערן די אַרבעט פֿון די חבֿרים־לערערס און מיר ווינטשן זיי אַ פּעולה אין לערנען.

מיר באַדאַנקען אַלע חבֿרים וואָס האָבן מיטגעהאָלפֿן מיט עצות און אָנווײַזונגען. מיר באַדאַנקען די אַלע מחברים וואָס מיר האָבן אַרײַנגענומען זייערע לידער און דערציילונגען, און מיר בעטן בײַ זיי מחילה, אויב אונדז איז אויסגעקומען אַרײַנצוברענגען שינויים אין זייערע טעקסטן. מיר באַדאַנקען די אַלע וואָס מיר האָבן אויסגעניצט זייערע אילוסטראַציעס. לסוף אַ האַרציקן דאַנק דעם בילדונגס־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־רינג וואָס גיט אַרויס דאָס לערנבוך.

זלמן יעפּרויקין

יודל מאַרק

אינהאַלט

צום נײַעם לערניאָר (פֿרייד) — 4
אַרעלע קען אַלץ — 5
אונטער יאַנקעלעס וויגעלע (פֿאָלקס־ליד) — 5
ניט צעקריגט זיך („לעבעדיקע קלאַנגען" — ש. באַסטאָמסקי) — 6
לשנה טובֿה תּכּתבֿו (פֿון שׂרה פֿישערס) — 7
לשנה טובֿה — 7
אַ גוט יאָר (פֿון שׂרה פֿישערס: ימים טובֿים) — 8
ייִדן (לויט י. קאַצענעלסאָן) — 8
גוטע מענטשן (אגדה) — 9
איך בין אַ ייִדיש ייִנגעלע — א. טאַבאַטשניק — 10
פֿאַר יום־כּיפּור (אַגדה) — 10
אַ סוכּהלע — מ. ריוועסמאַן — 12
איך העלף בויען אַ סוכּה — 12
אַ סוכּות־ליד — עליזה גרינבלאַט — 13
שׂמחת תּורה — בערל סיגאַל — 14
ניט איך! ניט איך! — 14
קומט דער ליבער זומער (פֿאָלקס־ליד) — 15
דער פֿוקס און די פֿיש (אַגדה) — 16
פֿאַרן שפּיגל — 16
די ווערוערקע און דער וואָלף — ל. טאָלסטאָי — 17

דאָס שיפעלע — ה. ד. נאָמבערג — — — — — — — — — — — — — — 18
קאָלומבוס און די ייִדן — — — — — — — — — — — — — — — — 19
דאָס קלוגע מיידעלע (אַגדה) — — — — — — — — — — — — — — 20
פרישטיק („איך לייען" — ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן) — — — 22
באָבע, דערציילט מיר אַ מעשׂה — י. מ. — — — — — — — — — 23
באָבעניו (פֿון פעדאַגאָגישן בולעטען) — — — — — — — — — — — 24
זיידעניו — ה. רויזנבלאַט — — — — — — — — — — — — — — 25
זיידע רופֿ אים ניט איינקל — — — — — — — — — — — — — — 26
אַ ייִדיש מיידעלע — עליזה גרינבלאַט — — — — — — — — — — 27
פערעלע מיט די באַלאָנען — — — — — — — — — — — — — — 28
אַ וויגליד — י. גויכבערג — — — — — — — — — — — — — — 29
איצט און שפּעטער — לאה קאַפּילאָוויטש — — — — — — — — — 31
אַליין — אָן דער לערערין („ייִדיש" — י. פּאַט און ח. ש. קאַזדאַן) — 32
דער נחת איז גרויס — ש. טענענבאַוומסקי — — — — — — — — — 33
וואו־זשע בין איך? (דער שול־חבֿר — ל. ה. יפה) — — — — — 34
דער אוצר — שלום־עליכם — — — — — — — — — — — — — — 37
פערעלע און סערעלע — — — — — — — — — — — — — — — — 38
אַ לידעלע (פֿאָלקס־ליד) — — — — — — — — — — — — — — — 38
רעטעניש — 38
צום שלאָף (פֿאָלקס־ליד) — — — — — — — — — — — — — — — 39
אַ טאָג אַזאַ — איידע מאַזע — — — — — — — — — — — — — 39
בריוו — ליטמאַן — — — — — — — — — — — — — — — — — 40
אַ בריוו וועגן אַ שירעם („גרינינקע ביימעלעך") — — — — — 44
די שרייבערין — איידע מאַזע — — — — — — — — — — — — — 45
צו דײַן געבורטסטאָג — א. גאָלדפֿאַדען (מוזיק: א. גאָלדפֿאַדען) — 46
מילך און ברויט — ב. סיגאַל — — — — — — — — — — — — — 47
שלום־עליכם — ש. בערנשטיין (מוזיק: מיכאל געלבאַרט) — — — 48
אַ מאַמע און זעקס זין (פֿון העברעיִש) — — — — — — — — — 49
דער שבת קומט — מ. אַליצקי — — — — — — — — — — — — 50
וואָס טוט דער טאַטע? („גרינינקע ביימעלעך") — — — — — — 51
איציקל וויל זײַן אַ גרויסער — ליטמאַן — — — — — — — — — 52
אַ גוטע, זיסע נאַכט — י. ל. פּרץ — — — — — — — — — — — 55
בערעלע און זײַן מוטער („גרינינקע ביימעלעך") — — — — — 57

אַז די מאַמע איז געווען ניט געזונט („לאָמיר לערנען", מעקסיקע) — 58
האָט איר געזען אַ מאַמע? — 59
לייג איך מיר מײַן קעפּעלע (פֿאָלקס־ליד) — 60
אַז מען איז הונגעריק איז אַלץ געשמאַק — לויט: ל. טאָלסטאָי — 60
דער בעסטער מאָלצײַט (אַגדה) — 62
די זון און די לבֿנה (אַגדה) — 64
אַזוי פֿירט זיך די וועלט (אַגדה) — 65
האַרבסט — אַלחנן אינדעלמאַן — 67
קין און הבֿל (אַגדה) — 68
אַ רעטעניש אין גראַמען — אַלף כּץ — 69
פֿאַרוואָס קומט דער ת צום סוף פֿון אַלף־בית (פֿון העברעיִש) — 70
צוויי ברידער (פֿאָלקס־מעשׂה) — 73
פֿאַרוואָס האָט דער אייזל לאַנגע אויערן? (אַגדה) — 74
פֿאַרוואָס האָט דאָס שעפּעלע וואָל? (אַגדה) — 75
פֿאַרוואָס עסט מען אינדיק טענקסגיווינג? — י. מ. — 77
צוויי שיכעלעך — י. גויכבערג — 80
דער עפּל („לאָמיר לערנען" — מעקסיקע) — 81
שבת אין מדבר (אַגדה) — 83
חנוכּה־שפּיל — ש. צעסלער — 84
דריידעלע — 85
אַ מעשׂה מיט אַ חנוכּה־דריידל — לויט: לעאָן עלבע — 86
אַ ייִדיש הויז — י. גויכבערג — 89
חנוכּה אין תּל־אָבֿיבֿ — 90
יהודה המכּבי — 92
אַ מעשׂה מיט צוויי ציגן (אַגדה) — 92
קען מען מאַכן אַז אַלע זאָלן זײַן צופֿרידן (פֿאָלקס־מעשׂה) — 93
לעמעך גייט עפּעס קויפֿן — לעאָן עלבע — 95
אַ מעשׂה מיט אַ חומש — 98
שניי, שניי — אפֿרים אויערבאַך — 102
שניי־טײַבעלעך — י. ל. קוויטקאָ — 104
מע טאָר ניט צעטרעטן דעם שניי (פֿאָלקס־מעשׂה) — 105
פֿאַרשעם ניט דײַן חבֿר — 106
דער דימענט (אַגדה) — 108

דער קליינער לינקאָלן (לויט „הספר החדש״) — — — — — — — — 109
ווי הילל איז געוואָרן אַ גרויסער געלערנטער (אַגדה) — — — 110
אַבֿרהם רייזען און דער ייִנגל מיט די צײַטונגען — יאָסל מלאָטעק 112
חמשה עשׂר בשבֿט (פֿון פעדאַגאָגישן בולעטען) — — — — — — 113
געשלאָפֿן זיבעציק יאָר (אַגדה) — — — — — — — — — — 114
אַ שפּאַס — — — — — — — — — — — — — — — — — 115
אָ, פֿייגעלעך, בלײַבט אויף אַ רגעלע שטיין — א. בראָמבערג — 116
דאָס ליד פֿון פֿלאַנצן — לויט: י. פֿיכמאַן — — — — — — — — 116
דאָס ווײַסע ציגעלע אונטערן קינדס וויגעלע (לויט יעקבֿ פֿיכמאַן —
יודל מאַרק) — — — — — — — — — — — — — — — 117
שבת — מ. בראָדערזאָן — — — — — — — — — — — — 122
די קו וואָס רוט שבת (אַגדה) — — — — — — — — — — — 123
חנהלעס שבת־קלײדל — לויט: י. שווייגער — — — — — — — — 124
אין דער שטילער שבת־שעה — א. מאגיסטער — — — — — — 127
הײַנט איז פורים (פֿאָלקס־ליד) — — — — — — — — — — — 128
די מעשׂה פֿון פורים (איבערדערציילט פֿון ח. באַרקאַן) — — — 128
הײַנט איז פורים (פֿאָלקס־ליד) — — — — — — — — — — — 132
אַ גוט יום־טובֿ, ייִדן — י. קאַמינסקי — — — — — — — — 133
אויפֿן ביל — אַבֿרהם רייזען — — — — — — — — — — — 134
פֿאַרוואָס האָט משה געשטאַמלט (אַגדה) — — — — — — — — 135
דער פאַסטעך משה (אַגדה) — — — — — — — — — — — — 137
פֿרילינג — י. ל. פּרץ — — — — — — — — — — — — — 138
הוידע — מ. שיפֿרים — — — — — — — — — — — — — — 138
אליהו הנבֿיאס כּוס — נחום יוד — — — — — — — — — — 139
אַ גאַסט אויף פּסח (פֿאָלקס־מעשׂה) — — — — — — — — — 140
אַ גרויסער יום־טובֿ (פֿון „פעדאַגאָגישן בולעטען״) — — — — — 141
די קשיות און דער אַפֿיקומן — י. מ. — — — — — — — — — 142
אליהו הנבֿיא איז געקומען צום סדר — י. מ. — — — — — — 145
הײַנט טאָר מען ניט לאַכן — אײדע מאַזע — — — — — — — 147
חיימל פֿאַרטיזאַן — י. מ. — — — — — — — — — — — — 148
די מענטשן פֿון סדום (אַגדה) — — — — — — — — — — — 151
דער גוטער שכן (פֿאָלקס־מעשׂה) — — — — — — — — — — 152
דער קליינער העלד (לויט „ספר המדרש״) — — — — — — — 154

פרץ און יידישע קינדער — — — — — — — — — — — — 155
שלום־עליכם און אַ שוואַרצער יינגל — — — — — — — 156
מוטערסטאָג ל. מלאך — — — — — — — — — — — — — 158
דודלס קאָמפּאָזיציע — — — — — — — — — — — — — 159
אַ וויגליד — דוד איינהאָרן — — — — — — — — — — — 162
יושר פֿאַר אַרבעטער (אַגדה) — — — — — — — — — — 164
דער אַלטער שניידער דאָדל — א. אויערבאַך — — — — — — 166
שבֿועות — מ. ריוועסמאַן — — — — — — — — — — — 167
עס איז היינט שבֿועות — א. אינדעלמאַן — — — — — — 168
דאָס צענטע געבאָט (פֿון העברעיִש) — — — — — — — — 169
די גאַנצע תורה אויף איין פֿוס (אַגדה) — — — — — — — 170
די גוטע רבֿקה (אַגדה) — — — — — — — — — — — — 172
אַ גוטער שכן איז אַ גרויס גליק (אַגדה) — — — — — — — 174
דאָס גאָלדענע קריגעלע (לויט אַ פֿאָלקס־מעשׂה) — — — — 177
קאַרוסעלן — י. גוויכבערג — — — — — — — — — — — 180
יידיש־ענגליש ווערטער־ביכל — — — — — — — — 181—208
דער אַלף־בית — — — — — — — — — — — — — — — 209
צו די לערערס — — — — — — — — — — — — — — — 210